STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08446

DER KOP

Paolo Mantegazza

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאָלאַ מאַנטעגאַצאַ

דער קאָפּ

("TESTA")

אידיש:

שמואל גלאַזערמאַן

מאָטאָ:

פאַרזעען געדאַנקען

צו שניידען גוטס.

פארלאַג און בוכהאַנדלונג
ג. קאָפּלאַנסקי
קאָריענטעס 2614

בוענאָס איירעס
1933

*　　　　　　*

איבערדרוק — פארבאָטען.

*　　　　　　*

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער

דאָס בוך „דער קאָפּ”, פון פאַרשטאָרבענעם איטאַליענישען שריפטשטעלער פּאָלאָ מאַנטעגאַצאַ איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט קנאַפּע 50 יאָהר צוריק.

אין סאַן מאַרטין (קיאַנטי) האָט מאַנטעגאַצאַ געווידמעט דאָס בוך, אין 1887, דעם באַריהמטען שרייבער עדמונדאָ דע אַמיטשיס — דער מחבר פון פּאָפּולערן בוך „דאָס האַרץ”.

און געווידמעט דע אַמיטשיס'ן דאָס בוך האָט מאַנטעגאַצאַ דערפאַר, ווייל ס'איז אַ כמו־פאָרזעצונג פון „דאָס האַרץ” אָדער ווי מאַנטעגאַצאַ דריקט זיך אַליין אויס: „אַן אָפּגלאַנץ פון יענעם גרויסען ליכט”.

ד'אַמיטשיס'עס „דאָס האַרץ” איז איבערזעצט געוואָרען אויף אַלע שפּראַכען און האָט געוואונען אַ פּאָפּולאַריטעט וואָס ווייניג ביכער האָבען דערצו אַ זכיה.

איך האָט געוויס געלייענט „דאָס האַרץ” אין דער שפּאַנישער איבערזעצונג („קאָראַסאָן”) און ס'איז אייך זיכער באַקאַנט דער אינהאַלט.

„דאָס האַרץ” איז אָהן ספק אַ בוך, וואָס קען זיין באַשטימט פאַר אַן עלטער פון 6 ביז 80 יאָהר...

געפיהרט אין פאָרם פון אַ טאָג־בוך פון אַ שול־אינגעל, מיט'ן נאָמען עריקאָ, איז עס נאָהענט צו קינדער אין עריקאָ'ס שול־עלטער, אָבער איבער'ן פאַרנעהם פון גוטסקייט און האַרציקייט, מיט וועלכען אַלע בלעט־

לעך זענען דורכגעדרונגגען, פאנגט אויך דאָס בוך אָן עלטערען מענש, אין וועלכען ס'טליעט ביז די לעצטע טעג פון לעבען, דער אָנדענק פון זיינע קינדער־יאָהרען...

ד'אמיטשים פיהרט דורך אין זיין בוך דעם געדאַנק, אז אין מענשענס לעבען שפּילט און דאַרף שפּילען בלויז א ראָלע דאָס האַרץ. לויט ד'אמי־טשיס'ן איז דאָס האַרץ דער ערשטער אָנרעגנער צו גוטס און בלויז דאָס האַרץ דאַרף געפאָלגט ווערן אין יעדען שריט אונזערען.

איז געקומען פּאַאָלאָ מאַטעגאַצאַ, האָט גענומען דעם זעלבען עריקאָ'ן, וועלכען ד'אמיטשיס האָט צוגעפיהרט ביז אָן עלטער פון פערצעהן יאָהר, און ער נעמט איהם פיהרען אויפ'ן ווייטערדיגען וועג פון זיין לעבען, מיט'ן אונטערשיד, וואָס אין די מעשים פון עריקאָ'ן און פון אַלע מענשען, וועל־כע רינגלען איהם ארום, שפּילט שוין נישט קיין ראָלע בלויז דאָס האַרץ, נייערט אויך דער קאָפּ.

מאַנטעגאַצאַ'ס העלד אין „דער קאָפּ" זאָגט אין איינעם פון די קאַ־פּיטלען:

„זיין דורכאויס האַרץ, איז נישט גוט: דורכאויס קאָפּ, נאָך ערגער. א מענטש, וואָס איז דורכאויס האַרץ איז א שיף וואָס איז פול מיט געבלאָזענע זעגלען אויפ'ן ווינט, אָבער אָהן א רודער. א מענש, וואָס איז דורכאויס קאָפּ, איז א שיף מיט א גוטען רודער, אָבער אָהן זעגלען און אָהן ווינט. אין איינעם און אין צווייטען פאַל שלאָגט מען זיך אָן אויף שטיינער און אויף זאַמדען־בענק, אָדער מ'בלייבט כסדר שטעהן אויפ'ן זעלבען פּלאַץ. דאָס איז מיין דיוויז, דאָס איז מיין תורה, דאָס איז מיין טעגליכע תפלה: א געזונטער קאָפּ, וואָס זאָל אָנפיהרען א גוט האַרץ, וועלכעס איז אזוי גוט ווי זאָגען: א גוטער רודער און פרישע ווינטען".

די דאָזיגע ארויסגעזאָגטע רייד זענען דער גרונד־מאָטיוו פון גאַנצען בוך, אין וועלכען דער מחבר וויקעלט פאַנאַנדער פאַר אונזערע אויגען ביי־

שפילען און ביישפילען, צו איבערציייגען אונז אין דער אויפריכטיגקייט פון זיין מיין.

מיר טרעפען זיך אַן אינ'ם בוך אויף אַן אַלטיטשקען — עריקאָס אַן עלטער פעטער — וועלכען מען רופט היימישלעך „פעטער באַטשיטשיא" און ער איז עם דער, וואָס פיהרט עריקאָן אריין אין אַ נייער וועלט, אויפ'ן גרונט פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען.

מיר באַגעגענען אין בוך קלוגע און זאַכליכע עצות פון פעטער באַטשיטשיא וועגען אופן פון אָפּהיטען דאָס געזונט, שפּייזען דעם קאָפּ און דערנעהרען דאָס האַרץ.

ס'בלאָזט מיט כח און גבורה, ווען פעטער באַטשיטשיא רעדט פון אַ געזונטען לעבען אויפ'ן ים און אין פרייען פעלד; ס'אָטעמט מיט גע־דאנקען־רייכקייט און אויסגעהאַלטענקייט, ווען פעטער באַטשיטשיא לע־רענט עריקאָ'ן דענקען און באַנעהמען מיט'ן שכל אַלץ, וואָס רינגעלט איהם אַרום; ס'וועהעט מיט האַרציגקייט און יושר, ווען פעטער באַטשיטשיא ווייזט אָן ווי אַזוי דאָס האַרץ פון מענשען דאַרף האַנדלען אין פאַל ווען דער חבר, פריינט אָדער אומבאַקאַנטער מאַכט דורך דחקות און נויט.

מאַנטעגאַצאַ'ס „דער קאָפּ" איז אויך אָפּט אַ שאַרפע קריטיק אויף אָנגענומענע רעגלען אין מענשענס לעבען. ער לאַכט זיי אויס, חוזק'ט אָפּ און רוקט אונטער נייע רעגלען וואָס פּאַסען זיך מעהר צו צום היינטיגען מענשען.

...און כאָטש דאָס לעבען, וואָס ווערט געשילדערט אין דעם מערק־ווירדיגען בוך איז נישט קיין אידישעס, כאָטש אונזער יוגענט קען אפילו נישט חלומ'ען פון אַזאַ געזונטען ים־לעבען, ווי ס'איז אין בוך דער פאַל מיט איטאַליענער — באַטראַכטען מיר פאַר זייער פּאַסיג אַזאַ לייען־מאַ־טעראַל, פון וועלכען ס'קען פיל געלערנט ווערען.

דער איבערזעצער.

* *

צו עדמונדאָ ד'אַמיטשיס.

שוין אַ האַלבער יאָהרהונדערט ווי איך בין נישט קיין קינד, און, פונדעסטוועגען, ווען איך האָב געלייענט אייער „קואָרע“ (דאָס הארץ) האָב איך געוויינט ווי אַ קליין קינד.

פון יענע טרעהרען איז געבוירען דאָס דאָזיגע בוך.

דאָס איז נישט קיין אַנטיטעזע אָדער ווידערשפּרוך פון אייער בוך; נאָך וועניגער איז עס אַ צווייט ליכט, וואָס איך זאָל האָבען געפּרואווט אָנצינדען, צו דערהויבען עס צו דער הויך פון אייערען.

מיין בוך איז בלויז אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ פון אייער ליכט. נעמט עס אויף אַלס מיין באַשיידענעם אויסדרוק פון פאַרעהרונג און אכטונג צו אייך.

אייער

מ אַ נ ט ע ג אַ צ אַ.

סאַן מארטין (אין קיאַנטי) 16־טער אָקטובער 1887.

*   *

I

עריקאָ ווערט געשיקט קיין סאַן טערענזאָ, אין ספּעציאַ־ דורכגוס, אין הויז פון זיין פעטער באַטשיטשיאַ.

יענער גוטער עריקאָ, וועלכער האָט אין „קואָרע" (דאָס הארץ) פון אַמיטשיס זיך אויסגעלערענט גרויס וויסען, האָט, ביים אָנקומען אין דער מיטל־שול, זיך צוגעכאַפּט מיט אַזאַ חשק צו די נייע לימודים, באַזונדערס צו היסטאָריע און געאָגראַ־פיע, אַז נישט צופרידען מיט די שעה'ן פון קלאַס, פלעג ער אויך אויף זיין ביז שפּעט אין אָוונט, בכדי צו לערנען וואָס מעהר.

זיין פאָטער האָט דאָס באַמערקט, און מיט זיסע רייד איהם גענומען אויסמוסר'ן:

— מיין עריקאָ — האָט ער איהם געזאָגט — נעכטען אינדער־פריה האָב איך נאָך געפונען אָנגעצונדען דאָס ליכט אויף דיין נאַכט־טישעל, און כ'האָב דיך געזעהן דרימלען מיט אַ בוך אין האַנט. די מידקייט איז געווען שטאַרקער פון דיין ווילען צו לערנען, און דער שלאָף האָט דיר צוגעשלאָסען די אויגען־לעדלעך. דיין מוטער האָט מיר שוין לאַנג אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דו ארבייטסט איבער די כחות, און דאָס איז אַ זינד, ווי ס'איז אַ זינד ווען מען לערענט ווייניג. דו ביסט דער ערשטער אין דיין קלאַס, דיינע לעה־רער זענען זעהר צופרידען פון דיר, און איך בין אודאי שטאָלץ צו

האָבען אַזאַ בּחור׳ל ווי מיין עריקאָ. פונדעסטוועגען דארף איך דיך אויסמוסר׳ן, ווארום אויב די זאַך זאָל אַזוי געהן ווייטער, וועט דיין געזונט געבּראָכען ווערען און דו וועסט נישט קענען לערנען נישט קיין סך און נישט קיין בּיסעל. בּיסט אַלט פערצעהן יאָהר און דו מאַכסט דורך דעם קריטישסטען פעריאָד פון דיין לעבען. אויב דו זאָלסט דיך נישט היטען און זאָלסט ווערען שוואַך און מאגער, וועסט זיין אַן אומגליקליכע מענש אַלע דיינע יאָהרען.

עריקאָ איז רויט געוואָרען ווי צונטער, און ער האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער צו שלאָפען אַכט לאַנגע שעה׳ן יעדען טאָג; אָבער דער דראַנג צו לייענען, צו באַקענען זיך אַלץ מיט נייע זאַכען, איז געווען שטאַרקער פון זיינע פלענער, און ער האָט אַזוי פיל געלע־רענט, אַז בּיי ענדע שול־יאָהר איז ער קראַנק געוואָרען, געמוזט ליגען צו בּעט איבּער אַ חודש צייט, און פאַרשאַפט גרויס אומרו־היגקייט אין פיין זיין פאַמיליע, וועלכע האָט איהם ממש פארגע־טערט. ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז אַלע זיינע גלידער זענען אויף אַמאָל אָנגעגריפען געוואָרען, אַזוי אַז די דאָקטוירים האָבּען פיר־פינף מאָל געשטעלט אַן אַנדער דיאַגנאָז. צוערשט האָבען זיי גע־זאָגט: מאָגען-פיבער; נאָכהער איז עס געוואָרען: טי־פוס; שפּעטער: בּראָנכיט, און לסוף גאָר עפּעס אַנדערש. דער אמת איז, אַז ווען אונזער עריקאָ איז דערקלעהרט געוואָרען אויסער געפאהר און ער איז אריין אין דערהאָלונג, איז ער געוועזן אַזוי מאגער, אַזוי בּלאַס און אַזוי שוואַך, אַז ער האָט פאַר זיין אייגען פּנים זיך דערשראָקען, ווען ער האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיגעל פון דער קליינער זאַל.

זיין מוטער, וועלכע האָט זיך אַזוי געשראָקען פאַר עריקאָ׳ס לעבען, האָט דערפיהלט אַ טרייסט, ווען זי האָט איהם ווידער דער־זעהן אויף די פיסלעך. זי האָט איהם געדריקט צו איהר האַרצען, געצערטעלט און געקושט הונדערט מאָל אין טאָג, און ס׳האָט בּיי איהר אויסגעזעהן גאַרנישט אויף דער וועלט דאָס הערען איהם רע־דען, קענען איהם רופען איהר זונגעלע, איהר אוצר, איהר ערי־קיליאָ.

אָבער יענע געבענטשטע דערהאַלונג האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט ענדיגען. אויב עריקאַ איז אַמאָל עטוואָס שנעלער אַרויף די טרעפּ, האָט ער זיך גלייך געמוזט צוזעצען, וואָרום דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט אַזוי האַסטיג, אַז ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז אָט פאַלט ער אין חלשות; אויב ער האָט זיך גע-שטעלט ביי אַן אָפענעם פענסטער און די לופט איז געווען עטוואָס קילער ווי געוועהנליך, איז ער גלייך געווען אויסגעשטעלט צו אַ הוסט און צו קאַטאַר, און נאָכן עסען האָט ער געמוזט זיך צולעגען, וואָרום ער האָט זיך דערפילט אַהן כוחות און ער האָט געגעניצט. געגעניצט, אַז ס'איז געווען אַ שרעק. ער האָט כמעט כסדר אונ-טערגעהוסט צו ביסלעך, הגם ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו פאַרהוילען דעם הוסט, ווייל ער האָט געהאַט באַמערקט, אַז זיין מוטער ווערט טויט-בלאַס ווען זי הערט איהם הוסטען, און אַז זי ווערט שטאַרק אומרוהיג.

אין אַ שעהנעם טאָג אָבער, איז ער אַליין פאַרציטערט געוואָרען, ווען ער האָט אין זיין טיכעל באַמערקט אַ רויטען פלעק, ביים אויסשפּייען אין דעם. נאָך אַ שטאַרקערען הוסט ווי געוועהנליך. ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, אָבער ער האָט געהאַט דעם מוט און די איידעלקייט צו אַנקומען צו זיין פאָטער, און נישט צו זיין מוטער, כּדי צו באַווייזען דאָס ביסעל בלוט, וואָס איז אַרויס פון זיין ברוסט, ביים אָנשטרענגען זיך צו הוסטען. ער האָט דאָס נישט געגעבען דערפאַר, ווייל ער זאָל האָבען געמיינט, אַז ער ווערט נישט פון ביידען אַלגאַליינס געליבט, נייערט אַן אינערליכע שטי-מע האָט איהם אונטערגעזאָגט, אַז זיין מוטער איז אומרוהיגער, שרעקעוודיגער און אַז זי ליידט פיינליך, ווען עס ווערט איהם ער-גער אין געזונט.

אַז דער פאָטער האָט דערזעהן דאָס טיכעל, האָט ער זיך גע-מאַכט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשעהן, און ער האָט געטרייסט ערי-קאָן, אַז דאָס בלוט קומט פון דער נאָז, אַז ס'איז גאָרנישט און אַז ס'איז נישטאָ פאַרוואָס זיך צו באַאומרוהיגען.

אָבער גלייך אויף מאָרגען האָט דער פאָטער גערופען אַ קאָנ-

סיליום פון די דריי בארימטסטע דאָקטוירים אין שטאָט, און זיי געבעטען צו באַטראַכטען לאַנגזאַם און גוט עריקאָ'ן, בכדי זיי זאָלען געבען זייער מיינונג וועגען יענער דערהאָלונג, וועלכע האָט זיך קיינמאָל נישט געענדיגט און וועלכע איז געוואָרען אַ צווייטע קראַנקהייט.

די דאָקטוירים זענען געקומען, זיי האָבען עריקאָ'ן באַטראַכט, באַטאַפּט, אויסגעהערט און זיי האָבען לסוף דערקלערט, אַז ס'דראָהעט איהם נישט קיין שום געפאַהר, אָבער ס'וואָלט זיך גע־לוינט ער זאָל אָננעהמען נייע כוחות, בכדי אין דער סאַמע צייט פון אַנטוויקלונג זאָל ער חלילה נישט ווערען טובערקולאָז. ס'איז געווען אומבאַדינגט נויטיג ער זאָל אינגאַנצען אָפּשטעלען דאָס לערנען, מע זאָל איהם אַוועקפיהרען צום ברעג פון ים, אָהן ביכער, אָהן העפטען און אָהן פעדערס, און ער זאָל דאָרט פאַר־בלייבען אַ יאָהר צייט, פיהרענדיג דאָס לעבען פון פויער און פון פישער.

* *
*

אין ווייניגער פון אַ וואָך צייט איז אויסגעפיהרט געוואָרען דער פאַרזאָג פון די דאָקטוירים.

אין סאַן טערענזאָ, אַ שעהן שטעדטעל אָרום ספּעציאַ־דורכגוס, האָט זיך געפיהרט אַן איינזאַם לעבען אַ פעטער פון עריקאָ'ס מו־טער, וועלכער האָט געוואוינט אין אַן אייגענער דירה מיט אַ גרוי־סען גאָרטען אָרום. צווישען אייגענע האָט מען איהם היימישליך גערופען: פ ע ט ע ר ב אַ ט ש י ט ש י אַ. ער פלעג זעהר זעל־טען קומען קיין טורין, אָבער ווען ער פלעג עס טון, איז פּשוט גע־ווען אַ יום טוב פאַר עריקאָ'ס פאַמיליע. ער פלעג תמיד ברענגען עפּעס אַ גרויסען פיש, קליינע פישלעך אָדער אַנדערע געשמאַקע פּראָדוקטען פון ים, און עריקאָ'ן פלעג ער ברענגען אַ קופּערטל פון אינדיע אָדער יאַפּאַן, ווי אויך אַנדערע יקר המציאות, וועלכע ער האָט אָנגעקליבען אויף זיינע לאַנגע רייזעס איבער אַלע ימים פון דער וועלט.

דער פּעטער באַטשיטשיאַ האָט נישט געהאַט קיין קינדער, און ער פלעג זיך פּיהלען אין זיין הויז איינזאַם און טרויעריג, אַזוי אז ס'איז פאַר איהם ממש געווען אַ גליק צו האָבען מיט זיך עריקאָ'ן. זיינע עלטערען האָבען איהם באַגליִיט, אָבער זיי זענען געווען זעהר באַצערט וואָס זיי קענען נישט פאַרבלייבען אין סאַן טערענזאָ נעבען זייער קינד. מיט'ן גאַנצען הארצען וואָלטען זיי זיך צעטיילט אויף צוויי טיילען: איין טייל וואָלט זיך אומגעקעהרט קיין טורין צו דערלעדיגען געוויסע שטוב-זאַכען און אָפּהיטען די קלענערע קינדער, און דער צווייטער טייל וואָלט פאַרבליבען אין ספּעציאַ, בכדי אומצוגעהן אַרום עריקאָ'ן און איהם העלפען געזונד ווערען.

דאָס געזעגנען זיך איז געווען פיינליך און פול מיט טרעהרען; די עלטערען האָבען פאַרשפּראָכען אינגיכען צו קומען און בכלל צו זיין אָפטע געסט. דער פּעטער באַטשיטשיאַ האָט זיך געמאַכט פאַרן שטאַרקען און פאַרן בייזען, און כאָטש ער האָט אַליין אויסגעווישט אַ טרעהר מיט דער לינקער זייט פון זיין האַנט, האָט ער געמאַכט אַ סוף צו דער וויינענדיגער געזעגנונג מיט פאָלגענדע ווערטער:

— גענוג שוין! עמיצער וואָלט געקענט מיינען, אַז צווישען סאַן טערענזאָ און טורין ליגט דער אַטלאַנטיק מיטן פּאַסיפיק צוזאַמען! איך וועל אייך שרייבען יעדען טאָג. איז אייך נאָך נישט גענוג דערמיט? אָדער אַ פּאָסט-קאַרטל אָדער אַזוי עטליכע ווערטער... פאָהרט-זשע אייך געזונטערהייט און איך וועל שוין פון אייער עריקאָ'ן מאַכען אַ פעסטען מאַטראָס; אונזערע לופטען זענען זעהר געזונדטע און דאָ איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבען פאַר די אַכציג אָדער ניינציג יאָהר.

* *
*

די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען קיין סאַן טערענזאָ זענען פאַר עריקאָ'ן געווען אַ נאָכאַנאַנדיגע איבערראַשונג, אַ באַוואונדערונג, פּשוט אַ מין פאַר'שכור'טקייט, אַזוי אַז ער איז אַזש אויף

זיך אַליין ביז געווען וואָס ער דערמאָנט זיך אַזוי ווייניג אין זיינע עלטערען, פון וועלכע ער האָט זיך ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אָפּגעטיילט אַפילו אויף אַ מינוט.

ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעהן פאַר זיך דעם ים, דאָס געזונטע, דורכאויס נייע, לעבען פון די פישער, וועלכע האָבען אַרויסגעשלעפּט אויפן ברעג זייערע פולע נעצען מיט פיש, ווי אויך דאָס געהען און קומען פון די גרויסע איטאַליענישע פאַנצער-שיפען איבער די וואַסערען פון דורכגוס, זייערע מאַנעווורען און די שיסונג-איבונגען פון די קאַנאָנען אין די פעסטונגען — זאַכען אלע, וואָס האָבען איהם אַריבערגעפיהרט פון איין וואונדער אין צווייטען.

ס׳האָט איהם אויך שטאַרק איבערראַשט די שעהנקייט פון דער געגענד און ס׳האָט איהם פאַר׳כישופ׳ט די זיסקייט פון קלי-מאַט. ס׳איז געווען אין מאָנאַט נאָוועמבער, און עריקאָ האָט גע-וואוסט דורך אַ בריף פון זיין מוטער, אַז אין טורין איז אויסגעפאַ-לען אַ גרויסער שניי. דאַגעגען דאָ האָט די זון געשיקט איהרע וואַ-רימע שטראַהלען פון אַ בלויען הימעל, די סאָסנעס און די אייל-בירט-בוימער האָבען נאָך אָנגעהאַלטען זייערע בלעטער, און מיט זייער פאַרשידענאַרטיגער גרינקייט האָבען זיי געמאַכט גלויבען, אַז אין סאַן טערענזאָ איז דער פריהלינג אַן אייביגער.

דאָס שטעדטעל פאַרמאָגט אַרום זיך אַ פּרעכטיגען מיטעלאַל-טערליכען שלאָס און צו לעריטשי צו ציהט זיך דער פאַרק קאַסאַ מאַקאַראַני, וועלכער לאָזט זיך אַראָפּ מיט זיינע הונדערט טויזענד סאָסנע-בוימער ביז צום ים, און וואו אין די הייסטע שעה׳ן פון טאָג קען מען געפינען אַ קיהלען און מיסטעריעזען שאָטען. אין די גרינוואַרג-גערטנער דערהויבט זיך דאָ און דאָרט אַ ריזיגע פּאַלמע, אַלס באַשטעטיגונג פון דער זיסקייט פון קליהאַט. און עס שטרייכען אונטער נאָך פייערליכער די דאָזיגע זיסקייט די פּרעכ-טיגע פלאַנצונגען פון אויסטראַליע און זיד אַמעריקע, וועלכע דער פעטער באַטשיטשיאַ האַלט אזוי חשוב אין זיין גאָרטען.

* *
*

אין אָנהויב האָט דער פעטער באַטשיטשיאַ געהאַט אָנגעוואָרפן אַ מין מורא אויף עריקאַ'ן, אָבער וואָס ווייטער האָט דאָס קול פונם אַלטן ים־מענש אָנגענומען אַלץ צאַרטערע מאָדולאַציעס און ס'איז געוואָרן ווייניגער באַפעהלענדיג; עריקאַ האָט דערפיהלט, אַז דער אַלטער ווערט איהם ליב און אַז ער האָט אין איהם אָנגעטראָפן אַ צווייטן פאָטער.

ס'אַראַ פּרעכטיגע און סימפּאַטישע פיגור ביי יענעם גוטן קאַפּיטאַן! מיטעלע וואוקס, מיט ברייטע און געזונדטע שולטערן, האָט ער אַ גאַנץ יאָהר געטראָגן אַ גרויסען שטרויענעם הוט, אויף וועלכען דאָס זאַמד פון דער ערד און די כוואַליעס פון ים האָבן געהאַט פאַרצייכענט זייער געשיכטע. די האָר פון קאָפּ און באָרד זענען געווען שטאַרק גרויע; די ברעמען — באַוואָקסענע און כמעט שוואַרצע — האָבן ווי אויסבאַהאַלטען זיינע גרויע אויגען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט בלויז צוויי זאַכען: אַ גרויסע מילדקייט און אַ ווילדען צאָרן. זיין כעס איז געווען אַ שרעקליכער, אָבער ער האָט אָנגעהאַלטען זעהר ווייניג; און באַלד, תיכף, ווי נאָך אַ ווילדען שטורם, האָט זיך באַוויזען אַ מילדקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען נישט געהאַט. דאָס פּנים איז ביי איהם געווען ווי פון איבערגעברענטע קופּער און צעאַקערט פון אַ סך טיפע קנייטשען: אַן אויסזעהן פון אַן אַלטען לייב, וואָס אין אָנהויב האָט ער געשראָקען, אָבער שפּעטער האָט ער געוועקט צו זיך די טיפסטע אַכטונג.

די מילדקייט און דער צאָרן, וועלכע האָבן זיך געביטען אין די אויגען פון פעטער באַטשיטשיאַ, זענען געווען צוויי זאַכען, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט צעשיידען און זיי האָבן אויסגעזעהן צו בילדען דעם גרונד פון זיין כאַראַקטער. אויב ער איז אַרוים שפּאַצירען אין שטעדטעלשען פּלאַץ און אַ בעטלער מיט אָפּגעהאַקטע הענט איז אונטערגעקומען איהם בעטען אַ נדבה, האָט מען באַלד געקענט הערען:

— געה צום טייפעל! פוילנעצער, חוצפּה'ניק!

און דער בעטלער איז אַנטלאָפן אַ דערשראָקענער פונם טאָן פון זיין קול און נאָך מעהר פון דער ווילדער מימיק, וואָס האָט באַ־

גלייט די זידעל-ווערטער; אָבער ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַר-לוירען פון אויג ווען דער פעטער האָט געגעבען עריקאָ׳ן אַ לירע:

— לויף, גיב איהם די מטבע. ער בעט נדבות, אָבער ער האָט קיין הענט נישט און ער קען דאָך נישט ארבייטען.

אַן אַנדערש מאָל האָט געטראָפען, אַז מ׳איז געקומען צו איהם אין גאָרטען בעטען ער זאָל זיך בייזשטייערען אויף אַ וואוילטעטיגען צוועק אָדער אויף אַן אַנדער הומאַניטאַרער ארבייט, האָט ער, פונם פענסטער פון ערשטען שטאָק, געשריען, זיך גע׳כעס׳ט און אָפּגע-שיקט צו אַלע טייפלען די אומגעבעטענע געסט.

— אַן אומדערהערטע זאַך — האָט ער געשריען — מען קען נישט לעבען רוהיג קיין איין מינוט. פאַרנעהמט אייך פון דאַנען מיט אַלע אייערע פילאַנטראָפּישע שווינדלען, מיט וועלכע איהר שלעפּט ארויס געלט ביי די נאַראָנים! צדקה טוה איך מיר אויף מיין אופן און ווען איך וויל. איהר האָט פאַרשטאַנען?

אויב דאָס זענען געווען מענשען פון שטעדטעל, האָבען זיי אָפּ-געשוויגען און זיך נישט אויפגע׳כעס׳ט.

— מיר וועלען קומען אַ צווייט מאָל — האָבען זיי געזאָגט.

און זיי פלעגען אַוועק אין דער פולסטער זיכערקייט, אַז דער פע-טער באַטשיטשיאָ ועט, פאַר דעם, ווי ס׳וועט צופאַלען די נאַכט, אַליין קומען צוגעהן זיך בייזשטייערען מיט אַ פעטער סומע.

אַלע האָבען איהם ליב געהאַט אין שטעדטעל, און עריקאָ פלעג דאָס באַמערקען ווען ער איז געגאַנגען מיט איהם שפּאַצירען. פון די גאַסען-אינגלעך, וואָס האָבען זיך געשפּילט אויפן פּלאַץ ביז די אַנ-געזעהענסטע הערן, האָבען אַלע אָפּגעהיט דאָס באַגריסען איהם, אַ באַגריסונג פול מיט ליבע און דרך ארץ.

די קינדער האָבען צוערשט געקוקט אויף איהם מיט אומצוטרוי, אָבער שפּעטער האָבען זיי גענומען שמייכלען צו איהם, און גאַנץ אָפט פלעגען זיי זיך צורוקען צו איהם, ווען אפילו עטוואָס צעשראָ-קענע, מיט דער האָפנונג צו באַקומען געשאַנקען אַ צוקערל, אַ פרוכט אָדער גאָר אַ ניקעל.

זיינע מיטשפּאַצירער און זיינס גלייכען פלעגען איהם אויך רו-

פּען, ווי עריקאָ׳ס פֿאַמיליע, דער פּעטער באַטשיטשיאַ; די אַנדערע האָבּען, אין אַלגעמיין, איהם גערופען דער קאַפּיטאַן, און ווי ס׳האָט אויסגעזעהן איז איהם דער דאָזיגער נאָמען צום שטאַרקסטען געפעהלען. ס׳האָט אויך געטראָפען, אַז עפּעס איינער, אַן אומפאָרזיכטיגער אָדער אַ נייער אין שטעדטעל זאָל איהם אַ רוף טוהן הער קאַוואַליר, איז וויי געווען צו יענעם אומגליקליכען! ער האָט זיך שוין געמעגט ריכטען צו באַקומען אַ ווימטען ברוך הבּא און מוזען אַנקומען צו איהם שפּעטער מיט דער זעלביגער בּיטע, אָבער דעם קאַוואַליר האָבּען איבּערגעלאָזט אין דער היים...

— וואָס פאַר אַ קאַוואַליר און וועלכע שוואַרץ-יאָהר בּין איך אייך? — פלעג ער אויסרופען — איהר זעהט דען נישט, אַז איך געה צו פוס ווי וועלכער ס׳איז בשר ודם?

אין סאַן טערענזאָ זענען, אויסער דעם פּעטער באַטשיטשיאַ, געווען בלויז דריי פּערזאָן, וואָס האָבּען געבּילדעט די אַריסטאָקראַטיע פונם שטעדטעל. דאָס איז געווען דער גלח, דער דאָקטער און דער אַפּטייקער, און אַלע דריי האָבען זיך געאייניגט אויף רופען דעם אַלטען קאַפּיטאַן אָדער מיטן נאָמען ווילדער בעל צדקה אָדער פילאָזאָף. מ׳האָט איהם גערופען ווילדער, ווען ער איז אַריינגעפאַלען אין איינעם פון זיינע שרעקליכסטע גרימצאָרנס, און פילאָזאָף האָט מען איהם גערופען, ווען ער איז געווען רוהיג און פרידליך מיט זיך אַליין און מיט די אַרומיגע.

אייגענטליך איז ער געווען בּיידע זאַכען אויף אַמאָל; די נאַטור האָט איהם געמאַכט פאַר אַ ווילדען און אַ האַרטען, אָבער די גוטסקייט פון זיין האַרץ און די דערציהונג מיט וועלכער ער אַליין האָט געוואוסט זיך צו פאַרבעסערען, האָבען אָפּגעווישט טיילווייז די חסרונות פון דער נאַטור. ער איז, הייסט עס, אויך געווען אַ פילאָזאָף, און וואָס בעסער נאָך, אַ פרעהליכער פילאָזאָף, אָבער ווייטער וועט נאָך צייט זיין צו רעדען בּרייטער וועגען זיין פילאָזאָפיע...

* *

II

עריקאַ׳ס ערשטע לעקציע אין זיין פעטערס גאָרטען. — די זעקס סאָסנע-בוימער. — די גערשטען פון נאַרוועגען און דער איינגעשפּאַרטער שפּאַראַג

הער נאַר, עריקאַ — האָט איינמאָל געזאָגט דער פעטער באַטשיטשיאַ צו זיין פלימעניק, ווען ער איז מיט איהם געזעסען אויף אַ מאַרמאָרנער באַנק אין גאָרטען — מיין נישט, אַז דאָס יאָהר וואָס דו דאַרפסט מיט מיר פאַרברענגען, וועט דאַרפען זיין אַ לאַנגע קייט פון פוילקייט און פון אומגעהן בטל, און אַז דו וועסט דיך נאָר דאַרפען ווידמענען צו פאַרבעסערען דיין געזונט. די פוילקייט איז שעדליך אפילו פאַר אַזעלכע, וואָס זענען אין דערהאָלונג. דו וועסט נאָר דאַרפען אַרבייטען אויף דער פרייער לופט, און אנשטאַט צו זיצען אויף דער שול-באַנק און פאַרנעמען זיך מיט לעהר-ביכער, וועסטו דאַרפען זיך זעצען אויף אַ גאָרטען-באַנק אָדער אויף אַ פעלזען-שטיין ביים ים, און איך וועל זיין דיין לעהרער.

כ׳וועל מיט דיר נישט לערנען קיין לאַטיין און קיין גריכיש; איך וועל מיט דיר בלויז רעדען וועגען דער קונסט פון לעבען און פון זיין אויף דער וועלט אזוי, אַז עס זאָל זיין גוט פאַר זיך און שעהן פאַר לייטען. איך האָב מיך דערזעהן אויף אַ שיף ווען כ׳האָב קוים געקענט לייענען און שרייבען און דאָס ביסעלע, וואָס איך וויים, ווי אויך דאָס פאַרמעגען, וואָס כ׳האָב אויפגעזאַמעלט, און

די דאָזיגע קליינע פּאָרם, וואָס כ'האָב מיר אויפגעבויט, האָב איך צו פאַרדאַנקען בלויז מיר אַליין. ווען מען קען לייענען און שרייַבען, און ווען מען פאַרמאָגט אַ פּאָר גוטע אויגען צום זעהן און צום לערנען אַלץ, וואָס רינגעלט אונז אַרום, האָט מען אין די הענט די שליסלען צום גוטס, און מען קען זיך דערציהען און זיך לערנען איינער אַליין, אָהן קיינעמס הילף.

כ'זאָג דיר דאָס, נישט בכדי דו זאָלסט פיינט באַקומען דיין שול, דיינע ביכער און דיינע לעהרער, נייערט דו זאָלסט דיך איבערצייגען, אַז אויסער די דאָזיגע שעהנע זאַכען איז פאַראַן אַ וועלט, וואָס איז אָפען פאַר אַלעמען, פון וועלכער מיר דאַרפען נעמען דאָס זיכערסטע, דאָס נוצליכסטע און דאָס פּראַקטישסטע. די לעהרער (אפילו די בעסטע) ווייזען אונז דעם וועג, אויף וועלכען מיר דאַרפען געהן, אָבער געהן אויף דעם וועג מוזען מיר דאָך מיט אונזערע אייגענע פיס, און מיט פעסטע טריט דאַרפען מיר שפּאַנען, בכדי צו קענען, גלייכצייטיג, באַאָבאַכטען די, וואָס געהן מיט אונז מיט, אָדער וואָס קומען אונז אָן אַנטקעגען, בכדי צו שטודירען מיט די אייגענע אויגען די פעלדער, וואָס מיר שפּרייזען דורך און באַטראַכטען די בלויע בערג, וועלכע זעהן זיך תמיד העט ווייט ביים גרעניץ פון האָריזאָנט.

איך וועל דיך לערנען, אָהן ביכער און אָהן אַ מאָוועל, אַ סך שעהנע זאַכען, וואָס איך האָב אַליין מיך אויסגעלערענט, וועלכע האָבען מיר אַזוי פיל געהאָלפען און אויך געהאָלפען פרעמדע, און וועלכע וועלען מעגליך דיר אויך העלפען. אין די שולעס לערענט מען נישט אויס, סיידען נאָר אַ קליינעם טייל, די קונסט פון לעבען און דענקען, און ס'איז כדאַי דאָס אויסצולערנען, צוקוקענדיג זיך גוט צו אונזער אַרום און שטודירענדיג ווי עס דענקען און לעבען די אַנדערע. יעדע סצענע פון דער נאַטור, יעדער מענש, וואָס מיר באַגעגענען אויף אונזער וועג, קען אונז געבען אַ לעקציע, אויב מיר קענען נאָר מאַכען רעדען די נאַטור און די מענשען. דאָס בעסטע וואָס מיר געפינען אין די רייד פון אונזערע לעהרער און אין די בלעטלעך פון די ביכער, איז גענומען געוואָרען פונ'ם גרויסען בוך

פון דער נאַטור, וועלכע איז באמת די מוטער פון אַלעמען און די לעהרעריןן פון אַלע לעהרער.

צום ביישפּיל, אַט דאָ אין מיין גאָרטען נעם איך אויף גרויסע לעקציעס פון מאָראַל און פון דערציהונג. גיב נאָר אַ קליינעם קוק אויף יענע פינף סאָסנע-בוימער, וועלכע בילדען דעם וועג, וואָס פיהרט פונ׳ם פלויט ביז׳ן הויז און יענץ אַנדערע סאָסנע-בוימעל, וואָס זעהט זיך קוים אָן ווייט אַראָפּ צום ים צו.

די דאָזיגע זעקס סאָסנעס זענען פון זעלביגען עלטער, זענען פון זעלביגען מין און זענען פאַרפלאַנצט געוואָרען דורך מיר, מיט צעהן יאָהר צוריק, פונקט ווי אַלע אַנדערע בוימער פון מיין גאָר-טען און פון מיין סאָד. ווען כ׳האָב זיי פאַרפלאַנצט, זענען זיי אַלט געוועזן פיר יאָהר, און דערפאַר זענען זיי טאַקע אין דיין עלטער. אָבער זעה נאָר וואָס פאַר אַן אונטערשיד אין גבורה און שעהנקייט צווישען די פינף ערשטע און דעם אַנדערען, דעם אומגליקליכען, וואָס זעהט זיך קוים, קוים אַרויס פון צווישען די ווילדע גראָזען אין טאָל.

כ׳האָב געהאַט געקויפט זעקס סאָסנעס און זיי געבראַכט פון פלאָרענץ, ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל זיי אַלע דאַרפען צום וועג; אָבער ווי נאָר כ׳האָב פאַרפלאַנצט די ערשטע פינף, איז דאָס זעקסטע שוין געוועזן איבעריג, און נישט וויסענדיג וואו דאָס אהינצוטון, האָב איך עס פאַרפלאַנצט אין יענעם טאָל, אויף אַן אומפּרוכטבאַרען און אומדאַנקבאַרען באָדען.

די ערשטע פינף האָבען געטראָפען אַ שוים פון ווייכער ערד, האָבען די וואָרצלען זיך צעוואַקסען אין דער ברייט און אין דער טיף, און אַט זעהסטו זיי: שטאָלצע, צעוואַקסענע, באַצווייגטע און אָנגעפולטע מיט זאַפטיגער פרוכט. דאָס אַנדערע דאָרט איז איינגעאַנצען הויך עטוואָס מעהר פון אַ מעטער, ס׳איז שוואַך, ראַ-כיטיש, ס׳האָט קיינמאָל געגעבען קיין שטיקעל פרוכט, און ס׳איז זיך לייכט פאַרצושטעלען, אַז עס וועט גאָר אינגיכען שטאַרבען.

פונדעסטוועגען, ווען מיר האָבען זיי פאַרפלאַנצט, זענען אַלע זעקס בוימלאך געוועזן אַלצאיינע, פאַרמאָגט די זעלביגע קראַפט

און האָבּען מיט דער צייט באַדאַרפט האָבּען די זעלבּיגע אַנט-ווּיקלונג. אָבּער די פינף ערשטע זענען אַזוי הויך ווי די שטוּב און זיי ווּעלען לעבּען מעהר פון מיר; אויבּ קיינער וועט זיי נישט אויסהאַקען, וועלען זיי לעבּען מעהר ווי דער גאָרטען; דאָס אַנ-דערע דאָרט, האַלט שוין בּיים שטאַרבּען. דאָס זענען די פאָלגען פון פאַרשידענער דערציהונג, פון פאַרשידענעם באָדען, אין וועל-כען די בּוימלאך זענען פאַרפלאַנצט געוואָרען; אַ זעלטענע לעק-ציע וועגען דעם, וואָס עס קען אויפטון די אַגריקולטור און וואָס מען קען דערגרייכען דורך דערציהונג, וועלכע איז אויך אַן אַג-ריקולטור פון די דאָזיגע געוויקסען, וואָס הייסען מענשען. צוויי אַלצאַיינע מענשען, נאָר ווייל זיי זענען פאַרפלאַנצט געוואָרען אויף פאַרשידענעם באָדען און באַאַרבּייט געוואָרען אויף אַ פאַרשידענ-אַרטיגען אופן, וועלען זיין דאָס אָפּבּילד פון די צעצווייגטע סאָס-נעס, וואָס בּיים וועג און פון יענעם אומגליקליכען סאָסנע-בּוימעל אין טאָל.

ווען דו וועסט זיין אַליין, עריקאָ, פאַרטראַכט דיך אין דער געשיכטע פון מיינע סאָסנעס און שרייבּ עפּעס אָן וועגען דעם אין די בּריוו צו דיין מוטער. און רוף אָן דאָס דאָזיגע מעשה׳לע, אַ קורץ מעשה׳לע, אָבּער אַן אמת׳דיגס, די ערשטע לעקציע פון פעטער באַטשישטשיאָ.

* *
*

יענער פעטער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבּען פאַרבּראַכט אויפ׳ן ים, האָט איצט, אויף דער עלטער, נישט ליבּ געהאַט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די ערד, און גאַנצע טעג פלעג ער פאַרבּרענגען אין זיין גאָרטען. ער פלעג נישט ארויספאָהרען מיט קיין שיף, סיידען אויף צו מאַכען איינאָטעמען עריקאָ׳ן די פרישע לופט פון ים אָדער אויף צו לערנען איהם רודערען מיט אַ קליינעם שיפעל.

עריקאָ האָט געהאָלפען זיין פעטער אין דער אַרבּייט אַלס גערטנער און בּיסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעלערענט די נעמען

פון די פלאַנצונגען, צו וואָס זיי נוצען און ווי אַזוי מען דאַרף זיי באַאַרבייטען.

אין אַ טאָג האָט דער פּעטער באַטשיטשיאַ גענומען אין האַנט אַ רידעל און זיך געשטעלט באַאַרבייטען אַ קליינעם קוואַדראַט אין גאָרטען, וואו עס זענען נאָך געשטאַנען די אונטערגעשניטענע תבואה-זאַנגען פון לעצטען שניט.

*   *
*

— זעה, עריקאָ, די דאָזיגע שטרויעלעך האָבען אויך זייער געשיכטע, און זיי האָבען מיר געגעבען אַ גרויסע לעקציע פון ווי-סענשאַפט און מאָראַל. ווילסטו זי הערען?

פאַראַיאָהרען זומער האָב איך אין דעם קליינעם ווינקעל פון מיין גאָרטען פאַרזעעט אַ זשמעניע גערשטען-קערנער. וואָס איך האָב אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין מיין ביוראָ אַלס אָנדענק פון מיינער אַ רייזע איבער לאַפּאָניע.

אין יענעם אַלטען לאַנד פון אייראָפּע, וואו עס ווערט נישט געבוירען קיין שום בוים, שיינט די זון טאָג און נאַכט דריי מאָ-נאַטען דורכאַנאַנד, און דעמאָלט איילען זיך צו געבוירען, וואַקסען און געבען פרוכט די גרעזעלאַך און אָרימע בוימעלאַך, וואָס קענען לעבען אין יענע מקומות. מען וואָלט געקענט זאָגען, אַז די גע-וויקסען זענען אומגעדולדיג צו דערפילען מיט זייער מיסיע; די לאַפּאָנישע פלאַנצען האָבען זיך געמאַכט אַ טבע צו לעבען גע-איילט.

גערשטען איז די איינציגע תבואה, וואָס וואָגט צו וואַקסען אין לאַפּאָניע, אָבער אויך די דאָזיגע תבואה ווערט געבוירען, וואַקסט און גיט איהרע זאַנגען אין אַ פיל קורצערער צייט, ווי אין אונזערע קלימאַטען. נייגעריג צו זעהן, צי ביי אונז וואָלטען אויך די גערשטען-קערנער געוואַקסען שנעלער, האָב איך מיטגעבראַכט אַ זשמעניע קערענדלעך, נאָר נאָכהער האָב איך עטליכע יאָהר זיי געהאַט פאַרגעסען אין אַ פּושקעלע. היי-יאָהר האָב איך זיך אָנגע-טראָפען אויף זיי און כ'האָב געוואָלט מאַכען דעם עקספּערימענט.

נו, עריקאַ; אונטער דעם דאָזיגען שמייכלענדיגען הימעל, אונטער וועלכען אַלע פלאַנצען קענען זיך אַנטוויקלען מיט דער גרעסטער באַקוועהמליכקייט, אָהן מורא פאַר שניי אָדער פאַר אייז, האָט דער גערשטען פון לאַפּאַניע אָנגעהאַלטען זיין אַלטע טראַדיציע און צו דער גרעסטער שטוינונג פון אַלע מיינע שכנים און פריינד פון סאַן טערענזאָ, האָבען זיי אין געצעהלטע וואָכען געמאַכט זייער קאַריערע און ארויסגעגעבען פרעכטיגע זאַנגען, וועלכע דו האָסט זיכער געזעהן הענגען אין אַ בינטעל אונטערן דאַך פון מיין אַרבייטס - צימער.

מיט די דאָזיגע זאַנגען וועל איך באַנייען דעם עקספּערימענט איבעראַיאָהר און אַלע יאָהר, וואָס איך וועל נאָך לעבען, און נאָכהער וועל איך פאַרזאָגען מיינע יורשים זיי זאָלען זיי איבערפלאַנצען אויף יאָהרען און יאָהרען. כ׳בין זיכער, אַז ביסלעכווייז וועלען מיינע גערשטען פאַרלירען דעם אומגעדולד אינם וואַקסען און אין צייטיגען די זאַנגען און זיי וועלען ווערען דער גערשטען וואָס איילט זיך נישט פונקט ווי די, וואָס מיר קולטיווירען אין די וואַרימע און הייסע לענדער פון אייראָפּע.

מיין טייערער עריקאָ. די דאָזיגע תבואה פון לאַפּאַניע גיט אונז אַ גרויסע לעקציע. פאַר אַלעמען ווייזט עס אונז ווי די פלאַנצען ווייסען זיך צוצופּאַסען צו די פאָדערונגען פונם קלימאַט און זיך ענדערען, בכדי צו קענען געגענשטעלען זיך די געפאַהרען און די שונאים, וואָס דראָהען איהם. אויב די גערשטען פון סקאַנדינאַוויע אָדער לאַפּאַניע זאָלען וואַקסען מיט דער זעלביגער לאַנגזאַמקייט ווי צווישען אונז, וואָלטען זיי זיך באַדאַרפט אָפּזאָגען פון לעבען, וואָרום די לעצטע קעלטען פון פריהלינג און די ערשטע פרעסט פון צפון-האַרבסט, וואָלטען זיי דער׳הרג׳עט. אָבער דער גערשטען פון צפון לויפט און קומט אין צייט זיך צו באַפרייען פון זיינע שונאים. ס׳זענען אויך פאַראַן אַזעלכע מענשען, וועלכע זענען באַשטימט אויף אַ קורץ לעבען און וועלכע זענען אָפט פאַרגעשריטען אין זייער פיזישער און גייסטיגער אַנטוויקלונג. זיי מאַכען דורך שנעל

דעם מאַרשרוט פון זייער לעבען, ווי דאָס קערענדעל, וואָס איך האָב געבראַכט פון לאַפּאָניע.

אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג; דער לאַפּאָנישער גערשטען גיט איבער די נייע דורות די טבע פון לעבען שנעל, און הגם מען פיהרט איהם אַריבער אין הייסע לענדער, וואו די שנעלקייט איז שוין נישט נויטיג, איילט ער זיך נאָך אַלץ אונטער. ס'איז אַ פאַקט, אַז מיט דער דערציהונג, מיט דער סביבה און מיט אַלע מיטלען, וואָס מיר באַנוצען ביים ענדערען זיך צום גוטען אָדער צום שלעכטען, קענען מיר נישט נאָר זיך פּערפעקציאָנירען, נייערט מיר גיבען אויך איבער אונזערע קינדער און קינדס-קינדער אַ טייל פון דעם גוטס וואָס מיר האָבען אַליין באַקומען. גוטס ברענגט גוטס, און די לעבעדיגע געבען איבער אַפילו די נאָך נישט געבוירענע דאָס, וואָס זיי האָבען זיך פאַרשאַפט מיט די גוטע טהאַטען, מיט די גוטע מידות.

ס'קען זיין, עריקאַ, אַז דו פאַרשטעהסט דערווייל נישט די וויכטיגקייט פון דעם, וואָס איך זאָג דיר, ווען אַפילו דו זאָלסט זיין קלוגער וועדליק דיין עלטער; ס'איז אָבער גענוג דערווייל דו זאָלסט געדענקען מיין גערשטען און אין מינוטען פון זיין אַליין און ביים טראַכטען אין זיך, זאָלסטו אויך אַ קלעהר טהון אין דעם, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט.

אָבער, ווען דו וועסט עלטער ווערען און וועסט שוין האָבען לאַנגע הענטען, וועט דאָס מעשה'לע וועגען מיין תבואה אַרויפשווימען אין דיין זכרון און ס'וועלען זיך דערוועקען אין דיר געדאַנקען, וואָס דו וועסט קענען אַנווענדען אין דער קליינער פּראַקטיק פון טעגליכען לעבען, ווי אויך אין דער לייזונג פון די גרעסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען.

*   *

*

אַן אַנדערער טאָג, האָט דער פעטער באַטשיטשיאַ, ליגענדיג זיך ברייטליך אויסגעצויגען אויף איינעם פון די שטענגלעך פון זיין גאָרטען, זיך פאַרנומען, פון אייגענער הנאה וועגען, מיט אויסריי-

סען גרעזלעך. עריקאַ איז בעת מעשה געזעסן אויף אַ הויפן שטיינער און מיט גרויס באַוואונדערונג צוגעקוקט מיט וויפל פאַרגעניגען דער פעטער טהוט אָפּ זיין שטיקעל אַרבייט.

— ליבער פעטער — האָט עריקאַ זיך אָפּגערופען, — ווי קענט איהר עס האָבען הנאה ביים רייסען סתם גראָזען? פאַרוואָס גיט איהר נישט אָפּ אַן אַרבייטער די דאָזיגע פאַרמאַטערענדיגע און באַלעסטיגענדיגע אַרבייט?

— מיין עריקאַ, קענסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען איך האָב אין דער דאָזיגער פאַרוויילונג. כ'רעד מיט אַלע גרעזעלעך, כ'רעד מיט די מוראַשקעס, דעם גאַנג פון וועלכע כ'רייס איבער מיט אַזאַ גרויסער הנאה; מיט די מושלען, מיט די כל'ערליי אינזעקטען וואָס איך טרעף אַן; מיט דעם דאָזיגען גאַנ־צען קליינעם, אָבער לעבעדיגען, וועלטעל פון געוויקסען און באַשע־פענישען, אויף וועלכען די מענשען קוקען גאָרנישט און וועלכע מיר פאַרניכטען יעדען טאָג מיט אונזערע טריט, נישט טראַכטענדיג צומאָל וואָס מיר טוען. אַחוץ דעם העלפט מיר קלעהרען די מאָנאָ־טאָנקייט גופא פון מיין האַנט־אַרבייט. און מיין געדאַנק טראָגט זיך אריבער ווייט, זעהר ווייט, נאָכן אָנשפּאַרען זיך אויף אַ צאַר־טען גרעזעלע אָדער אויף אַ מושעלע, וואָס ליגט זיך אויסבאַהאַל־טען אין איהר קליינעם שיידעל.

צווישען די פיל ביכער, וואָס איך האָב פאַרקלעהרט, בעת איך בין געזעסען אויף די שטעגעלעך און געריסען גראָז, ביכער וואָס איך וועל קיינמאָל נישט אָנשרייבען, איז פאַראַן איינס, וואָס וואָלט באַדאַרפט הייסען: "פּ ע ד אַ ג אָ ג י ש ע ל ע ק צ י ע ס, וואָס כ'האָב אויפגעקליבען אין מיין גאָר־טען".

אויב ס'לאַנגווייליגט דיך ניט צופיל, הער מיך אויס מיט קאָפּ. אויף די שטעגען און וועגען פון מיין גאָרטען וואַקסען לפּחות דריי־סיג אָדער פערציג מינים גראָזען, וועלכע איך פאַרזעע, און וועל־כע ווערען געבוירען און ווידערגעבוירען כסדר מיט אַ פאַרשידענ־אַרטיגער עקשנות. למשל קראָפּיווע. אַז מען רייסט זי אויס

וואַקסט זי שוין מעהר נישט חדשים-לאַנג און אַמאָל אויך יאָהרען, ביידען די ווינטען פּאַרטראָגען איהרע קערנער. דאָגעגען זענען פאַראַן קליינע געוויקסען, וועלכע ס׳איז כמעט אונמעגליך אויסצוראָטען; אַזוי שטאַרק פאַר׳עקשנ׳ען זיי זיך צו לעבען. איינע פון זיי איז אַזאַ גראָז, וואָס איבער׳ן עקשנות און ווידערוואַקסען פון די אונטערגעשניטענע וואָרצלען האָט עס אַרויסגערופען אַזוי פיל שפּריכווערטער, אין וועלכע דאָס דאָזיגע געוויקס איז תמיד פאַררעכענט אַלס דער סימבאָל פון עקשנות, פון ניט וועלען זיך אויסבעטערן און פון נאָך אַ סך אַזעלכע שעהנע מעלות. אַ צווייט געוויקס, וואָס איז וועניגער באַקאַנט, איז אָט יענץ, וועלכעס דו זעהסט דאָרט מיט געלע, כמעט גאָלד-פאַרביגע בלומען און מיט בלעטער, וואָס זענען שטאַרק עהנליך צו די בלעטלעך פון ווילדער ציקאָריע.

אינם ווידערשטאַנד וואָס ביידע געוויקסען ווייזען אַרויס געגען פאַרניכטונג זעה איך אַ גרויסע דערציהונגס-לעקציע.

דאָס ערשטע פון די צוויי געוויקסען צעוואָרפט אין אַלע ריכטונגען אַזעלכע און אַזוי פיל וואָרצלען, וועלכע צעשפּרייטען זיך און שלענגלען זיך אַוועק אין אַלע זייטען פון דער ווייכער ערד, אינ׳ם טרוקענעם זאַמד, צווישען שטיינער און פעלזען; ווען דו מיינסט, אַז דו האָסט אויסגעריסען דאָס גרעזל, האָסטו ערשט גאָרנישט אויפגעטהון, וואָרום דו לאָזט איבער אין דער ערד און צווישען די שטיינער אַזוי פיל און אַזוי פיל וואָרצלען, און דאָס גרעזל וועט ווידער אַריסוואַקסען. אָט זעה, מיט דעם דאָזיגען רידעל האָב איך ביטער פאַרפאָלגט די דאָזיגע וואָרצלען, כ׳האָב מיך ממש פאַרלעגט אויף זייער לעבען, אָבער איך קען זיי נישט אויפזוכען אַלע, און אויב ס׳בלייבט נאָר איין-איינציג וואָרצעלע וועט עס שוין ווייזען ווי אַרויסצוקריכען אויף דער פרייער וועלט און אַרויסגעבען אַ נייע פלאַנצעלע.

דאָס צווייטע געוויקס לאָזט זיך נישט פאַרניכטען אויף אַן אַנדער אופן: האָסט אָפּגעריסען דאָס קליינע קעפּעל מיט בלעטער און בלומען, וואָס קריכט אַרויס פון דער ערד, אָבער דו האָסט אומזיסט פאַרלוירען צייט, וואָרום יעדער שטעקעלע לאָזט איבער אונטער

דער ערד זעקס, אַכט, צעהן, ביז צוואַנציג פּעדימלעך, וואָס האָבען גאָר קיין פּנים נישט, אָבער יעדעס איינס פון זיי קען פון זיך אַליין אַרויסגעבען אויפסניי דאָס פאַרניכטעטע געוויקס, ווי ס'וואָלט אַרויס געשיקט דאָס גרעזעלע אויף גאָט'ס ערד צו פּראָטעסטירען געגען טויט און געגען פאַרניכטער.

דאָס זעלביגע געשעהט אויך מיט אַ געוויסען מין שפּאַראַג וואָס וואַקסט ביים עק פון גאָרטען, נעבען די פייגען-בוימער, און וועלכעס שפּאַרט זיך אַרויס אַלע יאָהר פון דער ערד, וואַקסט און ציהט זיך אויס שטאָלץ, כאָטש כ'רייס איהם כסדר אַרויס נאָך איידער ער האָט געגעבען די בלום און די פרוכט. טויזענד מאָל האָב איך שוין געמיינט צו האָבען פאַרניכטעט אַפילו די וואָרצלען, אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט: דאָס צווייטע יאָהר, אַהאַ! ס'איז דאָ דאָס דאָזיגע עקשנות'דיגע געוויקסעל, און ווי ס'וואָלט חוזק געמאַכט פון מיר איז עס אַרויסגעוואַקסען פונם אייגענעם אַש. היי-יאָהר קענסטו דעם שפּאַראַג זעהן אין פולער בליהונג, וואָרום זיין עקשנות האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַ געוויסען דרך ארץ, כ'האָב אין דעם דאָזיגען געוויקס דערזעהן דאָס טרייע אָפּבילד פון אַ פעסטען און אומבויגזאַמען כאַראַקטער, און איך האָב געזאָגט: „זאָל עס לעבען“.

מיין טייערער עריקאָ, די דאָזיגע עקשנות'דיגע געוויקסען געבען אונז אַ גוטע לעקציע פון דערציהערישער מאָראַל. זיי האָבען אויסדויער און ווידערשטאַנד געגען פאַרניכטונג, ווייל זיי האָבען אַ סך פעסטע וואָרצלען און זיי גראָבען זיך איין מיט זיי טיף אין דער ערד; די אַנדערע גרעזעלעך, וועלכע האָבען ווייניג וואָרצלען און שוואַכע נאָך דערצו, שטאַרבען ביים ערשטען שלעפּ. מיר זענען אויך אַזוי. בכדי זיך געגענצושטעלען די פּלאָגענישען פון לעבען, מוזען מיר לאָזען גרייכען די וואָרצלען פון ווישענשאַפט און פון געפיהל אין די טיפסטע טיפענישען פון אונזער איך, בכדי ווען דער שטורעם וועט אונז אומוואַרפען, זאָלען מיר זיך קענען אויפהויבען און ווידעראויפלעבען צו אַ נייעם זיין. אַלץ וואָס ס'האָט אויבאויביגע וואָרצלען שטאַרבט שנעל. ווען אַפילו ס'זאָל נישט קומען די שטאַרקע האַנט צו אויסרייסען דאָס גרעזעל אָדער דעם שטאַם. די

אויבענאויפיגע וואָרצלען שטאַרבען, ווען ס׳רעגענט נישט, ווארום דאָס שטיקעל ערד אין וועלכען זיי וואַקסען, באַקומט נישט קיין וואַסער. דאַגעגען, ווען די וואָרצלען זענען טיפע, ווייסען זיי ווי צו אָננעהמען זיך מיט דער נויטיגער פייכטקייט פאַר זייער לעבען אין פלייצט אין איהר. אַ חוץ דעם טויג ניט ווען מ׳האָט בלויז איין וואָרצעל, נייערט מען דאַרף האָבען אַ סך, בכדי תמיד זאָל זיך איינער פון זיי ראַטעווען פון דער צו גרויסער טרוקעניש אָדער פון דער פאַרניכטונג מצד פיינדליכע הענט.

קלעהר דיך אַריין, עריקאָ, אין דער דאָזיגער געשיכטע פון די וואָרצלען, און באַנוץ זי אין דיין צוקונפטיגען טראַכטען.

*   *

III

דער קאַלענדאַר פאַר גוטע טהאַטען

אין אַ טאָג זענען דער פעטער באַטשיטשיאַ און עריקאָ אַרויס פון סאַן טערענזאָ אויף אַ שפּאַציר ביז לעריטשי. ס'האָט געבלאָזען א פריש ווינטעל פון דער יבשה, וואָס האָט פאַרטריבען דעם ים, ווייט אַהינטער, אַזוי אַז ס'איז לייכט געווען צו געהן מיט דער לענג פון אַ שמאָלען ברעגפּאַס, צווישען ווענט און פעלזען־שטיינער, פון איין זייט, און כוואַליעס, פון דער צווייטער. די אויפמערקזאַמקייט וואָס זיי האָבען נאָכאַנאַנד באַדאַרפט לעגען אויף נישט צו פאַלען איבער די גרויסע שטיינער, אויף פאַרהיטען זיך פון אַן אַקצידענט, בעת'ן געהן אויף אַ וועג, וואָס שוין יאָהרען ווי מען פאַרריכט איהם און קיינמאָל ווערט מען נישט פאַרטיג מיט דער אַרבייט, האָט זיי אונמעגליך געמאַכט דאָס פיהרען אַ געמיטליכען שמועס, און בלויז פון ווען צו ווען האָט אַ וואָרט אָדער אַן אויסרוף איבערגעריסען דאָס שטילשווייגען פון די צוויי פיסגעהער.

דער הימעל איז געווען טונקעל; דער ים, מוטנע און גרויליך; ס'האָט זיך געפיהלט אין דער לופט עפּעס אַ מין מעלאַנכאָלישקייט און אַ קעלט וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון ווינטער. אין ליגוריאַ איז דער ווינטער אַ קורצער, דורכגעפלאָכטען מיט עטליכע פריהלינגען, אָבער אויך דאָרטען זענען פאַראַן טונקעלע און רעגענדיגע טעג.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו באַטרי-פּליאַזש, האָט דער פעטער באַטשיטשיאַ פאָרגעשלאָגען עריקאָ'ן זיך אָוועקצוזעצען אויף אַ פעלז, וואָס איז אינגאַנצען געווען דורכגעלעכערט און צעפרעסען פון די כוואַליעס, אַ דאַנק וועלכען ס'איז אויף איהם געוואָרען אַ נאַטירליכער און גאַנץ באַקוועהמער זיץ-פּלאַץ. די כמאַרעס האָבען געעפענט אַ פענסטערל, און די שטראַהלען פון דער זון, מעהר זילבערנע ווי גאָלדענע, האָבען געלאָזט אומיאָגען איבער דער אויבערפלאַך פונם וואַסער אַ מין ליכט-ווינטעל. אַ מין בליצען פון אַן אַלטען פאַנצער. ווען די כמאַרעס האָבען צוגעמאַכט דאָס פענסטערעל, זענען פאַרשוואונדען די שטראַהלען, דאָס גלאַנצען און דאָס בליצען, און דער הימעל און וואַסער זענען געוואָרען טרויעריג, ווי איינגעהילט אין אַ שלייער פון מוטנע און טונקעלע פאַרבען. און די דאָזיגע אומבייטונגען פון ליכט און שאָטען, האָבען גערופען די אויפמערקזאַמקייט, געוועקט דאָס אויג, וואָס האָט אַזוי געטריי זיך צוגעקוקט צו די טויזענד ענדערונגען און טויזענד קאָנטראַסטען פון הימעל און ים.

דאָס שטילשווייגען איז איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ לאַנגען און טיפען זיפץ פונם פעטער, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט באַטראַכט די כוואַליעס, באַטראַכט זיי מיט אַ פעסטען בליק צווישען וואַסער אין הימעל, ווי איינער וואָס טראַכט פון ווייט-ווייטע זאַכען.

— פאַרוואָס זיפצט איהר? — האָט עריקאָ געוואַגט צו פרעגען.

—כ'ווייס וואָס איך זיפץ? אפשר דערפאַר, ווייל אין אַזאַ מעלאַנכאָלישען טאָג ווי היינט, מיט דער פינסטערניש וואָס רינגעלט אונז אַרום, טראָגט זיך איבער מיין געדאַנק אין ווייטען עבר, און כ'דערפיהל אויף מיין קאַרק די משא פון פופציג יאָהר זכרונות. מיין טרויעריגקייט איז, פונדעסטוועגען, אַ רוהיגע און כמעט אַ זיסע, וואָרום אַז איך כאַפּ אַרום מיט איין בליק דעם גאַנצען האַלבען יאָהרהונדערט פון מיין לעבען, האָב איך גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָרנישט וואָס מיר פאַרצואוואַרפען אָדער זאָגען מיר אַליין מוסר.

הער, עריקאָ: אויפן זעלביגען שטיין האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אין אַ טונקעלען, קאַלטען און טרויעריגען טאָג פון נאָוועמבער, פונקט ווי ס'איז היינט, פאַראַן אין דעם שוין גאַנצע צוויי און פופציג

יאָהר. אין געצעהלטע מאָנאַטען האָב איך געהאַט פאַרלוירען מיין פאָטער און מיין מוטער; כ'האָב מיך דערזעהן איינער אַליין אויף דער וועלט, אָהן גרעסערען וויסען ווי דאָס, וואָס כ'האָב אויסגעלע־רענט אין די דריי אָנפאַנגס-גראַדען פון דער שול אין סאַן טערענזאָ.

מיין פאָטער'ס אַ שוועסטערקינד, אַ קאַפּיטאַן פון העכערן ראַנג, האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז אין פופצעהן טעג אַרום וועט ער מיך מיטנעהמען מיט זיך אויף זיינער אַ זעגעל-שיף, וועלכע איז געגאַנגען צום שוואַרצען ים, באַנוצט פאַרן האַנדעל מיט תבואה. און איך, וואָס בין געזעסען אויף דעם דאָזיגען שטיין, וואָס ליגט אויפן זעלביגען אָרט, וואָס פאַרמאָגט די זעלביגע פאַרבען, די זעלביגע לעכער פון צוריק מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט, האָב געקוקט צום ים, וועלכען כ'האָב באַדאַרפט דורכשניידען דאָס ערשטע מאָל, און אין וועלכען כ'וואָלט, אויף להבא, באַדאַרפט אָפּפיהרען מיין גאַנץ לעבען.

אָבער וואָס מיך האָט געהאַלטען באַזאָרגט יענעם טאָג איז ניט געווען דער געדאַנק וועגען אַ רייזע אין ווייטע לענדער, אויך ניט דער אַנגסטליכער געפיהל אויפן שוועל פון אַ נייעם לעבען אין דער געזעלשאַפט פון אַ שוועסטערקינד, וועמען כ'האָב קוים געקענט פון דער ווייטען, און וועלכער וואָלט איצט געוואָרען מיין האַר. ניין; וואָס מיך האָט געשטויסען אָפּצוזוכען די דאָזיגע ראָמאַנטישע און פרעכטיגע געגענד, צו קענען לעבען מיט מיינע געדאַנקען, איז גע־ווען אַ באַזוך, וואָס כ'האָב אין יענעם פריהמאָרגען געמאַכט ביים אַל־טען גלח פון מיין שטעדטעל, דאָן עוואַריסטאָ.

דאָן עוואַריסטאָ האָט מיך איינגעלאַדען איהם צו קומען זעהן, וואָרום ער האָט געוואָלט מיר מאַכען אַ שעהנע מתנה איידער איך פאַרלאָז סאַן טערענזאָ.

צוויי מאָל האָט ער עס מיר נישט באַדאַרפט זאָגען. מיט גע־צעהלטע שעה'ן שפּעטער בין איך שוין געווען אין זיין הויז, אַן אומ־רוהיגער און אַ נייגעריגער, צו זעהן דעם שעהנעם אָנדענק, מיט וועלכען ער וועט מיך האָבען באַשאָנקען.

— אָ, מיין גוטער באַוטיסטאַ! — האָט ער אויסגערופען ווען

ער האט מיך דערזעהן. — האסט מיך געפאלגט און ביסט געקומען; נעהם-זשע און זעץ דיך אוועק אויף דער דאזיגער קאנאפקע.

בעת-מעשה האט ער געעפענט א שופלאד פון דער קאמאדע און האט מיר אריינגעשטעקט אין האנט אריין צוויי טשאקאלאטלעך.

זאל דאס זיין די באריהמטע מתנה, דער טייערער אנדענק? האב איך אנגעהויבען ווערען אומרוהיג און עטוואס אנגעכמורעט. דער גלח, מיט זיין קיילעכדיגען פנים, וואס איז אגב רויט געווען ווי א בוראק, האט אויף די ליפען כסדר געהאט א ליב-סימפאטיש שמייכעלע, אבער דאס שמייכעלע האט אויך עטוואס געשמעקט מיט חוזק.

זאל דאן עווארישטא האבען חוזק געמאכט פון מיר? אבער עס האט נישט גענומען קיין סך צייט און איך האב מיך דערוואוסט, אין וואס ס׳באשטעהט די באריהמטע מתנה.

„— הער מיך אויס, באטשיטשיא, איך בין א קבצן. איך קען דיר נישט געבען נישט קיין זייגער און נישט קיין זעקעלע מיט געלד, כאטש איך וואלט געוועהן זעהר גליקליך ווען כ׳זאל קענען דיר געבען ביידע זאכען, ווארום יאהרען-לאנג בין איך געווען דער באליבטסטער פריינד פון דיינע עלטערען. אבער אזוי ווי איך קען דיר נישט געבען קיין ווערטפולע זאך, וויל איך דיר געבען אן עצה, וואס איז פיל מעהר ווערט ווי א גאלדענער זייגער און מעהר אויך אפילו פון א פול זעקעל מיט געלד, און אויב דו וועסט מיין עצה פאלגען, וועסטו, אין א טאג וואס דו וועסט דיך אומקעהרען קיין סאן טערענזא, און אויב איך זאל נאך דעמאלט לעבען, מיר קומען געבען א דאנק.

„ווען דיין פאטער וואלט נאך געלעבט, וואלט ער געמאכט דעם גרעסטען קרבן, בכדי דו זאלסט פארזעצען מיט דיין לערנען, ווארום זיין אמביציע איז געווען צו מאכען פון דיר עפעס גרויסעס: אן אדוואקאט, אן אינזשעניער אדער לפחות, א נאטאר. אבער די אומגליקען אין זיינע לעצטע געשעפטען, האבען דיך איבערגעלאזט פאר א יתום און פאר אן ארים קינד. כאטש דו ביזט אלט ניט מעהר ווי צעהן יאהר, דארפסטו דיר פארדינען דיין ברויט מיטן שוויים פון דיין שטערען, אנהויבענדיג זיך לערנען די פראפעסיע פון א מאטראס מיט

דיין שוועסטערקינד דער קאַפּיטאַן באַרטאָלאָ. נו, גוט; דאַרפסט ניט פאַרצווייפלען דערפאַר; פון אַ מאַטראָס קען מען שפּעטער ווערען אַ קאַפּיטאַן, און ס'איז נישט פאַראַן קיין מלאכה, וואָס מ'זאָל זיך מיט איהר דאַרפען שעהמען, אויב מען ווייסט זי ווי צו באַפּוצען מיטן טאַלאַנט און מיטן האַרץ. ס'איז גענוג עפּעס זיך אויסצולערנען טאָג־איין, טאָג־אויס; ס'איז גענוג צו מאַכען יעדען טאָג איין איינציגען שפּאַן. די בעסטע דערציהונג און די נוצליכסטע איז די, וועלכע מיר קענען זיך אליין געבען; און אַט קומען מיר צו צו מיין עצה, וועלכע איך וויל אַלץ אָנרופען מיין מתנה.

„געדענק, באַוטיסטאַ, פון מאָרגען אָן, ווי נאָר דו וועסט אויפשטעהן, זאָלסטו דיר פאָרנעמען צו טון דריי גוטע זאַכען דורכ'ן טאָג, און אין אָוועגד, ווען דו וועסט דיך אָוועקלעגען אויף דיין געלעגער, ווער נישט אַנטשלאָפען ביז דו וועסט נישט גוט נאָכפאָרשען און זיך איבערצייגען, אַז דו האָסט אויפגעטוהן די דריי גוטע זאַכען. וואָס דו האָסט דיך איינדערפריה פאָרגענומען; אויף אַזאַ אופן וועט קיין שום טאָג פון דיין לעבען נישט געהן פאַרלוירען און דו וועסט דיך כסדר אויסבעסערען און פערפעקציאָנירען, אָהן דער לאַסקע פון לעהרער אָדער פון שולען.

„און איצט, באַוטיסטאַ, גיב מיר אַ קוש און פאַרגעס נישט דאָן עוואַריסטאָ'ן און זיין עצה“.

דעם אמת געזאָגט, מיין טייערער עריקאָ, האָט מיר די גאַנצע מעשה נישט געשמעקט, און מעגסט זיין זיכער, אַז אנשטאַט דער דאָזיגער עצה־מתנה וואָלט איך בעסער געוועהן געוואָלט באַקומען טאַקע אַ מתנה ממש, אַ זילבערנע מטבע, אַ זייגערל אָדער אָן אַנדער שפּילצייג; אָבער אויפן צווייטען טאָג, ווען איך בין, שפּאַצירענדיג מיר אַזוי, צוגעקומען אַהער צווישען די פעלזען־שטיינער, זענען אין מיין זכרון אַרויפגעשוואומען דאָן עוואַריסטאָ'ס רייד, כ'האָב זיי אַרומגעטראַכט איין מאָל און אַ צווייטען מאָל, און אַז כ'האָב אין מיין געדאַנק ערשט גוט באַנומען די וויכטיגקייט פון דער עצה, האָב איך ביי זיך באַשלאָסען זי אויסצופאָלגען. כ'האָב גענומען פאַרווירקליכען דעם גלח'ס פאַרזאָג גלייך פון יענעם טאָג אָן, און ביז היינט צו

טאָג, וואָס איך בין שוין אַ זקן און האָף שוין נישט זיך צו קאָנען פאַרבעסערען, איך וויל שוין גאָרנישט און דאַרף שוין גאָרנישט, נעהם איך מיר אַלץ פאָר יעדען פריהמאָרגען צו טון דריי גוטע זאַכען דורכן טאָג, כמעט אויטאָמאַטיש, פון געוואוינהייט, און אויב אין אָוועגד זעה איך מיר אָרום אַז כ׳האָב איינע פון די דריי זאַכען פאַרגעסען דורכצופיהרען, קען איך נישט איינשלאָפען מיט דער זעלביגער פרידליכקייט און רוהיגקייט ווי געוועהנליך. כ׳שווער דיר, אַז אַפילו אין די טעג פון שטורם, ווען ס׳איז אונמעגליך איינצושלאָפען אויפן בריקעל פון מיין שיף, איז ווי נאָר ס׳טוט אַ שפּראָץ אויף טאָג, מאַך איך באַלד אָפּ ביי זיך וואָס פאַר אַ דריי גוטע זאַכען איך וועל היינט דאַרפען אָפּטוהן.

דאָן עוואַריסטאָ האָט מיר בלויז אָנגעוויזען ד ר י י ג ו ט ע ט ה אַ ט ע ן; אָבער איך האָב, אַ דאַנק אַ כסדר׳דיגער איבונג און מיט שטודירען זיך אַליין, אויסגעבעסערט זיין עצה און נאָכגעזוכט אָפּצוטהון יעדען טאָג אַנדערע דריי גוטע זאַכען, וואָס זאָלען פערפעקציאָנירען מיין גוף, מיין האַרץ און מיין שכל.

יאָהרען-לאַנג האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו לייענען; שפּעטער, ווען כ׳בין געוואָרען אַביסעל אומאָפּהענגיג און שוין געהאַט אַ שטיקעל שטאַנד, האָב איך נישט געלייענט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר נאָוועלען. נאָכהער בין איך, ביסלעכווייז, אַריבער צו ערנסטערע ביכער, צו היסטאָריע, ליטעראַטור און אַפילו צו פילאָזאָפיע.

נו, גוט; כ׳שווער דיר, אַז אין אַלע ביכער האָב איך דערלערענט, אַז די געזונטע, גוטע און איינפאַכע פילאָזאָפיע איז געווען יענע, וועלכע איך האָב געלייענט אין זיך אַליין, ווען כ׳האָב מיך אַליין שטודירט, און, שטודירענדיג מיך, האָב איך מיך געזוכט אויסצובעסערען פון טאָג צו טאָג.

די דאָזיגע פילאָזאָפיע מיינע האָט מיר געוויזען, אַז אַ פּערפעקטער מענש מוז אָנהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון די דריי זאַכען, פון וועלכע מיר זענען אַלע צוזאַמענגעשטעלט: דער גוף, דאָס געפיהל און דער פאַרשטאַנד. אויב ס׳אַרבייט איין טייל פון זיי און מיר פאַרזעהען די איבריגע, קומט די אומאָרדנונג, ס׳פעהלט דער גלייכגעוויכט

און ס׳ווערט אונמעגליך צו זיין גליקליכע, גוטע און געלערענטע. אַ גליקליכער מענש איז דער, וואָס פאַרמאָגט דאָס בעסטע געזונד, אַ גוט האַרץ און אַ רוהיגען, מיושב׳דיגען קאָפּ.

לאָמיר, פונדעסטוועגען, אָפּלאָזען דאָס געזונט, כאָטש ס׳איז קלאָהר, אַז קיינער קאָן נישט זיין גליקליך אויב ער איז נישט געזונד, אַז דאָס געזונד איז די ערשטע פּיזישע ברכה אויף דער ערד, און לאָמיר באַטראַכטען דאָס האַרץ און דעם קאָפּ.

זיין דורכאוים האַרץ איז נישט גוט, דורכאוים קאָפּ, נאָך ערגער. אַ מענש וואָס איז דורכאוים האַרץ איז אַ שיף וואָס איז פול מיט געבלאָזענע זעגלען אויפן ווינט, אָבער אָהן אַ רודער. אַ מענש, וואָס איז דורכאוים קאָפּ איז אַ שיף מיט אַ גוטען רודער, אָבער אָהן זעגלען און אָהן ווינט. אין איינעם און אין אַנדערען פאַל שלאָגט מען זיך אָן אויף שטיינער און אויף זאמד-בענק, אָדער מען בלייבט כסדר שטעהן אויפן זעלביגען פּלאַץ. דאָס איז מיין דיוויז, דאָס איז מיין תורה, דאָס איז מיין טעגליכע תפלה: אַ געזונטער קאָפּ וואָס זאָל אָנפיהרען אַ גוט האַרץ, וועלכעס הייסט אַזוי גוט ווי זאָגען: אַ גוטער רודער און פרישע ווינטען.

פאַרן יאָהר וואָס מיר דאַרפען פאַרברענגען ביידע צוזאַמען, מיין טייערער עריקאַ, ווערסטו מיך הערען איבער׳חזר׳ן דאָס דאָזיגע שפּריכוואָרט ווייס איך וויפיל מאָל, אָבער האָב געדולד. כ׳בין אַזוי איבערצייגט אין דער דאָזיגער זאַך, כ׳בין אַזוי פעסט ביי זיך, אַז די דערציהונג דאַרף זיין געשטיצט אויף דעם דאָזיגען דריי-עקיגען יסוד, אַז איך חזר דאָס איבער אַלע טעג פאַר אַלעמען און פאַר זיך אליין.

איבער דער דאָזיגער טיפער איבערצייגונג מיינער, און אוים-פאָלגענדיג די טייערע עצה פון דאָן עוואַריסטאָ׳ן, האָב איך אַלע מיינע יאָהרען נאָכגעטראַכט דעם אופן ווי אויסצופיהרען איין זאַך, וואָס זאָל פאַרבעסערען מיין געזונד, אַ צווייטע, וואָס זאָל פערפעקציאָני-רען מיין האַרץ און אַ דריטע, וואָס זאָל דערציהען מיין פאַרשטאַנד.

און דו, מיין טייערער עריקאַ, דו וואָס דו ביזט שוין אַלט פערצעהן יאָהר און פאַרמאָגסט אַ גרעסערען פאַרשטאַנד וועדליג דיין

עלטער, דאַרפסטו דיך אַנטשליסען אויפן קומענדיגען יאָהר צו אָנ-נעהמען די גוטע געוואוינהייט פון די דריי צילען פון טאָג...

* *

*

עריקאַ האָט אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די רע-דע פון זיין פעטער, פון וועלכער ער האָט נישט פאַרלוירען קיין איין וואָרט. דאָס איז געווען אינגאַנצען אַ נייע וועלט, וואָס איז דערשינען פאַר איהם פול מיט אָנציהענדיגקייט און וואונדער. ביז דעמאָלט האָט ער עהרליך געגלויבט אַז מען דאַרף נאָר לער-נען אין די שולעס, און אַז העכסטענס האָבען די עלטערען דעם חוב צו דערמאָנען די קינדער אין דער לערע פונם לערער. און אָט פלוצים האָט אַן אַלטער פעטער, אַ פלאַט-מענש פון פּראָפעסיע, געעפענט פאַר איהם נייע האָריזאָנטען און איהם געמאַכט טראַכטען אין זאַכען, וועלכע זענען אפילו איהם נישט געקומען אויפן זינען.

וויפיל מעלות און וויפיל כוחות האָט ער אַנטדעקט אין זיך, ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענש קען זיין זיין אייגענער לערער! עריקאַ איז געווען ווי באַרוישט פון די אַלע טראַכטענישען און קוים צו פאַרשטעהן איהם האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— אָבער פעטער, ווי איז מעגליך זיך פאַרנעהמען אויפן גאַנ-צען לעבען צו טהון יעדען טאָג דריי גוטע זאַכען? כ׳מיין, אַז ס׳וועט זיין גאָר שווער צוצוטראַכטען אַלץ נייע זאַכען. אַ יאָהר צייט, אויף דריי גוטע זאַכען אַ טאָג, מאַכט דאָס אויס....

— טויזענד פינף און נייצניג, און אין די איבעריאָהרען, טויזענד נייצניג אַכט... שוין אַ שעהן ביסעל יאָהרען ווי כ׳האַלט אין מיין זכרון די דאָזיגע ציפערן...

— טויזענד ניין און אַכציג גוטע טהאַטען! — האָט עריקאַ אי-בערגעחזר׳ט מעכאַניש.

— אָבער, מיין טייערינקער עריקאַ: אַן עהרליכער מענש טהוט אויף יעדען טאָג לפחות צוואַנציג אָדער דרייסיג גוטע טהאַטען; וואָ-רום יעדער העפליכער זשעסט מיט די חברים, יעדער טהאַט פון גע-רעכטיגקייט, יעדע עצה, וואָס ווערט געגעבען אָדער אויפגענומען

מיט ליבשאַפט, יעדע אויסמיידונג פון אַ שלעכטען באַגעהר, יעדע נייע קענטעניש וואָס מען לערענט אויס, הייסט אַ גוטער טהאַט... און דיר דוכט, אַז ס׳דאַרף זיין שווער אָפּצוזוכען צווישען אַזוי פיל גוטע זאַכען די איינציגע דריי. וואָס דו דאַרפסט דיר פאַרנעמען אָפּ־צוטהון?

— קען זיין, אַז ס׳איז נישט אַזוי שווער ווי איך מיין, אָבער אייער עצה זעהט מיר איצט אויס אַזוי ניי...

— נו, גוט, איך וועל דיר העלפען מאַכען אַלט מיין עצה. די טעג וועל איך דיר אָנשרייבען אויף אַ בלעטעל פּאַפּיר דריי טאָג-טעגליכע צילען פאַרן חודש יאַנואַר. דו וועסט זיי אויספיהרען, אָדער בעסער געזאָגט, וועסט זיי דאַרפען באַטראַכטען אַלס געדאַנקען אויף קריץ, וועלכע דו דאַרפסט איבערגעהן. אויב דיר וועלען איינפאַלען נייע געדאַנקען, וועסטו זיי אויפשרייבען אויף מיינע, און אַזוי, נאָך אַ חודש צייט שרייבען אויף קריץ, וועסטו שוין קענען שרייבען אַליין, אָהן מיין הילף.

— הער נאָך עפּעס: אין די ערשטע יאָהרען, ווי אויך שפּעטער, ביז דו וועסט שוין זיין אַ גרויסער, האַלט נישט אויפן קאָפּ די דריי גוטע זאַכען וואָס דו דאַרפסט טהון דורכן טאָג, נייערט שרייב זיי אריין אין אַ העפט אויף צוויי קאָלומס בכדי אַנטקעגנען די גוטע צי־לען זאָלסטו קענען אויפשרייבען אַ יאָ אָדער אַ ניין, לויט דו זאָלסט זיי האָבען דערפילט אָדער נישט דערפילט. זיי זיכער, אַז ווען דיינע האָר וועלען זיך אָנהויבען ווייסען וועסטו ערשט לייענען די דאָזיגע העפטען מיט גרוים חשק און זיי וועלען זיין די באַליבטסטע ביכער פון דיין ביבליאָטעק. וועסט זעהן פאַרבייגעהן דורך דיינע אויגען, געפיהרט פון דער האַנט פונם געפיהל, די זיסע זכרונות פון דער קינדהייט, פון דער יוגענד, און דו וועסט דיך זעהן ווידערגעבוירען און שמייכלען, און דו וועסט געריהרט ווערען פאַר אַן עבר, וואָס איז אויסגעפלאַסטערט מיט דורכאויס גוטע טהאַטען. די דאָזיגע בלעטלאך וועלען זיין דער אינווענטאַר פון דיינע מעלות, די פּרעכ־טיגע געשיכטע פון דיינע אויפטוען; וואָרום זיי זיכער, אַז יעדער מענש, מעג עס זיין דער שטילסטער און באַשיידענסטער אין דער

וועלט קען, אויף די שטעגען און וועגען פון פשוטסטען לעבען, אוים-פיהרען העלדישע טהאטען און עהרליכע קרבנות, וועלכע די גע-שיכטע וועט נישט פאַרצייכענען, ווייל זי האָט אַנדערע זאַכען מיט וועלכע זיך צו פאַרנעהמען, אָבער וועלכע מאַכען גליקליך, אַנגענעהם און נוצליך אונזער לעבען און זיי שטויסען אונז צו בענשען זיי פיל טויזענדער און טויזענדער מאָל.

היינט האָב איך דיר געגעבען די מתנה, וואָס מיט יאָהרען צו-ריק האָט דאָן עוואַריסטאָ מיר געגעבען...

מיט אייניגע טעג שפּעטער האָט עריקאָ געפונען אויף זיין טי-שעלע אין אַ פּשוט׳ן העפטעל אויפגעשריבען פון זיין פעטער די דריי טעגליכע צילען פאַרן חודש יאַנואַר; און פאַר די איבריגע עלף מאָ-נאַטען פון יאָהר אַזוי פיל ווייסע בלעטלעך וויפיל טעג ס׳האָט יעדער חודש, בכדי דאָס אינגעל זאָל זיי אליין אָנפולען.

קאַלענדאַר פאַר גוטע טהאַטען

די טעגליכע צילען

1-טער יאַנואַר

1) היינט וויל איך מיר זאָגען וועלכער איז דער ערגסטער חסרון אין מיין גוף.

2) כ׳וויל פעסטשטעלען וועלכער איז די ערשטע שלעכטע מדה פון מיין כאַראַקטער.

3) לסוף, וויל איך וויסען וועלכע איז די גרעסטע שוואַכקייט פון מיין פאַרשטאַנד.

און אויב אין דעם דאָזיגען שטודיום וועט מיר עפּעס זיין אומ-פאַרשטענדליך, וועל איך געהן פרעגען ביי מיין פעטער.

2-טער יאַנואַר

היינט וועל איך באַטראַכטען די מטבע פון דער צווייטער זייט ווערליג נעכטען, און איך וועל מיר שטעלען די דאָזיגע דריי פראַגען:

1) וועלכע איז די שעהנסטע זאַך אין מיין קערפּער?

2) וועלכע איז די גרעסטע טוגענד פון מיין האַרץ?

3) וועלכע איז די גייסטיגע אַרבייט, וואָס איך טוה אָפּ לייכ-טער און בעסער?

ס'איז גאַנץ מעגליך איך זאָל נישט דאַרפען אָנקומען צו מיין פעטער צו קענען ענטפערען אויף די אָנפראַגעס. מיר זעהען גלייך אונזערע מעלות און אָפּט אויך זעהען מיר זיי דורך אַ גלאָז, וואָס פאַר-דאָפּעלט זיי און פאַרהונדערטפאַכט זיי.

3-טער יאַנואַר

1) נעכטען איז מיין שוועסטערקינד פּיעראָ, וועלכער איז אין מיין עלטער, אַרויפגעשטיגען אויפען באַרג טאַבאַלינאָ און אַרונטער צוריק אין אנדערהאַלבען שעה. היינט וועל איך אויך טהון דאָס זעלביגע.

2) מיט צוויי טעג צוריק האָט בּינעלאָ געבּעטען בּיי מיר פינף סענטים אַ נדבה, און איך, וואָס כ'האָבּ מיך געקליבען געהן אין הויז פון פּרוי וועניטורי, צו זעהן דאָס שעהנע טעאַטערל, וואָס זי האָט אין איהר גאָרטען, האָבּ איהם געענטפערט מיט כעס: לאָז מיך צורוה! היינט, ווען ער זאָל מיך אַפילו גאָרנישט בּעטען, וועל איך איהם גע-בּען צעהן סענטים.

3) כ'וויל אויסלערענען אויף אויסענווייניג די גאַנצע ערשטע ליד פון גיהנום, וואָרום בּיים מאַכען מיר אַ חשבּון הנפש היינטי-גען ניי־יאָהר, האָבּ איך מיך איבּערצייגט, אַז דער גרעסטער חסרון פון מיין פאַרשטאַנד איז דער קורצער זכרון.

4-טער יאַנואַר

1) היינט האָבּ איך בּדעה אויפצושטעהן גלייך ווי מען וועט מיך אַ וועק טוהן און איך וועל מיך נישט מאַכען כלומרשט איך שלאָף ווי איך האָבּ עס געטוהן נעכטען.

2) כ'וועל שרייבּען אַ לאַנגע און גוטע בּריוו מיין מוטער, אָהן דעם, אַז דער פעטער זאָל מיר דאַרפען מאַכען די מינדסטע בּאַמער-קונג.

3) כ׳וועל אויסלערנען אויף אויסנווענינ די נעמען פון אַלע טײ־כען פון איטאַליע, אינם גאַנג פון זייער געבוירען ביזן אריינגיסען זיך אין ים.

5-טער יאַנואר

1) כ׳וועל הייסען מיין פעטער ער זאָל היינט געבען צום טיש מייערן, און כ׳וועל מיך אָנשטרענגען זיי צו עסען, כאָטש כ׳האָב זיי נישט אַזוי ליב.

2) היינט ביי טאָג, ביים שפּילען זיך מיט די שכנה׳שע אינגלעך, וועל איך, זיי נישט פאַרשאַפען קיין שום צער.

3) כ׳וועל מיר איבער׳חזר׳ן די נעמען פון אַלע וויכטיגסטע שפּיצען פון די אַלפּען און אַפּענינען־בערג.

6-טער יאַנואר

1) כ׳וועל מיר מאַכען אַ מיליטערישען שפּאַציר ביז ספּעציאַ.

2) היינט דאַרף איך זיך נישט שפּילען מיט מיין שוועסטערקינד, אַלס זעלבסט־שטראָף פאַר מיין אָפּענטפערען נעכטען אודרך־ארץ׳־דיג אויף אַ באַמערקונג פון מיין פעטער.

3) כ׳וועל אויסמאָהלען פון אויסענווענינ די אַלגעמיינע ליניען פון דער מאַפּע פון אייראָפּע.

7-טער יאַנואר

1) כ׳וועל מיר גוט אָפּוואַשען און אַרומווישען די הענט, וואָרום נעכטען אין אָוועגד בין איך רויט געוואָרען פאַר בושה אין הויז פון דער פאַמיליע מעאַוטשי, ווען כ׳האָב געשפּילט אין קאָרטען מיט מעאַוטשי׳ס פריילין און כ׳האָב דערזעהן, אַז מיינע נעגעל, ווי די וועלט זאָגט אַ ווערטעל, זענען געגאַנגען נעבעך אין טרויער.

2) היינט וועל איך צוטראָגען צוויי פרישע לימענעס פון גאָרטען דער פרוי פון אומגליקליכען מעסים, וועלכער ליגט שוין זינט עטלי־כע טעג צו בעט מיט גרויס פיבער.

3) כ׳וועל אויס׳חזר׳ן די נעמען פון די גרויסע וועלט־רייזענדער, פון מאַרקאָ פּאָלאָ ביז סטאַנלעי.

8-טער יאַנואַר

1) נעכטען האָב איך מיך געלאָזט פיהרען פונם יצר-הרע און כ'האָב געגעסען צופיל קעז, בין איך אַוועק פונם טיש אַ שווערער און אַ פאַרשלאָפענער. היינט וועל איך זעהן אַביסעלע צוהונגערען, בכדי דער מאָגען מיינער זאָל אָפּרוהען.

2) כ'וועל מיר היינט אויסרעכענען ווערען איך'ל אַלץ באַגעגענען און מיט ווערען איך'ל רעדען עפּעס אָנגענהמס און וויכטיגעס.

3) כ'וועל מיר מאַכען אַ רשימה פון מיינע באַליבטסטע ביכער צווישען אַלע וואָס כ'האָב ביז איצט געלייענט און כ'וועל דערבּיי אויך מיר אַליין פרואווען דערקלעהרען פאַרוואָס כ'האָב זיי ליבער.

9-טער יאַנואַר

1) היינט, ווען איך וועל פאָהרען מיט מיין פעטער קיין לערי-טשי מיטן שיפעל, וויל איך רודערען נאָכאַנאַנד אויף אַהין און אויף צוריק, ווארום מיר דאַכט, אַז איך איב מעהר מיינע פיס ווי די הענט, וועלכע זענען ביי מיר זעהר דאַרע.

2) אויף מיין געוועהנליכען שפּאַציר אין מאַקאַראַני-פאַרק וועל איך מיך אָנשטרענגען זיך צו איבערצייגען, אַז איך דאַרף ליב האָבּען אַלצאיינס מיין פאָטער און מיין מוטער, ווארום איך פיהל, אַז כ'האָב זיי ליב אויף אַ פאַרשידענעם אופן.

3) כ'וועל אויסענווייניג אָנצייכענען די מאַפּע פון איטאַליע, מיט די ימים וואָס וואַשען איהרע ברעגען און מיט די וויכטיגסטע בערג-קייטען.

10-טער יאַנואַר

1) כ'וועל מיך מעהר נישט לעגען שלאָפען אין די תחתונים, און אין די זאָקען מורא האָבענדיג פאַר דער קעלט פונם ליילעך. דאָס איז די טבע פון אַ פוילען און נישט ריינעם מענשען.

2) כ'וועל זעהן אַ גאַנצען טאָג צו געפעהלען אין אַלעמען מיין טייערינקען פעטער, וועלכער האָט מיך אַזוי שטאַרק ליב.

3) כ׳וועל איבערזעצען אַ בלעטעל פון לאַטיין, אַ צווייטס פון פראַנצויזיש און אַ דריטס פון דייטש.

11-טער יאַנואַר

1) כ׳וועל בעטען ביים פעטער ער זאָל מיר זאָגען וועלכע זענען די נאַרהאַפטיגסטע שפּייזען.
2) כ׳וועל מיר מאַכען אַ רשימה פון מיינע חברים לויטן סדר ווי איך האָב זיי ליב, און מיר אויך אַליין דערקלעהרען פאַרוואָס איך האָב זיי ליב.
3) אַריטמעטיק איז פאַר מיר דער שווערסטער געגענשטאַנד, וועל איך היינט נישט געהן שפּאַצירען ביז איך וועל נישט האָבען געמאַכט צוויי פון די שווערסטע אַריטמעטישע אויפגאַבען.

12-טער יאַנואַר

1) כ׳וויל מען זאָל מיר זאָגען פאַרוואָס עסט מען מיט אַזאַ גע־שמאַק און ס׳איז אויך געזונד פאַרן גוף אַפילו די ווענינער נאַרהאַפ־טיגע שפּייזען, ווי פּרוכטען און גרינוואַרג.
2) היינט וועל איך ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע: „פאַר־וואָס איז פעריקאָ, וועלכער איז געווען איינער פון מיינע בעסטע חברים, מיר געוואָרען לעצטענס אַנטיפּאַטיש? די שולד פון דעם דאָ־זיגען אומבייט איז מיינע צי זיינע?
3) כ׳וועל ענטפערען שריפטליך אויף פאָלגענדיגער פראַגע: „פון אַלע גרויסע פּערזענליכקייטען, פון וועלכע איך קען די נעמען און וויים זייערע אויפטוען, וועמען באַטראַכט איך פאַרן גרעסטען, און פאַרוואָס?

13-טער יאַנואַר

1) מיין פעטער זאָגט מיר שטענדיג, אַז מען דאַרף טוהן די שווערסטע זאַכען; פאַר מיר איז נישטאָ קיין שווערערע זאַך ווי אויפשטעהן און לעגען זיך פריה. היינט וועל איך אויפשטעהן פאַר מיין פעטער און שלאָפען וועל איך געהן גלייך מיט איהם.

2) כ׳וועל געהן פאַרברענגען אַ צוויי-דריי שעה מיט פּיערינאַ׳ן וועלכער ליגט צו בעט, ווייל ער האָט זיך אויסגעלינקט אַ פוס.

3) כ׳וועל ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע: „וועלכער איז דער בעסטער פון די באַריהמטע פּערזענליכקייטען, די ביאָגראַפיע פון וועלכען איז מיר גוט באַקאַנט?

14-טער יאַנואַר

1) נעכטען, ווען כ׳האָב געשפּרונגען מיט די קינדער פון אַר-לאַנדאַ, וועלכע זענען אין איין עלטער מיט מיר, בין איך געבליבען הינטערשטעליג, ווייל כ׳האָב עס נישט געקענט מאַכען אַזוי גוט ווי זיי. היינט וועל איך פּרוּווען זיי איבעריאָגען און איך בין זיכער אַז איך וועל געווינען. האָב איך דען נישט קיין געזונדטע פיס און בין איך דען נישט גענוג פלינק און שטאַרק?

2) כ׳וויל אויסלערנען לייענען פּאָטשיאָ׳ס אינגעלע, וועלכער שעהמט זיך אַזוי וואָס ער קען נישט לייענען. אַ האַלבע שעה אין טאָג וואָס איך וועל אָפּגעבען צו טוהן אַ טובה דעם אינגעלע, וועט מיר אַליין אויך פאַרשאַפען גרוים הנאה.

3) כ׳וועל אָנצייכנען די מאַפּע פון׳ם ערד-קוגעל אין אַלגעמיין, וואָס געפינט זיך אויף דער ערשטער זייט פון געאָגראַפישען-אַטלאַס.

15-טער יאַנואַר

1) כ׳וויל וויסען, צי ס׳איז אַלצאַיינס פאַר אונזער געזונד דאָס טרינקען וואַסער, ביר אָדער וויין.

2) היינט וועל איך קוואַליפיצירען אַלע מענשען וואָס איך קען אין באַליבטע, סתם-מענשען און אַנטיפּאַטישע, אָבער איך וועל זעהן אַז פון דער דריטער קאַטעגאָריע זאָל זיין ביי מיר זעהר ווייניג.

3) כ׳וועל איבערזעצען אויף פראַנצויזיש אַ גאַנץ בלעטעל פון מיין איטאַליענישען לער-בוך.

16-טער יאַנואַר

1) נעכטען האָב איך אָנגענומען אַ סיגאַרעט ביים שענקער

ראַימאָנדי און כ׳האָב איהם בּגנבה אויסגערויכערט אין וועלדעל וואָס אַרום אונזער גאָרטען. היינט גיב איך מיר אַ נדר נישט צו רויכערן ביז איך וועל שוין זיין אַ גרויסער.

2) כ׳האָב דורכגעלאָזט פּופּצעהן טעג און נישט געענטפערט אויף דער ליבער בּריף פון מיין שוועסטער קאָסטאַנזאַ; היינט נאָך וועל איך ענטפערען און איך וועל זעהן מעהר נישט צו זיין אַזוי אומהעפליך.

3) כ׳וועל איבערזעצען אַ בּלעטעל פון פראַנצויזיש אויף לאַטיין.

17-טער יאַנואַר

1) כ׳וועל בּעטען ביים דאָקטער פון סאַן טערענזאָ, וועלכער איז זעהר אַ געלערענטער מענש, ער זאָל מיר דערקלעהרען די סבּה פאַרוואָס איז אַ קאַטאַר אָפטער אין ווינטער ווי אין זומער, און פאַר-וואָס קען מען איהם כמעט שטענדיג אויסהיילען דורך גוט אָפּשוויצען.

2) נעכטען, ווען כ׳האָב גערעדט מיט אונזער שכן, פּיעראָ ווע-גען אונזער הויז אין טורין, האָב איך איבערטריבען איהר שעהנ-קייט און איהר גרויסקייט און כ׳האָב אויך געלויבט אין דער וועלט אַריין די פרעכטיגקייט פון אונזער מעבעל, אַ זאַך אויף וועלכער כ׳האָב חרטה. היינט וועל איך ווידער אַרומרעדן דעם זעלביגען ענין און וועל איבערגעבען די זאַכען אַזוי ווי זיי זענען. כ׳האָב כסדר די טבע צו לויבען אַלץ וואָס איז מיינס, און מיין מוטער האָט מיך תמיד אויסגעמוסר׳ט דערפאַר, אָנווייזענדיג מיר, אַז דאָס איבערטרייבען איז אַ שוועסטער פון ליגען.

3) כ׳וועל פּרואווען אויסמאָהלען מיט אַ בּלייפעדער מיין פּע-טערס גאָרטען.

18-טער יאַנואַר

1) כ׳וויל וויסען פאַרוואָס נאָך אַ לאַנגען שפּאַציר און נאָך יע-דער מידקייט מוז זיך איינער צולעגען, און פאַרוואָס איז דאָס ליגען לאָזענדיג די בּעסטע פּאָזע צום אָפּרוהען.

2) נעכטען האָב איך פאַרשפּראָכען צו געבען פּאָטשיאַ׳ס אינ־געלע די געוועהנליכע לעקציע פון לייענען, אָבער כ׳האָב עס נישט געטוהן איבער מיין מאַניע צו געהן צום פּליאַזש זעהן ווי מען ציהט אַרויס פיש מיט די נעצן. כ׳האָב געטוהן זעהר שלעכט וואָס כ׳האָב איהם כאָטש נישט געמאָלדען, אַז איך וועל נישט קומען צו איהם, און כ׳האָב מיך אַפילו אויך נישט פאַרענטפערט. היינט וועל איך איהם געבען אַ דאָפּעלטע לעקציע.

3) כ׳וועל היינט אויס׳חזר׳ן אויף אויסענווענדיג אַ שעהנע ליד.

19-טער יאַנואַר.

1) כ׳האָב באַמערקט, אַז ווען איך זעץ מיך עסען וועטשערע, האָב איך אַזאַ אַפּעטיט און איך כאַפּ מיך צו צום עסען מיט אַזאַ חשק, אַז כ׳האָב קיין צייט נישט צו איינקייען גוט דאָס ברויט און די אַנדערע מאכלים. מיין פּעטער שטראָפט מיך אויס דערפאַר און זאָגט מיר, אַז איך זעה אויס ווי כ׳וואָלט געשטאָרבען פון הונגער. איך האָב אויך באַמערקט, אַז אין אָוועגד שלאָף איך דערפאַר שלעכט און כ׳פאַרדייע שלעכט די עסענס. אויף ווייטער וועל איך עסען לאַנג־זאַמער.

2) כ׳וועל היינט זעהן אַרויסווייזען אַ ליבליכע העפליכקייט מיט דריי מענשען וואָס איך קען און מיט וועלכע כ׳טרעף מיך אָן אָפטער.

3) כ׳וועל אויס׳חזר׳ן אויף אויסענווענדיג די ערשטע פיר בלעט־לעך פון דער באַריהמטער ליד לאַ ענעידאַ.

20-טער יאַנואַר

1) כ׳וועל פרעגען ביים דאָקטער פאַרוואָס איז בעסער פאַר אונ־זער געזונד צו עסען אין באַשטימטע שעה׳ן, און נישט ווען ס׳פאַר־גלוסט זיך און ס׳פאַרווילט זיך.

2) אין די לעקציעס וואָס איך גיב פּאָטשיאַ׳ס אינגעלע דאַרף איך זעהן נישט פאַרלירען אַזוי שנעל די געדולד, באַזונדערס וויל דאָס לעגט זיך שווער אויפן געזונד.

3) כ׳וועל באַשרייבען דאָס שעהנסטע וואָס איך זעה אין ספּע־

ציאַ-דורכוס, און די באַשרייבונג וועל איך צושיקען מיין פאָטער.

21-טער יאַנואַר

1) כ'וועל מיך היינט פּרואווען דערוויסען פאַרוואָס ווען מען גערט באַרג-אַרויף מוז מען אָפטער אָטעמען און דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיג אין דער ברוסט.

2) נעכטען האָב איך חוזק געמאַכט פון דזשידזשעניאָ'ן, ווייל ער האָט צו גרויסע אויערן און ער זעהט אינגאַנצען אויס ווי אַ מאַל-פּע. כ'האָב געקליבען נחת פון זיין אומגליק און דערמיט האָב איך זעהר שלעכט געהאַנדעלט. היינט וועל איך זעהן מיך אַנטשולדיגען פאַר איהם, און מיט אַ ליבליכער העפליכקייט וועל איך איהם מאַכען פאַרגעסען דעם צער וואָס כ'האָב איהם נעכטען פאַרשאַפט.

3) כ'וועל בעטען דעם פאָטער ער זאָל מיר העלפען אויסלערנען די וויכטיגסטע שטערן-גרופּעס און די נעמען פון די גרעסטע שטערן אין הימעל.

22-טער יאַנואַר

1) נעכטען, ווען איך בין געפאָהרען קיין ספּעציאַ, האָב איך אויסגעגעבען די לירע וואָס מיין פאָטער האָט מיר געגעבען אויף לע-קעכלעך און כ'האָב זיי אַלע אויפגעגעסען אויף דער שיף, ווי כ'וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין שוועסטערקינדער צו ברענגען זיי אויך אַ לע-קעכעל יעדען איינעם. ביים טיש האָב איך נישט געהאַט קיין אַפּעטיט, און אַז כ'האָב אַ קוק געטון אויף מיינע צוויי שוועסטערקינדער, וועלכע זענען אַ סך קלענער פון מיר, האָב איך מיך פאַרשעהמט, ביז איבער די אויערן, וואָס איך בין אַזאַ פרעסער. ס'פאַרדריסט מיך ווען מען רופט מיך קינד, וואָרום איך מיין אַז איך בין שוין אַ בחור, כמעט אַ גאַנצער מענש, און פונדעסטוועגען, האָב איך מיך נעכטען אויפגעפיהרט ווי אַ קליין קינד, אַ גאָרנישט. כ'וועל זעהן אויסמיי-דען אַזעלכע זאַכען, אויף וועלכע כ'זאָל דאַרפען האָבען חרטה.

2) היינט וועל איך אָפּגעבען מיין חלק פרוכטען מיינע שוועס-טערקינדער.

3) כ'וועל פרעגען ביים פאָטער פאַרוואָס ווען די לבנה איז אויפן

האַריזאָנט, ביים אַרויסקומען אָדער ביים פאַרגעהן, זעהען מיר זי אַ סך גרעסער, ווי ווען זי איז שוין גוט הויך, איבער אונזער קאַפּ.

23-טער יאַנואַר

1) נעכטען, ביים רודערען מיטן שיפעל, האָב איך באַמערקט, אַז מיין לינקע האַנט איז שוואַכער פון מיין רעכטער; היינט וועל איך רודערען אַ לענגערע צייט מיט דער לינקער אַליין, און אַזוי וועל איך אויך ווייטער טוהן אַ שטיקעל צייט, ביז איך וועל זעהן, אַז דער חילוק צווישעןביידע הענט איז שוין נישט אַזוי גרויס.

2) שוין צוויי מאָנאַטען ווי איך זעה נישט מיין מוטער, און איך פיהל איבער דעם עפּעס אַ שווערקייט אין מיין האַרצען. איך וועל איהר שרייבען יעדען טאָג, לפּחות אַ וואָך צייט, בכדי איהר צו קע-נען זאָגען טויזענד מאָל וויפיל גוטס און גליק איך ווינש איהר.

3) כ'וויל היינט מאַכען אַ קורצע באַשרייבונג וועגען אַלץ, וואָס אונזער איטאַליע איז שולדיג וויקטאָר מאַנועל'ן, מאַסיני'ן און קאַ-וואור'ן.

24-טער יאַנואַר

1) פּאָוטשיאָ, וואָס איז עלטער פון מיר מיט צוואַנציג יאָהר, זעהט אויפן ווייטען האָריזאָנט פון ים די קלענסטע שיפלעך, ער אונ-טערשיידט די זעגלען, די מאַסטבוימער, די ריכטונג אין וועלכער זיי געהען. איך וויל מיך אויך איינאיבען צו זעהן ווייטע זאַכען, בכדי צו באַקומען די זעלבע ראיה וואָס דער מאַטראָס פּאָוטשיאָ.

2) ס'איז פאַראַן אין סאַן טערענזאָ אַ מענש וואָס איז געזעסען פינף יאָהר אין תּפיסה פאַר דערשטעכן זיינעם אַ שונא אין אַ גע-שלעג. און, פונדעסטוועגען, איז ער אַ גוטער, ער אַרבייט אַלס שי-פער און פאַרדינט זיך עהרליך זיין ברויט. אַלע אַנטלויפען פון זיין געזעלשאַפט און קוקען אויף איהם שלעכט, און דאָס פאַרשאַפט מיר עגמת נפש. כ'וועל בעטען מיין פעטער ער זאָל איהם מיטנעהמען מיט אונז אַלעמאָל ווען מיר וועלען שפּאַצירען אינ'ם שיפעל.

3) היינט וועל איך אויס׳חזר׳ען אויף אויסענווענינ די צאָהל איינוואוינער פון אַלע וויכטיגסטע שטעדט אין איטאַליע.

25-טער יאַנואר.

1) כ׳בין תמיד געווען געגען, ווען מיין פעטער האָט געפאָדערט פון מיר איך זאָל אָנטוהן ווארים אונטערוועש. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האַלט מיך פאַר זעהר איידעל, און אַז כ׳האָב מיר שוין אָנגע-טוהן דאָס ווארימע לייבעל, איז מיך באַפאַלען אַזאַ בייסעניש, אַז איך האָב עס גלייך אויסגעטוהן. היינט וועל איך דאָס אָנטוהן, אָהן שום טענה-ומענה, בכדי נישט צו פאַרשאַפען קיין צרות דעם פעטער, און ווייל ער האָט מיך איבערצייגט, אַז ס׳איז זעהר נוצליך פאַרן גע-זונד.

2) כ׳וויל נאָכטראַכטען וועגען אורטייל פון מיין פעטער וועגען אַ געוויסען וואוילען יונג, וואָס האָט באַשווינדעלט אַ גאַנצע וועלט און דערפון איז ער רייך געוואָרען. מיין פעטער האָט געזאָגט: ס׳איז הונדערט מאָל מעהר ווערט אַן ערליכער מענש אָן עס הארץ, איידער אַ וואוילגעלערענטער און אַ שלעכטער.

3) כ׳וועל מיט אַ זייגער אין האַנט נאָכצעהלען דעם צופלוס און אָפפלוס פון די וואַסערען אינם פליאַזש פון סאַן טערענזאַ.

26-טער יאַנואר

1) איצט שטעה איך אויף זיבען אַזייגער אינדערפריה, אָהן איבריגער אָנשטרענגונג, ווייל כ׳האָב מיך שוין געוואוינט דערצו. כ׳וויל אויף ווייטער געווינען נאָך דרייסיג מינוט און אויפשטעהן האַלב זיבען.

2) כ׳וויל נאָכטראַכטען וועגען אַן ענין וואָס כ׳האָב באַמערקט שוין נישט איין מאָל: אַז מיר לאַכען מיט פאַרגעניגען פון דעם, וואָס צוליב זיין גוט הארץ מאַכט ער זיך דערפון נישט קיין וועזען. איז דאָס דען נישט אַ מיאוס׳ע, זעהר מיאוס׳ע טבע פונם מענשען?

3) פאַרוואָס רופט מען די איינגעבוירענע פון אַמעריקע אינדיאַ-

נער און פאַרוואָס רופט מען די אַנטיליען-אינזלען מערב - אינדיען? (כ׳מוז ענטפערען אויף דער דאָזיגער דאָפּעלטער פראַגע).

27-טער יאַנואַר

1) כ׳וועל פרעגען ביים דאָקטער פאַרוואָס האָט די וואַסער פון אונזער ברונעם אַ זיסערען טעם און איז אויך לייכטער פאַרן מאָגען, פון דער וואַסער פונם פאָנטאַן אויפן פלאַץ.

2) היינט מוז איך ענטפערען אויף פאָלגענדער פראַגע: פאַר-וואָס רעגט עס אונז אויף ווען מיר זעהען באַהאַנדלען שלעכט די בהמות, בעת יעדען טאָג הרג׳עט מען אויס אַזוי פיל פון זיי, בכדי צו דערלאַנגען זייערע פליישען צום טיש?

3) כ׳וועל ענטפערען, מיט דער הילף פון ביכער און מיט דער מיטהילף פונם דאָקטער, אויף דער דאָזיגער פראַגע: פאַרוואָס געבען נישט די דאָפּלטע בלומען קיין זריעה?

28-טער יאַנואַר

1) היינט אין אָוונד וועל איך מיך פאַרנעהמען מיט שרייבען מיט דער לינקער האַנד. כ׳וויל נישט ס׳זאָל מיט מיר טרעפען דאָס, וואָס ס׳איז געשעהן אַ מענשען, וועמען כ׳האָב נעכטען געזעהן אין ראָפּסי׳ם הויז און וועלכער האָט איבער דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ מכה אויף דער רעכטער האַנט, דעם גאַנצען חודש נישט געקענט שטעלען קיין אות.

2) נעכטען האָט דעם דאָקטער׳ס זוהנדעל, פּעפּפּינאָ מיך אומ-זיסט באַהאַנדעלט שלעכט און מיך געזידעלט. דער ערשטער געדאַנק איז ביי מיר געוועזען געהן זיך באַקלאָגען פאַר זיין פאָטער, אָבער באַלד האָב איך מיך אָפּגעהאַלטען פאַרשעהמט פאַר זיך אַליין, וואָס כ׳האָב געוואָלט ווערען אַ מסור. כ׳האָב אָפּגעשוויגען און בין מיר אַוועק מיין וועג. היינט וועל איך מיט גרויס ווירדע פרעגען ביי פּעפּפּינאָ׳ן פאַר-וואָס ער האָט עס אַזוי געהאַנדעלט געגען מיר און כ׳וועל פון איהם פאָדערען אַ פאַרגיטיגונג.

3) כ׳וועל אוים׳חזר׳ן אויף אויסענווענינ די ליד „דער 5-טער מאַי״ פון אַ. מאַנזאָני.

29-טער יאַנואַר

1) מיין שוועסטערקינד דזידזשי שלאָפט אָהן אונטערשיד מיט אַ קישען, און אָן אַ קישען; און מיח האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קישען איז אומבּאַדינגט נויטיג צו קענען שלאָפען גוט. כ׳וויל מיך געוואוי-נען צו שלאָפען אָהן אַ קישען.

2) כ׳האָבּ געהערט זאָגען, אַז אַ רעכטפערטיגער מענש זינדיגט זיבּען מאָל אין טאָג; איצט וויל איך דריי טעג נאָכאַנאַנד נאָכפאָרשען יעדען אָווענד אַלע מיינע אומקאָרעקטע טהאַטען און מיינע זינד, בּכדי צו זעהן צי איך בּין בּעסער אָדער ערגער פונם רעכטפערטיגען מענשען.

3) כ׳וועל בּעטען מיין פעטער ער זאָל מיר דערלויבּען צו מאַ-כען אַ בּאַזוך אין ספּעציער אַרסענאַל.

30-טער יאַנואַר

1) כ׳וועל בּעטען דערלויבּעניש בּיי מיין פעטער צו מיטפּאָה-רען מיט די מאַטראָסען אין זייערע שיפלעך, בּכדי זיך צוצוגעוואוי-נען צו זייער אַרט לעבּען. כ׳בּין זיכער אַז נאָך אַזאַ שפּאַציר וועלען אונזערע היימישע מאכלים מיר אַ סך בּעסער שמעקען.

2) דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן וואָס איז געקומען אַהער מיט איינינע טעג צוריק אין זיין יאַכט-שיף טרינקט אַלע נאַכט אַ סך פּאָנשם און ער רעדט אָפט שלעכטם פון איטאַליע און פון די איטאַ-ליענער. יעדעס מאָל וואָס איך הער איהם אַזוי רעדען, קומט מיר דאָס בּלוט אין פּנים אַריין, אָבּער איך האָבּ נישט קיין מוט צו אָפּשלאָגען זיינע אומבּאַגרינדעטע בּאַשולדיגונגען. היינט האָבּ איך בּיי זיך בּאַ-שלאָסען צו אָפּענטפערען איהם ווי איהם קומט. ס׳איז אמת, אַז איך בּין נאָך כמעט אַ קינד, אָבּער ס׳איז אויך נישט ווענינער אמת, אַז איך בּין אַן איטאַליענער, און איך טאָהר און קען נישט דולדען, מען זאָל בּאַליידיגען מיין פאָטערלאַנד.

3) כ׳וועל אויסלערנען די נעמען און די ריכטונג פון די ווינטען וואָס בלאָזען אויפן ים.

31-טער יאַנואַר

היינט איז דער לעצטער טאָג פון חודש, וויל איך מיר מאַכען אַ חשבון הנפש וועגען אַלע מיינע טהאַטען פאַרן חודש יאַנואַר, און איך וויל מיר שטעלען די דאָזיגע פראַגען:

1) וואָס האָב איך געטוהן צו פּערפעקציאָנירען מיין גוף?
2) וואָס, צו אויסבעסערען דאָס הארץ?
3) וואָס האָב איך דערלערענט צו שאַרפען מיין שכל?

* *

IV

אַ הונט צעבייסט דריי קינדער. — די ענגלענדער וויינען קיינמאָל נישט.

עריקאָ איז אַרויס פון שטוב אויף אַ שליחות פון זיין פעטער, אָבער אין עטליכע מינוט אַרום איז ער געקומען צולויפען צוריק אַ דערשראָקענער און פונ׳ם גאָרטען נאָך האָט ער געשריען: „פעטער, פעטער, קומט אַראָפּ שנעל; קומט אויפ׳ן פּלאַץ; ס׳האָט דאָרט געמוזט געשען אַ גרויס אומגליק״.

דאָס קול און דער טאָן פון עריקאָ׳ס אָפּגעהאַקטע און אַנגסטליכע ווערטער האָט אַזוי דערשיטערט, אַז דער פעטער באַטשיטשיאַ איז גלייך אַרונטער די טרעפּ און אַרויפוואַרפענדיג קוים אויפ׳ן קאָפּ זיין הוט, איז ער בליץ-שנעל אַוועק צום פּלאַץ, אין דער באַגלייטונג פון עריקאָ׳ן.

אין די פענסטער דאָ און דאָרט, האָט זיך באַוויזען אַ נייגעריגער קאָפּ פון אַ צעשויבערטער פרוי אָדער פון אַ גרייז-גרויען זקן, און איינע האָבען געפרעגט די אַנדערע:

— וואָס זאָל עס זיין ? וואָס איז געשעהן ?

— מען זאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן אין שטעדטעל אַ משוגענער הונט...

און פון דער גאַס האָט עמיצער, וואָס איז געלאָפען צום פּלאַץ, נישט אָפּשטעלענדיג זיך און נישט ענטפערענדיג אויף די אָנפראַ-

גען וואָס האָבן דורכגעשניטען פון פענסטער צו פענסטער, אַ וואָרף געטון סתם אזוי אין דער לופט אַריין אַ זשמעניע ווערטער:

— דריי קינדער זענען צעביסען געוואָרען פון אַ הונט.

— דער הונט איז נישט קיין היגער, אַ פרעמדער הונט, גע-קומען פון סאַרסאַנאַ.

— ניין, פון לעריטשי איז ער געקומען.

— זאָגט, מענשען! זענען דאָס אפשר מיינע קינדער געווען. מיינע קינדער, וואָס האָבען זיך געשפילט אויפ'ן פּלאַץ?

— גאָט אין הימעל! ליבער גרויסער גאָט! אַ וועהטאָג איז דער מאַמען, ס'זאָלען כאָטש נישט האָבען געווען מיינע קינדער!

די דאָזיגע פראַגעס, ענטפערס און אויסרופען זענען געגאַנגען און געקומען אין דער לופטען, זיי האָבען זיך אָנגעשלאָגען איינס אויף ס'אַנדערע, ווי מענשען בעת אַ גרויסען געדרענג, און אַלע צוזאַמען האָבען זיי געשאַפען אַ שטימונג פון אַנגסטליכער נייגע-ריגקייט, פון רחמנות, מיטגעפיהל און שרעק. דער פעטער באַ-טשיטשיאַ און עריקאַ האָבען זיך נישט אָפּגעשטעלט פרעגען אָדער ענטפערען, נאָר אין איין אָטעם זענען זיי געקומען צו לויפען אויפן שפּאַציר-פּלאַץ.

אַרום פאָנטאַן איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם אין אַ ראָד, מיט די בליקען געווענדעט אויף איין-איינציגען פונקט, וואָס איז אייגענטליך געווען פאַרשטעלט פון יענע אַלע מענער, פון יענע אַלע פרויען, וואָס זענען אַרויסגערופען געוואָרען אַהין, ווער ווייסט פון וואָס פאַר אַן אַנגסט, ווי מוראַשקעס, וואָס קלייבען זיך אַרום איינער פון זייערע חבר'טעס, וועלכע איז דערדריקט געוואָרען דורכ'ן פוס פון אַ פאַרבייגעהער.

איידער דער פעטער און דער פלימעניק האָבען נאָך באַוויזען צו עפענען דאָס מויל, ביים צוקומען צו יענער גרויסער מענגע מענ-שען, וועלכע האָבען מיט דרך-ארץ זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט צו לאָזען זיי זעהן די אַנגסטליכע סצענע, האָבען אַ סך קולות איבער-גע'חזרט דאָס זעלביגע.

— טעאָדאָראַ׳ס דריי קינדער זענען צעביסען געוואָרען פון אַ משוגענעם הונט.

די דריי אומגליקליכע קינדער זענען איצט געווען דער ציל־פּינטעל פון יענע אַלע נייגעריגע און צעשראָקענע אויגען; אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט זיך צוצוריהרען צו זיי.

דאָס זענען געווען אָרימע קינדער, די עלטערן פון וועלכע זענען געווען פישער און מאַטראָסען. דאָס עלטסטע — אַ אינגעלע — איז אַלט געווען צעהן יאָהר; ער איז געווען אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט, און כאָטש ס׳האָבען זיך שוין געהאט אָנגעהויבען די נאָוועמבער־קעלטען איז עס נאָך געגאַנגען באָרוויס און די בגדים זיינע זענען קוים געווען אַ וואָלענע פאָר הויזלעך און אַ צעשליסען העמדעל. די אַנדערע צוויי — מיידעלעך — זענען געגאַנגען בע־סער און ציכטיגער אָנגעטון; איינע האָט געקענט אַלט זיין זעקס יאָהר; די צווייטע, פיר. אַלע דריי האָבען יאָמערליך געוויינט און אויף זייערע פּנים׳לעך איז געווען אויסגעצויגען אַ גרויל און אומ־באַשטימטע שרעק. זיי זענען צעביסען געוואָרען איינס אין פּנים, דאָס צווייטע אין די פיס און דאָס דריטע אין די הענט.

דער פּעטער באַטשיטשיאַ האָט מיט זיין אָנקומען אַריינגע־בראַכט אַביסעל ליכט און אָרדנונג אין יענעם מיש־מאַש פון צערו־דערטע קעפּ, אין יענעם טומעל פון אומזיסטע קרעכצענישען און פּלאַפּלערייען. אויף זיין ערשטער פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט אַלעמען און קיינעם נישט, אין אַ האַרטען טאָן, כאָטש ער איז גע־ווען טיף־געריהרט, איז געוואָרען צווישען עולם אַ טויט־שטילקייט. אָפּט טרעפט, אַז עס פאַרבינדט זיך אַ דיאַלאָג צווישען איינעם און טויזענט. כמעט תמיד איז דער איינער אַזוי פיל ווערט, וויפיל די טויזענט, און די אַלע ענטפערען דעם איינעם דורך איין מויל אָדער דורך עטליכע, וואָס בייטען זיך און וואָס טוען דאָס אין נאָמען פון דער גאַנצער עדה. נישטאָ קיין בעסערע געלעגענהייט ווי ביי אַזעלכע פּאָלקס־סצענעס צו קענען באַטראַכטען פאַר איין מאָל די דאָזיגע צוויי נפשות: דער יחיד און דער קאָלעקטיוו.

— ווען זענען די קינדער געביסען געוואָרען?

— אַ צוואַנציג מינוט אין דעם; העכסטענס אַ האַלבע שעה.

— האָט מען גאָרנישט גערופען דעם דאָקטאָר ? מען מוז גלייך אויסברענען די דאָזיגע וואונדען מיט אַ גליהענדיגען אייזען.

— דער דאָקטאָר איז אַוועקגעפאָהרען קיין פּיבעלי...

— טאָר מען נישט פאַרלירען קיין צייט... איך אַליין וועל די וואונדען אויסברענען. אָבער פאַר אַלעמען זאָגט מיר נאָך אַמאָל: ווייסט איהר וועלכער הונט ס׳האָט צעביסען די קינדער ? נישט אַלע הינט וואָס בייסען זענען משוגע. אויב דער הונט איז אַ באַקאַנטער...

דאַ האָט דער קאָלעקטיווער מענש אָפּגעענטפערט אויף אַ פאַרשידענעם אופן, און דער פעטער באַטשיטשיאַ האָט, אויסדרעהענדיג זיך אַ ווילדער און אַ בייזער צום קצב, איהם געמאַכט פאַר׳ן איינציגען, וועמען ער האָט געשטעלט פראַגען.

— איהר זענט דאָך מיושב׳דיגער פון די אַלע חמורים. ווייסט איהר אפשר ווער עס האָט געזעהן דעם הונט ?

— כ׳ל אייך זאָגען... — האָט געענטפערט דער קצב, אַ שטאָלצער פון דעם כבוד, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט איהם אָנגעטון ארויסצונעמען איהם פונ׳ם כלל, און באַזונדערס פאַר די לויב-רייד, מיט וועלכע דעם קאַפּיטאַנס פראַגע איז געקומען באַגלייט — כ׳ל אייך זאָגען וואָס דאַ איז פאָרגעקומען: איך בין מיר געשטאַנען אויף מיין טיר און מיר גערויכערט מיין ליולקע, און טעאָדאָראָ׳ס קינדער האָבען זיך געשפּילט ביים פאָנטאַן, פון וועלכען זיי האָבען אָנגעפּולט זייערע קענדעלעך מיט פרישען וואסער. פּלוצים האָב איך דערעזהן ווי אַ הונט לויפט דורך מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ; די קינדער האָבען איהם געוואָרפען אַ שטיין. האָט דער הונט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און נישט האַווקענדיג גענומען געהן צו זיי; ער האָט אַ בים געטון דעם אינגעל אין פנים, אומגעוואָרפען אויף דער ערד די מיידעלעך, און זיך איינגעגראָבען מיט זיינע צייהן אין זייערע הענט און פיס. דאָס אַלץ איז געשעהן אין אַ סך ווייניגער צייט וויפיל ס׳האָט ביי מיר גענומען דערצעהלען. כ׳האָב געכאַפּט די האַק און מיך אַ לאָז געטון נאָכ׳ן הונט, אָבער ער איז

אין איין אָטעם אַוועק אויפ׳ן וועג קיין פּאַסואָלי, און ס׳איז איהם אונמעגליך געווען צו דעריאָגען. קיינער קען איהם נישט און ער איז זיכער נישט פון סאַן טערענזאָ.

— גוט, גוט! — האָט איהם פּלוצים איבערגעהאַקט דער פעטער באַטשיטשיאַ — מען טאָר נישט פארלירען קיין צייט; דער הונט קען זיין אַ משוגענער. לאָמיר נעמען די קינדער אין אַפּטייק און צוגרייטען דעם אַנגעגליהטען אייזען...

דער המון האָט געעפענט אַ וועג שטום און מיט דרך ארץ; דער קאַפּיטאַן האָט אָנגענומען ליבליך דאָס אינגעלע פאַר אַ האַנט, עריקאָ׳ן האָט ער אָנפאַרטרויט דאָס עלטערע מיידעלע, בעת אַן אַלטער קרוב פון די קינדער האָט אויף די הענט גענומען דאָס קלע-נערע. צום גליק איז דער פאָטער פאַרנומען ביים כאַפּען פיש, און די מוטער, וועמען אַלע האָבען גערופען טעאָדאָראַ, איז געהאַט אַוועק קיין סאַרסאַנאַ, צו פאַרקויפען די פיש, וואָס מ׳האָט געכאַפּט נעכטען אין אָוונט...

דער פעטער באַטשיטשיאַ איז געווען אומגעדולדיג; ער איז אומגעלאָפען און גערעדט צו זיך אליין: „דער עיקר מיר זאָלען עס טון וואָס שנעלער; מען מוז פאַרענדיגען איידער טעאָדאָראַ קעהרט זיך אום“.

די דאָזיגע האָפנונג איז געווען אַן אומזיסטע. בעת אין אַפּ-טייק, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען, בכדי דער המון זאָל זיך נים אַריינרייסען, האָבען דער אַפּטייקער און פעטער באַטשיטשיאַ צו-געגרייט די אַנגעגליהטע אייזענס, האָט זיך דערהערט אַ געשריי, בעסער געזאָגט נישט קיין געשריי, נאָר אַ ברום פון פאַרצוייפ-לונג, וואָס איז געקומען באַגלייט פון אַ פעסטען האַמערען מיט די פויסטען אין דער טיר:

— עפענט, עפענט! דאָס בין איך, טעאָדאָראַ! מיינע אָרי-מע קינדער, נעבעך!

די טיר האָט זיך געעפענט, און ס׳איז אונמעגליך געווען אויס-צומיידען, אַז צוזאַמען מיט דער מוטער זאָלען אויך אַריין סתם נייגעריגע.

טעאַדאָראַ איז אַוועקגעפאַלען אויף די קניה פאַר איהרע קינדער און זיי געדריקט צום האַרצען. זי האָט אָפּגעדעקט די וואונדען און זי האָט אויסגעקושט אין די קינדער וואו נאָר ערגיץ אַ גראַבּעל אָדער אַ ראָץ. דאָס איז געווען אַ האַרצרייסענדיגע סצענע: אַלע האָבען געוויינט און געפּרואווט איינשטילען און טרייסטען די אומגליקליכע מוטער.

— טעאַדאָראַ, לאָזט אייך נישט אָפּ, וואָס טוט איהר? דער הונט איז נישט געווען קיין משוגענער; ס'איז בּלויז געווען סתם אַזוי אַ שלעכטער הונט, און אייערע קינדער האָבּען איהם געוואָרפען שטיינער...

עריקאַ, וועלכער איז געווען זעהר אַ פיהלענדיגער, און נאָך מעהר איצט, אין זיין דערהאַלען זיך פון דער לאַנגער קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם אַזוי אָפּגעשוואַכט, האָט זיך נישט געקענט איינהאלטען און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

דער פעטער האָט איהם געמוזט איינגעמען און ער האָט איהם געבּעטען ער זאָל אַוועקגעהן אַהיים.

— ניין, פעטער; כ'וויל דאָ זיין מיט אייך און אייך העלפען

— און די טרעהרען האָבּען זיך געגאָסען ווי פון אַ קוואַל.

— ניין, עריקאַ טייערער, דו קענסט מיר מיט גאָרנישט העלפען, און מיט דיין וויינען דערשרעקסטו די מוטער פון די קינדער.

צום גליק, איז אין יענער רגע אָנגעקומען דער דאָקטאָר, פאַר וועמען דער גאַנצער עולם האָט געמאַכט אַ וועג.

דער פעטער באַטשיטשיאַ האָט זיך שטאַרק דערפרעהט וואָס איצט וועט ער זיך שוין קענען אָפּגעבּען מיט עריקאַ'ן. ער האָט איבּערגעגעבּען דעם דאָקטאָר די געבּיסענע קינדער און דערבּיי האָט ער געזאָגט:

— אָט האָט איהר זיי... איך מוז אַוועקגעהן, ווארום דער דאָזיגער מיינער וועט בּאַלד פאַלען אין חלשות, און איהר וועט מיט אייער פליכט דערפילען בּעסער ווי איך וואָלט עס געטון. די אייזענס זענ'ען גרייט.

באַלד דערויף האָט ער מיט געוואַלט ארויסגעפיהרט עריקאַ'ן פון דער אפּטייק.

עריקאַ האָט יאָמערליך געוויינט, און דער פּעטער האָט איהם געלאָזט זיך גוט אויסוויינען. ער האָט איהם נישט געזאָגט קיין וואָרט.

פאַר זייערע אויגען אָבער, אַביסעל ווייטער, האָט זיך אָפּגע-שפּילט אַ גאַנץ אַנדערע סצענע.

אַ מאַשיניסט פון פּערטוסאָלאַ, אַן ענגלענדער פון געבוירען, האָט אויך פּונקט ווי דער פּעטער באַטשיטשיאַ געשלעפּט פון אַפּ-טייק זיינע צוויי קינדער, אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, וועלכע האָ-בען געוויינט אזוי ווי עריקאַ.

דער ענגלענדער אָבער, האָט להיפוך פונ'ם פּעטער באַטשי-טשיאַ, זיך געבייזערט אויפן אינגעלע און געשריען אויף איהם:

— שווייג, שווייג, וויליאַם; ווייז נישט; ענגלענדער דאַרפען נישט וויינען; די ענגלענדער וויינען קיינמאָל נישט.

דער קליינער וויליאַם האָט איינגעהאַלטען זיין געוויין, און אנשטאט זיינע טרעהרען איז געקומען אַ מין הייזעריגער שלו-קערכץ.

* *

*

אין צוויי שעה ארום, ווען עריקאַ איז שוין געווען אינגאַנצען באַרוהיגט, האָט ער געשטעלט זיין פּעטער פאָלגענדיגע פראַגע, וועלכע האָט איהם ממש געוואָרגען אין האַלדז.

— זאָג מיר, פּעטער: פאַרוואָס עפּעס האָט יענער ענגלענדער זיך גע'כעסט אויף וויליאַם'ען פאַר זיין וויינען בעת'ן אומגליק מיט טעאָדאָראָ'ס קינדער? וויל דען יענער ענגלענדער האָבען קינדער אָהן אַ האַרץ און אָהן געפיהל?

— אָ, עריקאַ מיינער! מיר וואָלטען געקענט רעדען אַ גאַנ-צען טאָג וועגען דעם ענגלענדערס שטראָף-רייד, און איך דאַנק דיר פאַר דיין פראַגע, ווארום דאָס גיט מיר אַ געלעגענהייט דיר ארויס-צוזאָגען מיין מיינונג וועגען דעם ענין. די ענגלענדער האָבען,

וואַהרשיינליך, נישט ווייניגער האַרץ ווי מיר; אָבער זיי געוואוי-נען זייערע קינדער נישט צו וויינען, באַזונדערס די זכרים. מען קען ליידען, מען קען נעמען אַן אַקטיווען טייל אין יענעמס צער, ווען אַפילו מען פאַרגיסט נישט קיין טרעהרען; די טרעהרען זע-נען, פאַר די ענגלענדער, אַ סימן פון שוואַכקייט, אָבער קיין גרויסען כבוד פאַרשאַפען זיי נישט. דו האָסט געווים באַמערקט, אַז יענער מאַשיניסט האָט זיך געבייזערט אויפ'ן אינגעלע, נישט אויפ'ן מיי-דעלע. די פרויען נויטיגען זיך נישט אין מוט און אין העלדישקייט, וואָס דאַרפען זיין דער שטעמפּעל פון נאַבעלקייט ביי מענער.

דאָס וויינען איז טאַקע אַ סימן פון שוואַכקייט, ווארום קינדער, פרויען און זקנים וויינען אָפטער און לייכטער פון די מענער און פון יונגעלייט; און ווען מען וויינט, ווערט דער שכל דערטרונקען און ס'איז אונז שווערער צו העלפען דעם, וואָס נויטיגט זיך אין אונזער הילף און אין אונזער עצה.

ווען די ענגלענדער וואָלטען געלערענט זייערע קינדער נישט מיטצופיהלען יענעמס שמערצען, וואָלטען זיי געמאַכט פון זיי עגאָ-איסטען; אָבער זיי זאָגען בלויז „וויינט נישט"; טרעהרען זענען אַ סימן פון שוואַכקייט; „די ענגלענדער דאַרפען נישט וויינען". אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַ לעקציע פון מוט, פון איבונג פון ווילען, און גיט אויך אַ לעקציע פון נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. ווען יענער מאַשיניסט האָט געזאָגט זיין קינד „ווייו נישט, ענגלענדער דאַר-פען נישט וויינען; די ענגלענדער וויינען קיינמאָל נישט", האָט ער מיט שטאָלץ פעסטגעשטעלט, אַז ער געהער צו אַ פאָלק, וואָס איז ציוויליזירט, העלדיש און טעטיג, און ער האָט רעקאָמענדירט זיין קינד צו זיין ווירדיג צו געהערען צו אַזאַ גרויס פאָלק.

איך בין נישט קיין ענגלענדער, נייערט אַן איטאַליענער, און וויל איך בין ברייטהאַרציגער, און אפשר אויך, איבער מיין על-טער, נישט אזוי ענערגיש ווי יענער מאַשיניסט, האָב איך דיך גע-לאָזט וויינען; אָבער איך בין זעהר צופרידען וואָס דו האָסט באַקו-מען אַ לעקציע פונ'ם מויל פון יענעם מאַן, אַ בירגער פון אַ גרויס פאָלק, פון דער ראַסע, וואָס באַהערשט היינט די וועלט.

אויב יענער ענגלענדער זאָל, נאָכ׳ן געבען זיין קינד יענע לעק־ציע פון העלדישקייט, האָבען איהם געשיקט צו טעאַדאָראַ׳ן, בכדי איהר אונטערצוקומען מיט מאַטעריעלער הילף, וועט ער איהם האָבען געגעבען אַ דאָפּעלטע לעקציע, ווארום ער וועט איהם האָבען באַוויזען, אַז דער קאָפּ און דאָס האַרץ דאַרפען שטענדיג זיין איי־ניג, און אויב מיר דאַרפען זיך אָפּהאלטען פון וויינען, מוזען מיר אָבער, פונדעסטוועגען, פיהלען דעם פרעמדענס צער, און וויפיל ס׳איז פון אונז אָפּהענגיג, דאַרפען מיר זיי טרייסטען און פּרואווען לינדערען זייער שמאַרץ. צוערשט דאָס האַרץ, און נאַכהער דער קאָפּ; אָבער כסדר צוזאַמען קאָפּ און האַרץ.

*   *

קאַלענדאַר פאַר גוטע טהאַטען

די טעגליכע צילען פאַרן חודש פעברואַר 1)

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

1) דער לייענער דאַרף אָנפילען די לעדיגע שורות, דורך פאַרצייכענען דרויי צילען פאַר גוטע טהאַטען יעדען טאָג, ווי פעטער באַטשיטשיאַ האָט געוויזען אַ מוסטער פאַר׳ן חודש יאַנואַר.

אַזוי דאַרף אויך דער לייענער טהון מיט אַלע אַנדערע חדשים פון יאָהר אין זיין באַזונדערען קאַלענדאַר־העפט.

V

אַ שפּאַציר איבערן ים אונטער שאַרפע ווינטען. — די ווילע פון מאַרקיז x**

אין אַ טאָג ווען ס'האָט געבלאָזען אַ שאַרפער און קיהלער ווינט, האָט דער פעטער באַטשיטשיאַ גענומען עריקאָ'ן אויף אַ שפּאַציר איבער'ן ים.

— ווערסט זעהן, פּלימעניקעל מײַנער, ווי, נישט קוקענדיג אויף מײַנע אַכציג יאָהר, קען איך נאָך אָנפיהרען מיט אַ שיף בײַ שאַרפע ווינטען, און דו וועסט דיך אויסלערנען נישט מורא צו האָבען, אויב אַ כוואַליע וואַסער וועט דיר אָפּנעצען די הויזען און אויב דו וועסט זעהן דאָס שיפעל זיך איסבויגען אויף איין זײַט, אַזוי אַז ס'זאָל זיך צוזאַמענגיסען מיט דער אויבערפלאַך פון די כוואַליעס.

אין דער אמת'ען איז דער ווינט טאַקע געווען אַ שטאַרקער, און דער אַלטער קאַפּיטאַן, מיט איין האַנט בײַם רודער און מיט דער צווייטער בײַם שטריק פון די זעגלען, האָט ער באַהערשט די שיף, אַז ער האָט זי געמאַכט געהן כמעט געגען ווינט, און אַ צאָרן האָט אין איהם גענומען ברענען, ווען אַ פּלוצימדיגע באַוועגונג פונם רודער און פון די זעגלען האָט געביטען די ריכטונג פונ'ם שיפעל.

— עריקאָ — האָט ער זיך אָפּגערופען — ווען איך בין אויפן ים אין אַ טאָג פון בייזע ווינטען און זיי צעשויבערען מיר מײַנע האָר און זיי פײַפען מיר אין די אויערען און הילען מיך איין אײנגאַנ-

צען מיט זייער גלעטען מיך, פיהל איך ווי איך ווער יונגער און עס נעמט מיך אָן אַ חשק צו אָנהויבען זינגען לידער פון מיינע קינדער-יאָהרען. אָ, ווען אַלע איטאַליענער זאָלען אַזוי ליב האָבען זייערע צוויי ימים, ווי איך האָב זיי ליב, וואָלטען מיר געווען אַ גרויס פאָלק. די ענגלענדער זענען דאָס ערשטע פאָלק אין דער וועלט, ווייל זיי האָבען ליב ביז פאַרגעטערונג דעם אָקעאַן. אויב זיי ווערען גע-בוירען אָרימע, לאָזען זיי זיך אויף איהם אוועק צו זוכען פאַרמע-גען; אויב זיי ווערען געבוירען רייכע, שניידען זיי איהם דורך מיט זייערע יאַכט-שיפען אָדער זיי שיקען איבער איהם זייערע גרויסע שיפען צו האַנדלען מיט אַלע פעלקער.

איך בין נישט קיין דיכטער און איך קען נישט באַגרייפען די עמאָציע, וואָס עס פאַרשאַפט מיר דער דאָזיגער גרויסער בלויער טייך, מעג איך איהם באַטראַכטען פון׳ם פליאַזש, אָדער מעג איך איהם זעהן ביי מיינע פיס, פון׳ם בריקעל פון דער דאָזיגער שיף. כ׳ווייס נאָר איין זאַך, אַז היינט זעהט מיר אויס דער ים אַזוי שעהן ווי ער האָט מיר אויסגעזעהן צוריק מיט צוואַנציג יאָהר; און מעגסט זיין זיכער, אַז ער זעהט מיר אויס אַ סך שעהנער איצט, ווען איך בין שוין אַלט. ס׳איז מיר קיינמאָל נישט גענוג וויפיל כ׳קוק אויף איהם, און יעדעס מאָל וואָס איך קוק אויף איהם, זעה איך איהם אַנדערש און איך אַנטדעק אין איהם נייע וואונדער.

כ׳קען שעה׳ן-לאַנג קוקען אויף דעם דאָזיגען אומענדליכען בלויען, וואָס מאַכט מיך טראַכטען אין אַזוי פיל זאַכען. און דאָס טראַכטען איז כסדר וועגען מעלאַנכאָלישע, גרויסע און פאַרשידענ-אַרטיגע זאַכען, אָבער אַלע גוטע אַזעלכע און דערהויבענע. אויב איך בין אויפגעברויזט אויף די מענשען, אויב איך זעה זיי אָט-אָ צו קליינע, אָט-אָ צו ווילדע, אָט-אָ צו אומדאַנקבאַרע. איז אָבער, ווען איך טו אַ קוק אויפ׳ן ים, ווי ער ליגט זיך אַ רוהיגער און אַ גרויסער, זעהן מיר אויס, די מענשליכע נישטיגקייטען אַזעלכע קליינע, אַז איך הויב אָן לאַכען און די ביטערקייט מיינע ווערט פאַרוואַנדעלט אין חסד און רחמים צו אַלעמען. אויב דאָס לעבען זעהט מיר אויס אַ שטיק גיהנום איבער׳ן שטרעבען צו טויזענטער

זאכען, ווערען אויך די שטרעבונגען צערונען, ווי דער נעפּעל דורך דער זון, ווען איך בּאַטראַכט דאָס גרויסע שטיק אומענדליכקייט, וואָס קיין שום מענשליך אויג קען נישט משיג זיין און אויסמעסטען. אויב דעם מענשענס אומגערעכטיגקייט רעגט מיך אויף; אויב עס צינדט מיך אונטער דאָס, וואָס דער מענש האָט געשאַפען ווענט, וואָס ער האָט בּאַשטימט גרעניצען, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט צוימען; אויב ס'קאָכען מיך אויף די אָנגענומענע מעטאָדען, דורך וועלכע מיר ווישען אָפּ יעראַרכיעס, אייגענטומען און אַכטונגען, טו איך אַ קוק אויפ'ן ים און די לונגען מיינע בּרייטערען זיך אויס און אָטעמען אויף פרייער. אויפ'ן ים האָט קיינער נישט געקענט בּאַווייזען צו בּויען צאָהלאַמט-געבּיידעס, אַרויפלעגען שטייערען אויפ'ן קאָנסום און אַוועקשטעלען ווענט, וואָס זאָלען צעטיילען. אָ, דאָ אויפ'ן ים וואוינט גאָט! מען אָטעמט פריי; דער ים געהער צו אַלעמען, צו אַלעמען, וואָס האָט מוט צו אָנפאַרטרויען זיך אין איהם און געוואַגטקייט איהם דורכצושניידען.

דאָס גאַנצע לעבען איז אַרויסגעקומען פון דעם דאָזיגען קלאָהרען וואַסער, קלאָהר ווי דער הימעל און פרוכטבּאַרער פון דער ערד. אונזער צוקונפט איז אויפ'ן ים, וואָרום די נאַטור האָט אַוועקגעשטעלט איטאַליע ווי אַ בּריק צווישען מזרח און מערב; און גליקליכערע פון ענגלאַנד, זענען מיר איינצייטיג אינזעל און פעסטע ערד. מיר הויבּען אויף אונזער קאָפּ בּיז'ן צענטער פון אייראָפּע, און אין געצעהלטע טעג קענען מיר בּרענגען בּיז'ן סאַמע האַרץ פון דייטשלאַנד די פּראָדוקטען פון אינדיע און כינע, כל זמן מיר'ן אָנהאַלטען אַזאַ וואוקס, אַז אונזערע פיס זאָלען זיך אָנשפּאַרען כמעט אין אַפריקע און, אָהן גרויס אָנשטרענגונג, זאָלען זיי אויך קענען אָנריהרען די בּרעגען פון אַזיע.

און דער דאָזיגער מיטללענדישער ים, וואָס איז די וויג פון אַזוי פיל ציוויליזאַציעס, וואָס איז דער ים, פון וואַנען ס'איז אָפּגעפאָהרען מאַרקאָ פּאָלאָ צו דערגרייכען בּיז כינע; דער דאָזיגער ים, וואָס איז דער מאַרק, דאָס אָפּזאַץ-פּלאַץ און דער אַרעאָפּאַג 1) פון אַלע

1) העכסטער געריכט פון אטען (גריכענלאנד).

אייראָפּעאישע ציוויליזאַציעס, געהער ער דען נישט אין אַ גרוי-סען טייל צו אונז און האָבען מיר דען נישט צווישען אונזערע ער-שטע פליכטען דאָס פאַרטיידיגען איהם פון יעדען, וואָס וועט איהם נאָר וועלען מאָנאָפּאָליזירען?

כ׳ווייס נישט וואָס דו וועסט טון, עריקאָ, ווען דו וועסט דער-גרייכען די עלטער צו דאַרפען אויסוועהלען אַ פּראָפעסיע; אָבער געדענק עס, צי אויפ׳ן ים, צי אויף דער יבשה, ביים רעדען, צי ביים שרייבען, אַז דער מיטללענדישער ים מוז זיין אַן איטאַליענישער. ווארום די נאַטור האָט אונז באַשטימט דעם אַמט אלס שומרים און וואַך-לייט פון דעם דאָזיגען ים, דער שעהנסטער פון אַלע ימים; און אונזער האַנדעלס-פלאָט מוז צוריקגעווינען די פּאָזיציע, וואָס קומט איהם, וואָס געהער איהם, די אַמאָליגע פּאָזיציע, וועלכע מיר האָבען פארלוירען איבער נאַכלעסיגקייט, און אפשר אויך אי-בער צופיל פאַרזיכטיגקייט, ווייל מיר האָבען געוואָלט וויסען דורך אַנדערע צי די זעגעל-שיף וועט באַזיגען די דאַמף-שיף אָדער פאַר-קעהרט.

כ׳רעד מיט דיר פונ׳ם האַנדעלס-פלאָט, ווייל כ׳האָב פון איהם געלעבט איבער אַ האַלבען יאָהרהונדערט און ווייל אונזערע מלוכה-לייט האַלטען אין איין פאַרגעסען זיך אין איהם. דער קריגס-פלאָט טרייסט מיך פיל מעהר, און ווען כ׳זעה אין די וואַסערען פון ספּע-ציאַ-דורכגוס, שטעהן אַזוי אין אַ רייהע די „דואיליאָ“, די „דאַנ-דאָלאָ“, די „לעפּאַנטאָ“, די „איטאַליאַ“ און אַנדערע פּאַנצער-שי-פען פון אונזער פלאָט, וואָלט איך כמעט זיך געווינשען אַ מלחמה צו באַווייזען אַלעמען, אַז היינט צו טאָג קען אונז קיינער נישט באַליידיגען און ער זאָל בלייבען אומבאַשטראָפט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

בעת דער פעטער באַטשיטשיאַ האָט, אַ פאַרשיכורטער פון שאַרפען ווינט, געווידמעט דעם ים אַ תימן פון זיין אַלטער ליבע און פון זיין אומענדליכער פאַרגעטערונג, איז דער ווינט פלוצים כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרען און דאָס שיפעל איז געבליבען שטעהן אַנטקעגען סאַן וויטאָ.

עס האָבּען זיך שוין אָנגעזעהן די הייזער פון דער ריוויערע, און דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט געוויזען עריקאָ׳ן די פעסטונגען, די ווילעס און אַ סך דערפער, וואָס ליגען צופיסענס פון באַרג.

— זעהסט, עריקאָ, יענע ווילע דאָרט בּיי די פיס פון יענער פעסטונג, כמעט איינגעהילט אין אַ וואַלד פון קאַשטאַנען-בּוימער?

— יאָ, איך זעה זי... וואָס איז דען?

— יענע ווילע איז אַ גרויסע לעֶהרע מכח דער קונסט פון לעבּען. זי געהער צו אַן אוראַלטער משפּחה פון די מאַרקיזען x**
און איז היינט דאָס איינציגע רעשטעל פון אַ גרויס פאַרמעגען, וואָס האָט מיט איניגע יאָהרען צוריק בּאַטראָפען אַ סך מיליאָנען. דער לעצטער יורש פון די מאַרקיזען וואוינט אין דער ווילע כמעט אַ גאַנץ יאָהר, פאַרהוילענדיג זיין נויט, ווארום ער האָט נישט מעהר ווי אַ קליינע הכנסה, וואָס קומט איהם אַריין פאַר אַ שטיקעל ערד, וואָס ער האָט ארום פּאַלאַץ.

איין מאָל, מיט צוויי יאָהר צוריק, האָבּ איך בּאַדאַרפט זעהן דעם מאַרקיז אין זיין ווילע צוליבּ געוויסע ענינים, און דאָרט, פאַר׳ן גרויזאַמען קאָנטראַסט צווישען זיין עבר און זיין געגענוואַרט, איז מיר דאָס האַרץ צעגאַנגען געוואָרען. ער האָט געטראָגען אַן אנצוג עטוואָס כמעט ווי אַן אויפזעהער אָדער ווי אַ גוט-איינגעאָרדענ- טער פויער. און ער האָט מיך אויפגענומען אין אַ זאַל, אין וועלכער גליק און נויט זענען געגאַנגען געארעמט. די ווענט געפאַרבּטע אין אָיל, מיט גרויסע און אַלטמאָדישע שפּיגלען, און איבּער׳ן דיל אַזאַ אַלטער און אויסגעריבּענער טעפּיך, אַז די פעדים האָבּען זיך אַליין געשאָטען פונ׳ם געוועבּ. אויף אַ רייהע פּעדעסטאַלען מאַרמאָרנע סטאַטועס, און אויף אַ קרום-צעפאַהרענעם טישעל זענען געשטאַנען די שיריים פון קאַווע מיט מילך, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען אין אַ פאָרצעלייענעם טעפּעלע, וואָס האָט שוין פאַרגעסען צי ס׳איז אַמאָל געלעגען לעבּען פאָרצעליי.

פונ׳ם פענסטער האָט זיך געזעהן נאָך אַ בּולט׳ער בּילד פון פיינליכע קאָנטראַסטען. דער הויף איז געווען אינגאַנצען דורכגע-

שניטען דורך א גלאריעטע אויף מארמארנע סלופעס, אבער אונ-
טער דער גלאריעטע איז געווען גוט אנגעמיסטיגט און אנגעשמוצט.
און צווישען בארג מיט קויט און שמוץ האבען אפגערוהט און אומ-
געהוליעט הינער, הינדעלעך, אינדיקעס און קאטשקעס. אין א
ווינקעל פון הויף, אין א טיפען זומפ, איז געלעגען פארזונקען דאס
אפשניצעל פון א סקולפטור-פיגור, וואס האט געדינט אלס אנשפא-
רעניש פאר א צעלעכערטער קאריטע, אין וועלכער אומצאהליגע
הזירים האבען, ווארטשענדיגע, זיך גערויעט און געזוכט א ביסען
צו דערהאלטען זיך ביים געזונט. קראפיווע, שישקעס און סתם
ווילדע גראזען האבען געוואקסען אומעטום, וואו נאר די מאזאאי-
קען האבען זיך געפעהלט, בכדי פארווענדעט צו ווערען אין קיך,
אדער וואס ערגער נאך, אין שטאל און אין הינער-שטייג.

— ווי אזוי-זשע האט אין אזא קורצער צייט געקענט פארלוי-
רען געהן אזא גרויס פארמעגען ?

— אויף זעהר א פשוט'ען אופן : איבער גרויס נאכלעסיגקייט
אין דער פארוואלטונג און איבער צופיל גוטסקייט... די מארקי-
זען x** האבען אנגעווארען זייער פארמעגען איבער א שלעכט-
פארשטאנענער גוטסקייט, איבער א גוטסקייט, וואס איז נישט רע-
גירט געווארען דורכ'ן שכל. דער פאטער פון איצטיגען מארקיז
איז געווען דער פאראורזאכער פון דער רואינע; ער האט נישט
געהאט קיין שלעכטע געוואוינהייטען און אויך קיינמאל חלילה
זיך נישט איבערגעארבייט, אבער פון טאג אויף נאכט, אהן מינדס-
טען פארגעפיהל, האט ער זיך דערזעהן א רואינירטען. ער איז
געווען אזא גוטער, אזא גנאדיגער, אז ער האט קיינמאל קיינעם
נישט געוואוסט צו זאגען ניין, ווען מ'האט אנגעקלאפט אין זיין
טיר צו בעטען ביי איהם א הלואה אדער סתם געלט. פון די, וואס
זענען אנגעקומען צו איהם, זענען צום ווענינגסטען געווען אזעלכע,
וואס זענען באמת געווען נויטבאדערפטיגע; צום מעהרסטען זענען
דאס געווען שווינדלער, אינטריגאנטען, פליה-קעפ, דרעהער און
נאך אנדערע עהנליכע פארשוינען. וואלט ער געגעבען נויטבאדערפ-
טיגע, וואלט עס געווען דער גוטער טאט פון אן עהרליכען קריסט

און פון אַן אַדעלמאַן; געבּען אָבער די אַנדערע איז שוין נישט געווען קיין גוטסקייט, נייערט אַ שוואַכקייט.

אָהן סכנה איז כּאָטש געווען, ווען די אומגעבּעטענע געסט זענען געקומען נאָך געלט צום אַלטען מאַרקיז, ווארום זיין פאַר-וואַלטער, וועלכער איז געווען אַ פאַרזיכטיגער און אַן עהרליכער, האָט כמעט כּסדר געענטפערט, אַז ס'איז נישטאָ אין קאַסע; און דער מאַרקיז האָט אין איינע צרות, וואָס ער קען נישט נאָכקומען די בּיטע, איבּערגע'חזרט דעם ענטפער פונ'ם קאַסיר און אַזוי ארום ניצול געוואָרען פון אַ געפעהרליכען איבּערפאַל. שלעכט איז אָבער געווען, ווען מ'איז איהם געקומען בּעטען בּלויז אַ חתימה'לע, לשם טובה ווענען, לשם רחמנות — אַ חתימה'לע אויף אַ וועקסעל, וועט די בּאַנק שוין אַליין געבּען געלט. דער מאַרקיז האָט, בּלינד פון צוטרוי צו אַלע זיינע פריינט, כּסדר אונטערגעשריבּען, אָהן שום איבּערטראַכט און מינדעסטען צווייפעל. ער איז אַליין געווען אַן עהרליכער מענש און ער האָט געהאַלטען, אַז אַלע זענען ווי ער. ווי זאָל ער געווען אנטזאגען אַ חתימה, וועלכע האָט בּאַפרייט אַן אָרימען אומגליקליכען פון אַן אומפאַרמיידליכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט איהם געעפענט אַ קרעדיט אין אַלע מסחרים, וועלכע האָט ווערמען געגעבּען מיטלען צו ראַטעווען זיין פאַמיליע, א. ד. ג.

און דער מאַרקיז האָט אונטערגעשריבּען, אונטערגעשריבּען אויף טויזענט, אויף צעהן טויזענט, ווי אויף הונדערט טויזענט לי-רעס. שטעל דיר פאָר, אַז ס'האָט דערגרייכט דערצו, אַז ווען ער האָט דאָס לעצטע מאָל אונטערגעשריבּען, איז עס געווען אויף אַ האַלבּען מיליאָן. אַ האַלבּען מיליאָן קרעדיט פאַר עפּעס אַן אינ-דוסטריאַל, וועלכער האָט אומגעשמייעט וועגען אַ גאַלדענעם גע-שעפט פון ארויספּרעסן אַלקאָהאָל פון אַזעלכע וואָרצלען — אַ גע-שעפט — האָט גע'טענהעט דער פליה-קאָפּ, וואָס וועט געבּען דריי-סיג פּראָצענט ריינעם פאַרדינסט. אָבּער די דאָזיגע וואָרצלען האָ-בּען געגעבּען זעהר ווייניג אַלקאָהאָל און דערצו שלעכטען... דער אינדוסטריאַל האָט אָנגעזעצט, און פאַר איין מאָל פאַרשלונגען דעם האַלבּען מיליאָן מיט נאָך פרעמדע געלטער, וואָס אַנדערע נאַראָ-

נים האָבען איהם געגעבען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז דער מאַרקיז האָט גאַראַנטירט מיט אַזאַ פעטער סומע.

נעם דיר עס אַריין אין קאָפּ, עריקאָ; נאַרישקייט געהט קיינ־מאָל נישט אַליין. דאָס געבען געלט מיט פאַרמאַכטע אויגען צו אַ מענשען, וואָס וועט עס פאַרשווענדען אָהן קיין שום נוץ, הייסט נישט האָבען געטון אַ גוטע זאַך, נייערט זעהר אַ שלעכטע. דו הויבסט אָן פון פאַרלירען דיין געלט, און אגב נעמסטו אַ חמור און גיסט איהם אַ מעגליכקייט צו רואינירען אַנדערע אומשולדיגע מענ־שען, און דיין גוט הארץ און דיין גאַנצער גוטער ווילען ברענגט איין צרה נאָך דער צווייטער און מענשען ווערען דורך דיר אומ־גליקליך.

דאָס האָט אייגענטליך געטון דער אָרימער מאַרקיז, וועלכער האָט לסוף דערזעהן צוריקגעוויזען זיינעם אַ קרעדיט-שיין אויף איינציגע טויזענט לירעס. ער האָט אַ רוף געטון זיין קאַסיר און דער קאַסיר האָט מיט שטראָף-רייד און מיט טרעהרען אין די אויגען באַוויזען זיין באַלעבאָס וויפיל מאָל ער האָט איהם געוואָרענט און געראַטען נישט צו געבען מעהר קיין גאַראַנטיעס פאַר פרעמדע מענשען, אָדער לפּחות זאָל ער כאָטש נעמען ערנסטערע אויסקינפ־טען וועגען די, וואָס בעטען ביי איהם אַ חתימה. „איך האָב אַ סך מאָל נישט געגעבען קיין געלט — האָט געזאָגט דער קאַסיר — ווייל די שליסלען פון דער קאַסע זענען געווען ביי מיר אין די הענט, אָבער די טינט און פעדער האָט איהר געהאַלטען, און צונעמען דאָס ביי אייך האָב איך נישט געקענט"...

דעם מאַרקיז איז געבליבען די דאָזיגע ווילע, וואָרום אין סאַמע מיט פון דער קאַטאַסטראָפע איז איינגעפאַלען אַ פיפיגען אַדוואָ־קאַט זי איבערצושרייבען אויפ'ן נאָמען פון דעם מאַרקיז'ס פרוי, אַזוי אַז די קרעדיטאָרען זאָלען נישט קענען צוטרעטען צו דער ווילע. דאָס דאָזיגע איז אייגענטליך נישט געווען אַזאַ איידעל שטי־קעל אַרבייט, אָבער מ'האָט ביים מאַרקיז נישט געפרעגט, וואָרום עס זאָל געווען זיין געווענדט אינ'ם מאַרקיז, וואָלט ער געווען אָפּגעגעבען די ווילע אויך.

ער האָט אזוי פיל צער געהאַט פון דער פּלוצים׳דיגער קאַ-טאַסטראָפע, אַז ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום קראַנק געוואָרען אויפ׳ן האַרצען און געשטאָרבען. ער האָט איבערגעלאָזט זיין גרויסען נאָמען און נאָך גרעסערען דלות פאַר זיין זוהן, וואָס איז שוין געוועזן אַ דערוואַקסענער, אָהן וועלכער ס׳איז פּראָפעסיע, און דערפאַר וועט ער נישט קענען ווידעראויפשטעלען דאָס פאַרמעגען אָדער צום וועניגסטען פאַרבעסערען זיין לאַגע. ער וועט דאָ שימלען און פוילען אין דער ווילע און טראַכטען וועגען די אוצרות פון זיינע זיידעס, ווען ער וועט שטעהן פאַר די געגילדעטע שפּיגלען, און ווען ער וועט אַרויסקוקען פון פענסטער וועט ער ערשט דערשפּירען די נויט, אין וועלכער ער איז פאַרזונקען און פון וועלכער ער קען נישט אַרויס איבער דעם, וואָס ער איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ מענש אָהן ווילען און אָהן ענערגיע.

אָ, מיין עריקאָ! אויב אין די געצעהלטע מאָנאַטען, וואָס דו דאַרפסט פאַרבּרענגען מיט מיר, זאָלסטו האָבען אויסגעלערענט נישט מעהר ווי דאָס איינציגע, וועסטו נישט האָבען פאַרלוירען אומזיסט דאָס יאָהר פון דיין זיין אין סאַן טערענזאָ: האַרץ, יאָ, אָבער אויך קאָפּ! האַרץ, כסדר, אָבער מיט דער צושטימונג און באַשטעטיגונג פונ׳ם שכל!

* *

VI

לאַוריטאַ וויל פאַרלעשען די זון

זענען נאָך נישט געהאַט אַוועק קיין דריי חדשים פון עריקאָס אָנקומען קיין סאַן טערענזאָ, און זיין געזונט האָט זיך געהאַט באַדייטענדיג פאַרבעסערט.

זיינע עלטערן זענען צוויי, דריי מאָל אין חודש איהם געקומען זעהן, און דער היימישער דאָקטאָר, וואָס איז מיט זיי מיטגעפאָהרען, האָט איהם שוין דערלויבט זיך אָפּצוגעבען מיט עפּעס אַ ליטעראַרישער אַרבּייט. דער פעטער באַטשיטשיאַ וואָלט באַדאַרפט צוטראַכטען די טעמע פאַר דער באַשרייבונג, און עריקאָ וואָלט זי איבּערגעשיקט קיין טורין, בּכדי זיין לעהרער זאָל זי קאָרעגירען און אומקעהרען צוריק צום מחבּר, צו שטודירען די קאָרעגירטע שטעלען.

דער פעטער באַטשיטשיאַ, וועלכער האָט זיין גאַנץ וויסען געשעפּט פונ'ם שטודיום איבּער מענשען און געשעהענישען מעהר ווי פון די בּיכער, איז לכתחילה געווען געגען דער אַרבּייט פון באַשרייבּונגען.

— צו וואָס טויג עס עריקאָ'ן אַזאַ אַרבּייט — האָט ער געזאָגט — ווען ער טראַכט און קלעהרט צוזאַמען מיט מיר אַלע טאָג? ער האָט זיך אויסגעלערנט באַאָבּאַכטען אַלץ, וואָס רינגעלט איהם

אַרום און אַרויסזאָגען זיין מיינונג וועגען יעדער זאַך, וואָס רופט אַרויס ביי איהם איבערראַשונג אָדער וואָס ריהרט איהם. זענען דען נישט קיין עכטע ליטעראַרישע באַשרייבונגען די בריוו, וואָס ער שרייבט צו זיין פאָטער און מוטער?

נאָכ׳ן אָפּכעס׳ען זיך אַביסעל, אָפּוואַרטשען און אונטערברו-מען, האָט דער אַלטער קאַפּיטאַן אָנגעבויגען דעם קאָפּ און דער-לויבט צו טון דאָס, וואָס דער פלאָרענטינער דאָקטאָר האָט אָנגע-וויזען. צווישען אַלע זיינע מעלות האָט ער אויך געהאַט די מעלה פון באַשיידענקייט.

— די דאָזיגע לייט פון פלאָרענץ — האָט ער געטראַכט — ווייסען בפירוש אין די זאַכען אַ סך מעהר פון מיר. אפשר וועט עריקאָ גאָר אויסוואַקסען אַן אַדוואָקאַט אָדער שרייבער, איז גוט ער זאָל זיך געוואוינען ווי אומצוגעהן מיט דער פען.

אין עטליכע טעג אַרום האָט דער קאַפּיטאַן אַליין אָפּגעזוכט אַ טעמע פאַר זיין פלימעניק, צום באַשרייבען.

הינטער זיין גרויסען גאָרטען האָט ער געהאַט אַ גערטענדעל מיט אַ הייזקע, אין וועלכען עס האָט געוואוינט אַ פויערישע פאַ-מיליע, וועלכע ער האָט דאָרט אַוועקגעזעצט צום באַאַרבייטען גרינוואַרג. אַ פרעהליכע פאַמיליע איז דאָס געווען, אַ גרויסע, אַ טומעלדיגע, ווי אַ שטייג מיט היהנער. דער פאָטער איז געווען אַ פעסטער און אַ געזונטער מאַן, פון אַ פינף און דרייסיג יאָהר, און ווי ווייניג איינוואוינער פון סאַן טערענזאָ האָט ער-זיך אינגאַנצען געווידמעט דער ערד-אַרבייט; די מוטער, אַ יונגע, ווייסע פרוי מיט אַ בלוטיגען פנים, וועלכע האָט געזונגען אַ גאַנצען טאָג, אויסער ווען זי האָט געזויגען איינס פון איהרע קינדער. וועלכע זי האָט גע-האַט כמעט אַזוי פיל, וויפיל יאָהרען ס׳איז ביי איהר געווען נאָך דער חתונה. דאָס עלטסטע איז אַלט געווען צעהן יאָהר, דאָס קלענ-סטע אַ מיידעלע פון צוויי, וועלכע האָט געהייסען לאַורא, אויף דער ביטע פונ׳ם קאַפּיטאַן, נאָך זיין מאַמען טאַקע.

דער פעטער באַטשיטשיאַ פלעג אָפט עפענען דאָס הינטער-וואַנט-טירעלע פון זיין גאָרטען און געהן אין געסט צו דער פויע-

רישער פאַמיליע, וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי אייגענע, און ער פלעג דאָרט הנאה האָבען פון שפּילען זיך מיט די קינדער, פאַר וועלכע ער האָט אַלעמאָל געבראַכט אַ פרוכט, אַ צוקערל אָדער אַ שפּילצייג. אויב ער האָט על פּי צופאַל געטראָפען ווּעמען פון די קינדער מיט אַ שמוציגען פּנים אָדער מיט הענט, וואָס זענען געווען גוט איינגעבלאָטיגט, האָט ער דעם קינד נישט געגעבען גאָרנישט, און אנשטאט אַ צוקערל, אַ נוס אָדער אַ געטריקענטע פייג, האָט ער איהם מכבד געווען מיט אַ שטרענגער לעקציע וועגען היגיענע, וועלכע איז, לויט דער עלטער פון קינד, געפאַלען אויפן קינד׳ס אייגענע פלייצעס, אָדער, און דאָס האָט געטראָפען צום מערהרסטען, אויף די פלייצעס פון דער מוטער.

אין אַ טאָג, אַרום צוויי אַזייגער, איז דער קאַפּיטאַן, צוזאַמען מיט עריקאָ׳ן און מיט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט נאַשערייען פאַר׳ן קליינוואַרג, אָנגעקומען אין דער פויערישער הייזקע גאָר אומדערוואַרטעט.

דער פויער איז געווען פאַרנומען מיט אַרומהאַקען די טרוקענע צווייגען פון די לימענע-ביימער און די קוואָקע פון יענע עופה׳לעך איז געזעסען אַרומגערינגעלט פון איהרע קינדער אַנטקעגען דער טיר פון דער קיך און איז שטאַרק פאַרטון געווען אין אויסשיילען אַרבעס. געפעהלט האָט נאָר לאַוריטאַ...

— און וואו איז לאַוריטאַ? — האָט גלייך געפרעגט דער פעטער באַטשיטשיאַ.

— לאַוריטאַ שלאָפט שוין אַ גוטע צוויי שעה אין איהר וויגעל.

— אָ, אויסגעצייכענט, טאַקע נאָך בעסער! אויב איהר וועט מיר דערלויבען, וועלען מיר שטילערהייט אַריין צו איהר אין שלאָפצימער, ווייל איך וויל זי איבערראַשען מיט איינינע שפּילצייג, וואָס איך האָב איהר געבראַכט. כ׳וועל זיי אַוועקלעגען אין וויגעל און אַז זי וועט זיך אויפכאַפּען, וועט זי זיי געפינען...

— קאַפּיטאַן, איהר זענט תמיד אַזאַ גוטהאַרציגער און איהר פיהרט מיר ממש איבער מיין לאַוריטאַ׳ן...

דער קאַפּיטאַן האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון די רייד און

אַזוי ווי די שטוב האָט ער דאָך גוט געקענט, איז ער מיט די טרעפּ אַרויף אין ערשטען שטאָק, און אַ וואונק געטון עריקאָ'ן, ער זאָל איהם נאָכגעהן.

ווער עס האָט נישט געזעהן מיט וויפיל געהיימקייט דער פעטער באַטשיטשיאַ איז אַרויף אויף די טרעפּ, און ווי ער האָט עס געשפּאַנט אויף די שפּיצען פינגער, האָט קיין שעהנס נישט געזעהן. מ'האָט געקענט מיינען, אַז דאָס געהט דער אַלטער אויספיהרען אַ גנבה'עש שטיקעל אַרבייט...

אַז ער איז צוגעקומען צו דער פּראָסטער טיר פון'ם שלאָף־צימער, האָט ער זי געטראָפען פאַרמאַכט, פאַרריגעלט אויף אַ רוקער, וועלכער איז געווען פאַרזשאַווערט און פאַרשימעלט פון יםזאַלץ, וואָס צעפרעסט ציגעל, אייזען און וואָס נישט? דער אַלטער האָט באַדאַרפט צולעגען אַ שעהן ביסעל כח ביז ער האָט אויפגעריגעלט דעם רוקער, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרמיידען, אַז ביים אויפרוקען זיך, זאָל דער רוקער נישט אַ גרילץ טון. ער האָט עס דערפאַר געמאַכט זעהר לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג. אַ רוק, אַ גרילץ און אָפּגערוהט זיך... און ווידער אַ רוק, אַ גרילץ און אָפּגערוהט זיך — אַן אמת איידעל שטיקעל אַרבייט...

לסוף האָט זיך געעפענט די טיר און ער האָט דערזעהן פאַר זיך לאַוריטאַ'ס וויגעל. גלייכצייטיג מיט פעטער באַטשיטשיאַ'ס אַריינקומען האָט זיך אויך אַריינגעשפּאַרט דורך דער טיר אַ זון־שטראַהל, וועלכער האָט דורכגעשניטען דאָס פולשטענדיג - פינסטערע צימער און זיך פונקט אָפּגעשטעלט אויפ'ן וויגעל און אויפ'ן ראָזעווען פּנים'על פון'ם מיידעלע.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און שטאַרק צעעפענט איהרע גרויסע בלויע אויגען, וועלכע זענען נאָך געווען פייכטע און גלאַנציגע פון'ם טוי פון אַ לאַנגען שלאָף, אָבער גלייך האָט עס זיי צוריק צוגעשלאָסען, פאַרשטאָכען דורכ'ן חוצפּה'דיגען זון־שטראַהל.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אַ שטילער און געשוויגען, אין דער האָפנונג, אַז דאָס קינד וועט ווידער איינשלאָפען; אָבער דאָס מיידעלע האָט אפילו נישט אָנגעהויבען טראַכטען דערפון. זי האָט

זיך אויסגעצויגען, אויפגעזעצט אין בעטעל און גענומען שטאַרק זיך רייבען די אויגען מיט איהרע הענטעלעך, וועלכע האָבען, באַשאָטענע מיט׳ן גאָלד-שטויב פונ׳ם זון-שטראַהל, אויסגעזעהן ווי זאַקסען-פּאָרצעליי.

לאָוריטאַ האָט געטראָגען אַ העמדעלע אָהן אַרבעלעך און דאָס העלזעלע און די אָקסעלעך האָבען פון יענעם שטיק לייווענט ארויסגעקוקט ווי אַ פריהלינגס-בלום. אַ געזונט און שעהן קינד איז, ביים אויפכאַפּען זיך פון שלאָף, עכטער חן, די גרעסטע שעהנקייט און געטליכקייט, ווי דאָס מאָרגען-ליכט אין אַ שטילען באַגינען. און איז עס דען נישט יענער דערוואַכען דאָס מאָרגען-ליכט פון מאָרגען-ליכט, דער מאָרגענשטערן פונ׳ם לעבען, וואָס איז איינגעשלאָסען אין אַ נאָך גרעסערען מאָרגענשטערן, פון דער צייט ?

דער אַלטער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען פאַר׳כישופט פון יענעם בילד, וואָס שפּילט זיך אָפּ אַלע טאָג, ווער ווייסט וויפיל מאָל, אין אומצאָהליגע הייזקעס און אין אַ סך פּאַלאַצען, אָבער וואָס האָט איהם נאָך מעהר פאַר׳כישופט און ממש צוגענאָגעלט צו דער ערד אין יענעם איינפאַכען ווינקעלע פון פויער-אַרבייטער. דאָס דאָזיגע בילד האָט איהם אויסגעזעהן צו זיין צו שעהן, צו פּרעכטיג, אַז ער זאָל, ווי אַן עגאָאיסט, איינער אַליין דערפון געניסען. ער האָט אויך מיט זיך אַריינגענומען עריקאָ׳ן, בעת די טיר האָט ער כסדר געהאַלטען האַלב-אָפּגעשפּאַרט, ווארום יענער זון-שטראַהל איז געווען דער גרעסטער כישוף פון דעם פּרעכטיגען בילד.

לאָוריטאַ, נאָך נישט אינגאַנצען קיין אויפגעוואַכטע, האָט אויפגעהערט רייבען די אויגען מיט די הענט, און דערפיהלענדיג זיך אינגאַנצען פאַרפלייצט מיט ליכט, האָט זי אָנגעהויבען בלאָזען, בלאָזען שטאַרק, מיט׳ן גאַנצען כח פון איהרע לונגעלעך, און מיט׳ן בלאָזען האָט זי געוואָלט אויסלעשען די זון.

אַלעמאָל ביינאַכט, איז ביי איהר דאָס בעסטע פאַרגעניגען צו פאַרלעשען דאָס חלב׳נע ליכטעל אויף איהר מוטערס נאַכט-טישעל, און אַז די מאַמע איז אויפגעלעגט, לאָזט זי איהר איבער-חזר׳ען די שפּיל עטליכע מאָל. איצט, ווען זי איז אויפגעוועקט

געוואָרען דורכ׳ן עקשנות׳דיגען זון - שטראַהל אינ׳ם פולשטענדיג-פינסטערען צימער, האָט זי אַנגעבלאָזען איהרע ראָזעווע בעקע-לעך, ווי פּוכירלעך, און זי האָט רק געוואָלט פאַרלעשען דאָס איי-ביגע ליכט, וואָס באַלייכט דעם הימעל און די ערד...

דער קאַפּיטאַן איז געווען געריהרט, און אַגוויייזענדיג אויפ׳ן ווינעל, האָט ער געזאָגט צו עריקאָ׳ן:

— כ׳וואָלט איצט וועלען זיין אַ מאָלער אָדער בעסער נאָך אַ דיכטער, בכדי אָפּצומאָלען מיט׳ן פּענזיל אָדער מיט דער פּען דאָס דאָזיגע בילד פון דער מענשליכער נאַטור, וואָס איז איינפאַך ווי אַ קינד און גרוים ווי דער קעניג פון די שטערען... אגב, אָט האָסטו אַ טעמע פאַר דיין ערשטער באַשרייבונג: „דאָס קינד, וואָס האָט געוואָלט פאַרלעשען די זון“.

אַ גאַנצען טאָג און אַ לאַנגע צייט אויך נאָך יענעם טאָג, האָט דער פעטער באַטשיטשיאַ נישט געטון קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר רעדען פון יענעם פּרעכטיגען בילד. און ער האָט געזאָגט עריקאָ׳ן מיט אַ שמייכעל, אַז דאָס מיידעלע, וואָס האָט געפּרואווט אויסלעשען די זון, האָט איהם געמאַכט פאַר אַ דיכטער, האָט איהם געמאַכט טראַכטען אין אומצאָהליגע זאַכען, וואָס ער האָט נישט באַגעגענט אין די בעסטע פילאָזאָפיע-ביכער, און אַז ס׳האָט איהם מעהר געריהרט און דערשיטערט איידער דער באַרג מיט האַרצ-רייסענדיגע דראַמעס, וואָס ער האָט זיך אַנגעזעהן אין טעאַטער.

— צו וועלכע רוחות דאַרף מען — האָט ער געהאַלטען אין איין טענה׳ען — אויסטראַכטען שווידערליכע פאַרברעכענס און צוקלעהרען דערשיטערענדיגע סצענעס אונז צו ריהרען, ווען די נאַטור, אין איהר איינפאַכקייט און אין איהר גרויסקייט, טראָגט אונז אונטער יעדען טאָג די דערהאַבענסטע און שעהנסטע בילדער. אַ ווינעל, אַ מיידעלע, אַ זון-שטראַהל און דאָס איז גאָר. דריי זאַכען וועלכע מען געפינט אין יעדען ווינקעלע פון דער וועלט, און וועלכע רעדען צו אונזער האַרץ און צו אונזער פאַרשטאַנד, זיי וואַרפען אויף אונז אָן אַ טרויער און זיי מאַכען אונז טראַכטען. דאָס איז די נאַטור, דאָס איז דער אידעאַליזם!

אויסער דעם האָב איך אין יענער סצענע נישט נאָר געפונען עכטע, געזונטע און נאַטירליכע פּאָעזיע, נייערט אויך אַ גרויסע פילאָזאָפיע! אַ קינד, וואָס וויל פאַרלעשען די זון, איז דען נישט, אייגענטליך, דאָס טרייע אָפּבילד פון די געוויסע אָנשטרענגונגען פון דער מענשליכער משפּחה צו באַזיגען דעם פאָרשריט, צו פאַר־פינסטערען דאָס ליכט, צו פאַרמיידען דעם זיג פון דער גערעכטיג־קייט און פונ׳ם אמת?

און שטעהענדיג פאַר׳ן גרויסען פּראָבלעם צו אַנטפּלעקען די סיבּות פון געוויסע זאַכען, זענען מיר דען נישט אַלע פּונקט ווי קינדער, וואָס מיר ווילען פאַרלעשען די זון נאָר דערפאַר, ווייל אין אונזער אומענדליכער עם הארצות ווייסען מיר נישט אונטער־צושיידען צווישען דעם אָרימען ליכט-פלעמעל און דעם גרעסטען שטערען פון אונזער פלאַנעטען-וועלט?

מיר בלאָזען אָן אונזערע באַקען מיט אונזער אָטעם, מיר מאַ־כען זיי געשוואָלען מיט די ווינטען פון אונזער פוסטער גאוה און מיר בלאָזען, מיר בלאָזען. און פון די אָנגעשוואָלענע באַקען געהט מעהר נישט ארוים ווי ווינט, אין וועלכען עס גלאַנצט און עס שפּילט די ליכט פון דער זון.

און דער שטערן שמייכעלט, ער באַליידיגט זיך נישט פאַר אונזער נאַרישער חוצפּה, און ער שמייכעלט אַלץ מיט זיינע גאָל־דענע שטראַהלען און ער באַלייכט אונז, ער, וועלכער נאָך פיל מי־ליאָנען יאָהרהונדערטער האָט ער זיך נאָך נישט אָפּגעקיהלט און איז נאָך נישט מיד געוואָרען צו געבען ליכט און ווארימקייט אזוי פיל דורות פון אומדאַנקבאַרע ברואים, אזוי פיל מחנות שטאָלצע עם הארצים, וואָס נעמען אָן פאַר זייער אייגענם און מאַכען פאַר זייע־רע מעלות אַלץ, וואָס קומט צו אונז פון איהם, און זיי רופען זיך רייכע פאַר אַ הייפעלע אַטאָמען פון גע׳גנבעטען גאָלד ביי דעם אייביגען וועטעראַן פון רייכטום, פון ווארימקייט און לעבען...

עריקאָ, מיין טייערער עריקאָ; אַט האָסטו די טעמע פאַר דיין ערשטער באַשרייבונג, וואָס דו דאַרפסט שיקען דיין גוטען לעהרער פון טורין.

VII

די גרינע פּלאַש. — די פּאַפּיר-טרעטער און דעם פעטער באַטשיטשיאַ'ס שטעקענעס. — דער אַלטער קאַסטען און זיינע רעליקוויעס

אין אַ פרימאָרגען האָט עריקאָ נישט געפונען זיין פעטער אין גאָרטען, וואוהין ער פלעג אַרויסקומען אַלע פאַרטאָג, און דורך דער דינערשאַפט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז געבליבען ליגען צו בעט, ווייל ער האָט זיך געהאַט לייכט פאַרקיהלט. ס'איז געווען דעם פעטערס אַן אַלטער זאָג, אַז אַ מענש קען קראַנק ווערען וויפיל מאָל ער וויל און ער מעג זיך אויסלאַכען פון אַלע געפאַהרען, אָבער מיט גרויס פאָרזיכט דאַרף געהיילט ווערען וואָס שנעלער דער לייכטסטער קאַטאַר.

עריקאָ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען דעם קאַפּיטאַנ'ס בעט און אָנגענומען אַ טרויעריגע צורה און אַגב אַ צעשראָקענע, ווארום ביז דעמאָלט האָט ער איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהן ליגען צו בעט. אַרומקוקענדיג זיך אַרום און אַרום, ווי איינער, וואָס זוכט עפּעס אַ טעמע צום אָנהויבען אַ שמועס, האָט ער באַמערקט, אַז אויפ'ן נאַכט-טישעל שטעהט אַ גלעזערנע גרינע פּלאַש, אויף וועלכער ער האָט געזעהן אויסגעקריצט איינִיגע אותיות. בעת עריקאָ האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט צו איבערלייענען די אותיות,

האָט דער פּעטער צו איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:
— לייען, לייען, עריקאָ, וואָס לייענסטו נישט איבער?
„וו„ 24-טער יוני. און אונטען צוויי איניציאַלען „ג. בּ".
— פאַרשטעהסט? דער 24-טער יוני איז מיין געבורטסטאָג, און ג. בּ. זענען די איניציאַלען פון אַן אַלטען חבר מיינעם פון סטרעווי, אין פּיאַמאָנטע, וועלכער האָט מיר אָוועקגעשאָנקען די פלאַש מיט יאָהרען צוריק. ער איז שוין געשטאָרבען, מיין טייערער חבר, און דערפאַר איז די דאָזיגע מתנה זיינע מיר נאָך טייערער. איך אַליין פול זי מיר אָן מיט וואַסער יעדען אָוועגט, איך אַליין וואַש זי מיר אויס פון׳ם שטויב, וואָס זי נעמט אָן אויף זיך, ווארום כ׳האָב מורא, אַז אַן אַנדערער זאָל זי מיר נישט צעברעכען. יעדעס מאָל, וואָס איך נעם זי אין האַנט און גיס מיר אָן וואַסער, דערמאָן איך מיך אין דער גרויסער און שטאַרקער פריינטשאַפט, וואָס האָט מיך פאַרבונדען מיט׳ן אַלטען בּראַדזשיאַ און מיט זיין לעבען, וועלכעס איז געווען אַ קראַנץ פון גוטע מעשים און עהרליכע מנהגים. אַלס בּירגערמייסטער פון שטעדטעל במשך פון פיל יאָהר, האָט ער געגרינדעט שולעס, געאַרבּייט פאַר דעם וואוילזיין פון לאַנד און ער האָט אויסגעבּעסערט די אינדוסטריע פון וויין און וויין-עסיק פון סטרעווי. געבּליבּען אַ בּלינדער אויף די עלטערע יאָהר, האָט ער נישט פאַרצווייפעלט, נייערט, להיפוך, זיך געוויזען מיט זיינע חברים אַ סך פרעהליכער און אַ סך לצנישער, ווי אַלעמאָל. איך האָבּ, פונדעסטוועגען, פאַרשטאַנען, אַז זיין פרייד איז אַ געמאַכטע, אַ צוגעטראַכטע זאַך, ווי אַזוי צו פאַרטרייבּען דעם טרויער בּיי זיין פרוי און בּיי זיין טאָכטער, וועלכע האָבּען זיך שטאַרק מצער געווען אויף זיין אומגליק.

ס׳איז נישט אוועק קיין איין געבורטסטאָג מיינער, אַז איך זאָל נישט בּאַקומען פון איהם עפּעס אַן אָנדענק זיינעם; ער האָט איינמאָל נישט געשניטען זיין וויינגאָרטען, אַז ער זאָל מיר נישט שיקען אַ גרויסען קויש מיט וויינטרויבּען, וועלכע ער האָט קרענצעל בּיי קרענצעל איבּערגעקליבּען פאַר זיין בּאַטשיטשיאַ פון סאַן טערענזאָ.

איצט ווייסטו שוין פאַרוואָס איך האַלט אויף מיין נאַכט-טי-שעל דאָס דאָזיגע פלעשעלע. פאַר מיר איז דאָס אַן אמת׳ער אוצר פון זיסינקע זכרונות, און ס׳איז נישטאָ קיין פריהמאָרגען, אַז איך זאָל ביים אויפשטעהן זי דערזעהן און נישט נעמען טראַכטען אין מיין בראַדזשיאַ׳ן און ס׳זאָל מיך נישט אַ שטויס טון איהם אָפּ-צוגעבען מיין גוט-מאָרגען, מיין גוט-מאָרגען, וועה איז מיר, אויף וועלכען ער קען מיר נישט ענטפערען שוין זינט צוויי יאָהר.

אין מיין עלטער לעבט זיך שוין נישט אַנדערש ווי מיט די זכרונות פונ׳ם עבר; אָבער אויך ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געפיהלט אַ נויטווענדיגקייט צו אַרומרינגלען זיך מיט זאַכען, מיט וועלכע עס זאָל זיין פאַרבונדען אַן אָנדענק פון האַרץ. היינט, נאָך אַזוי פיל יאָהרען, איז מיין שטוב אַ מוזעאום פון רעליקוויעס, און ס׳איז כמעט נישטאָ קיין שטיקעל מעבעל, קיין בילד, קיין מינדעס-טער חפץ, וואָס זאָל מיך נישט דערמאָנען אין עפּעס אַ ליבער אָדער טרויעריגער זאַך, וואָס זענען אָפּט איינס און דאָס זעלביגע. דאָס מעבעל, וואָס איך קויף אין געשעפט, מעג עס זיין ווי שעהן און באַקוועם, זעהט עס מיר אויס צו זיין אַ טויטע זאַך, כל זמן איך מאַך עס מיר נישט באַליבט מיט עפּעס אַן אָנדענק, מיט עפּעס אַ גלאַנץ פון אַכטונג; און איך שטרענג מיך אָן דעם צו געבען לעבען. און ווען איך קען נאָר פאַרבייט איך עס אויף אַנדערע, וואָס זאָלען זיין לעבעדיג.

עסען, טרינקען, געהן שעהן אָנגעטון, שלאָפען, שפּאַצירען, מיט איינעם וואָרט אַלץ, וואָס קען אונז געבען געזונט, דאָס איז דאָס ברויט פון יעדען טאָג; בעת געדענקען, ליבען, טראַכטען, — דאָס איז, מיין איך, דער ווייך פון לעבען; און פאַר מיר, וואָס איך בין שוין אַן אַלטער, איז דער וויין נויטיגער ווי דאָס ברויט. כאָטש איך בין נישט קיין דיכטער און כ׳האָב נישט אָנגעשריבען, זאָלסט זאָגען, אַפילו איין איינציגען גראַם אין מיין לעבען, האָב איך גע-פלייסט זיך צו באַגיסען מיט פּאָעזיע אַלע מיינע טאַטען, ווארום די פּאָעזיע איז צו דער האַנט פון אַלע, וואָס האָבען אַביסעל האַרץ און פאַנטאַזיע, עס קאָסט נישט קיין סך און ס׳זעהט אויס ווי עס

וואלט געגעבען דופט און ווארימקייט אלץ, וואס זי ריהרט אן.

זעה : נישט ארויסגעהענדיג פון דעם צימער, געדענק איך אלע פינף טיילען וועלט, וואס איך האב באזוכט.

אין מיין ארבייטס-צימער האב איך פינף פאפיר - טרעטערס, יעדער איינער פון וועלכע שטעלט מיט זיך פאר אן אנדער טייל פונ׳ם ערד-קוגעל. אט יענער שטאמט פון סערדעניא און דערמאנט אין אייראפע. א צווייטער איז א שטיין פון אמעריקע, וועלכען איך האב אליין אויפגעקליבען ביים אורוגואי, לעבען מאנטעווי-דעא. דאס גלאנציגע שטיק שטיין איז פון אזיע. כ׳האב עם ארויס-געצויגען פונ׳ם טייך, וואס טיילט אפ דעם ענגלישען סיקקים פונ׳ם אומאפהענגיגען, ביי די פים פון הימאלאיא-בארג. יענער פוליר-טער שטיין איז פון אפריקע און אט יענער, פון אויסטראליע. דאס זענען פינף שטיינער, און יעדער איינער, וואס האט געמאכט א רייזע ארום דער וועלט וואלט זיי געוועז געקענט מיטנעמען, אבער נישט אלע טראכטען פון שאפען א מוזעאום פון זכרונות, נישט אלע שעצען די קליינע פאעזיעם פון לעבען.

דארט, אין יענעם ווינקעל, איז פאראן אזוי פיל שטעקענעס, וויפיל טיילען ס׳האט דער ערד-קוגעל, און פון איינעם אדער א צווייטען סארט האב איך עטליכע און פארשידענע, און פון ווען צו ווען, ווען איך געה שפאצירען, נעם איך מיר אט איינעם, אט א צווייטען, און ווי זיי וואלטען געהאט א כישוף-שטיין צו אנט-דעקען פינף פארשידענע וועלטען, דערמאן איך מיך אט אין אזיע, אט אין אפריקע, אדער גאר אין פאלינעסיע. זעהסט יענעם באמ-בוק-שטעקען ? כ׳האב איהם אויפגעקליבען לעבען נילגואירי, אין דרום פון אינדיע; יענעם שעהנעם שטעקען האב איך געבראכט פון אמאזאנאס, און, הערסטו, כ׳וואלט גאר קיינמאל נישט געענ-דיגט, ווען כ׳זאל דיר וועלען אויסדערצעהלען די געשיכטע פון די אלע שטעקענעס.

פאראן צווישען זיי א שטעקען פון ווינטרויבען-צווייגען, וועל-כען כ׳האב געקויפט אין מאדערא פאר א שילינג, ווען עס האט זיך דאס ערשטע מאל באוויזען א געוויסע טרויבען-מחלה, וועלכע

האָט חרוב געמאַכט אַלע ווייַנטרויבן־פּלאַנטאַציעס און פּאַרזונקען די מאָדערער אייַנוואוינער אין דער שרעקליכסטער נויט. יענע אָרימע אייַנוואוינער האָבן אָפּגעשניטן קראַנקע ווייַנטרויבן־צווייַגן, געמאַכט פון זיי שטעקענעס און זיי פּאַרקויפט צו רייַזענדער, וואָס פלעגן לאַנדן אין פונטשאַל, אויפן וועג קיין אַמע־ריקע אָדער אַפּריקע.

מיר דוכט כ׳זעה נאָך יענעם אָרימען טייַפעל, וואָס האָט מיר פאַרקויפט דעם שטעקן: ער האָט געהאַלטן אַ גאַנץ בינטל שטעקענעס אונטער׳ן אָרים און אומזיסט אָנגעבאָטן מייַנע שיפס־ברידער זיי צו קויפן. דער אומגליקליכער איז שוין געווען אַ זקן. פון זייַן מאָגערען און געלען פּנים, האָט אַרויסגעשריען דער הונ־גער, אַ כראָנישער הונגער, וואָס האָט איהם געמאַטערט ווער ווייסט וויפיל מאָנאַטן.

כ׳האָב געקויפט ביי איהם אַ שטעקן, און אַז כ׳האָב איהם געגעבן אַ שילינג, די פּרייַז, וואָס ער האָט ביי מיר געבעטן — האָט ער אויסגערופן: „אַ דאַנק, אַ דאַנק, גוטער הער, איך האָב שוין אויף אַ וואָך צום לעבן״. ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, מיט אַזאַ וואַרימער ליבע, אַז כאָטש כ׳האָב ביי זיך נישט געהאַט קיין מטמון מיט געלט, האָב איך איהם אַרייַנגעלעגט אין האַנט נאָך דריי שילינג, און איהם געזאָגט: „נאַט, וועט איהר האָבן אויף אַ גאַנצען חודש, כאָטש איך באַדויער זעהר, וואָס איהר וועט דאַרפן לעבן מיט אַזוי ווייניג״.

ער איז געווען אַזאַ עהרליכער, אַז ער האָט אויף כח מיר נאָר געוואָלט געבן נאָך דריי שטעקענעס, אָבער פאַרשטעהסט דאָך, אַז כ׳האָב זיי נישט גענומען.

נישט נאָר די שטעקענעס און די פּאַפּיר־טרעטערס דערמאָנען מיר מייַנע לאַנגע נסיעות און אינטערעסאַנטע און צאַרטע בילדער פון מייַן לעבן, נייערט כמעט אַלע חפצים פון דער דאָזיגער שטוב, כמעט אַלע פלאַנצונגען פון גאָרטן, זענען באַגילדעט מיט דער פּאָעזיע פון זכרונות; און ווען איך בין אַליין (איידער דו ביסט

געקומען פרעהליך מאַכען מיין איינזאַמקייט, בין איך עס כסדר געוועזען), רעד איך אַט מיט אַ זאַך, אַט מיט אַ פלאַנצונג, וועלכע זעהען אויס ביי מיר ווי לעבעדיגע, און אָהן ליפּען און אָהן אַ צונג דערצעהלען זיי מיר לאַנגע געשיכטעס, וועלכע מאַכען מיך אייניגע מאָל וויינען און פון וועלכע איך ווער אַלעמאָל געריהרט...

מיין טייערער עריקאַ! ווען אַן אַלטיטשקער הויבט אָן רעדען איז שווער איהם איינצושטילען, און האָב איך באַריהרט די דאָזיגע טעמע, וואָלט איך גערעדט ביז מאָרגען; אָבער דערווייל גענוג. געה טרינק אָפּ פריהשטיק; שפּעטער וועלען מיר זיך זעהן, וואָרום איך וויל היינט ליגען ביז האַלבען טאָג, בכדי אַרויסצוקרי-כען ווי ס'איז פון מיין קאַטאַר.

— פּעטער, אויב ס'איז אייך נישט שווער, ענטפערט מיר נאָך אויף איין קליינער פראַגע, און נאָכהער געה איך מיר אַוועק. וואָס ליגט אין יענעם קאַסטען, וואָס איהר היט אָפּ מיט אַזוי פיל פאָר-זיכט, און אין וועלכען איהר לעגט אַריין יעדען טאָג פרישע בלו-מען און בלעטער? איהר האָט מיט מיר קיינמאָל נישט גערעדט וועגען דעם קאַסטען, און כ'האָב אויך קיינמאָל נישט געוואַגט אייך צו פרעגען, אָבער היינט, אַז איהר זענט אַזאַ גוטער און איהר גיט מיר איבער סודות וועגען אייער היימישען מוזעאום...

— היינט וועל איך דיר, דו לאַנג-נעזעלע, זאָגען וואָס ס'ליגט אין יענעם פּרעכטיגען קאַסטען.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך גוט אויפגעזעצט, איבערגעגאַנגען מיט דער האַנט איבערן שטערען און אַרויסגעלאָזט אַ גרויסען זיפץ. וואָס איז געקומען פון די טיפסטע טיפענישען פון זיינע אינגע-ווייידען.

דער דאָזיגער קאַסטען, מיין פּלימעניקל, איז דאָס הייליגס-טע פון דעם הייליגסטען. ר'איז געפונען געוואָרען אין קירעסי. און ס'האָט איהם מיר אַוועקגעשאָנקען דער דאָקטאָר פון יענעם שטעדטעל. ווי דו קענסט זעהן, איז אויפ'ן דעקעל פאַראַן אַ פיגור פון אַ ליגענדיגער פרוי, ווי זי וואָלט געווען טויט אָדער געשלאָפען.

אין דאָזיגען קאַסטען האָט מען מיט יאָהרהונדערטער צוריק גע־מוזט האָבּען אַריינגעלעגט דאָס אַש פון דער פרוי, און איצט האָבּ איך אין דעם אַריינגעלעגט אַן אַנדער מין אַש; די אָנדענק־זאַכען פון מיין מוטער. אָ! איך בּין שוין אַלט, זעהר אַלט, אָבּער איך קען איין מאָל נישט עפענען דעם קאַסטען, אז איך זאָל נישט וויינען, און איך עפען איהם זעהר געלטען, און כ׳פּאַרמאַך אויפ׳ן שלאָס די טיר פון מיין אַרבּייטס־צימער, ווען כ׳געה אויפהויבּען דאָס דעקעל, און איך וואָלט פאַר קיין פאַל נישט דערלויבּט, אַז עמיצער זאָל שענדען יענע רעליקוויעס דורך אַ גלייכגילטיגען און חוזק׳דיגען בּליק. אָבּער דו, עריקאָ, פאַרמאָגסט אויך אין דיינע אָדערען בּלוט פון מיין מוטער, און איך וועל זיי דיר אַמאָל ווייזען.

ווערסט דאָרט זעהן אַ לאַנגען צאָפּ פון גרויע האָר, די האָר פון מיין מוטער, און לעבּען זיי אַנדערע, אויך פּולשטענדיג ווייסע — די האָר פון מיין פּאָטער.

ווערסט זעהן אַ פּאַפּירען שאַכטעלע מיט פאָלגענדיגען אויפ־שריפט: „דאָס ערשטע מילך־ציינדעלע פון מיין בּאָוטיסטיליאָ, וואָס איז אַרויסגעריסען געוואָרען, אָהן ער זאָל וויינען אָדער שרייען“.

ווערסט דאָרט געפינען אַ גרויס מאַטראָס־מעסער, וואָס איז שוין היינט פאַרזשאַווערט, און האָט אַמאָל געהערט צו מיין פּאָטער.

אַ חוץ דעם, אַ קרויז בּלאָנדע און דינע האָר אין אַ זיידענעם זעקעלע, מיט פאָלגענדיגע דורך מיין מוטער אויפגעשריבּענע ווער־טער: „האָר פון בּאָוטיסטיליאָן צו די דריי יאָהר“.

ווערסט אויך געפינען דאָס טיכעל, מיט וועלכען מיין פּאָטער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון מיין מוטערס שטערען, ווען זי האָט געהאלטען בּיים שטאַרבּען. דאָס דאָזיגע טיכעל איז נישט אויסגעוואַשען געוואָרען און מיין פּאָטער פלעג עס האלטען אין זיין קאַסטען, קושען עס זעהר אָפּט און דערבּיי אויך וויינען. ווען ער איז געבּליבּען ליגען צו בּעט און געפיהלט, אַז ער שטאַרבּט,

האָט ער מיר געזאָגט : „באַטשיטשיאַ, געה ברענג דאָס טיכעל. וואָס דו ווייסט און וויש מיר אָפּ דערמיט דעם שווייס פון מיין שטערען, ווען איך וועל האַלטען ביים שטאַרבען״.

כ׳האָב אזוי געטון, און ווען איך נעם אין האַנט דאָס ווייסע טיכעל, ציטערען מיר די הענט און כ׳באַדעק דערמיט מיין פּנים; און דעמאָלט דוכט מיר, אַז ס׳קושען מיך מיין טאַטע מיט מיין מאַמען, אויף איין מאָל.

עריקאַ, עריקאַ, וועסט זעהן נאָך אַ זאַך אין יענעם פּרעכטיגען קאַסטען! אַ זאַק פון טונקעלער וואָל, אין וועלכען עס זענען נאָך איינגעשטעקט די שפּיזלען. דאָס איז געווען דאָס לעצטע שטיקעל האַנט-אַרבייט פון מיין מוטער. דאָס האָט זי אויסגעאַרבייט זאָקען פאַר מיר, און געטון האָט זי דאָס, ווען זי איז שוין געבליבען ליגען צו בעט, אַ קראַנקע אויף דער לעצטער קראַנקהייט, וואָס האָט זי געפיהרט אין קבר אריין; און כמעט מיט׳ן לעצטען אויגעל, וואָס זי האָט אויפגעכאַפּט אויפ׳ן שפּיזעל, טראַכטענדיג אפשר אין די קאַלטע פיסלעך פון איהר באַטיסטאַ׳ן, איז זי געשטאָרבען...

עריקאַ, עריקאַ, אויב דו וועסט דאָ נאָך לאַנג זיצען, וועסט מיך ברענגען צו טרעהרען, און דו ביסט איצט אין דער סאַמע עלטער פון שפּיל און פון פרייד. געה אַראָפּ אין גאָרטען, מאַך דיר אַ גוטען שפּאַציר איבער די אַלעען און נאָכהער געה עס אָפּ פריהשטיק...

* *

VIII

אין גאָרטען — אַן אָנדענק אין יעדער פלאַנצונג. — אַ באַזוך ביים נאָטאַר. — די געשיכטע פון דער גאָלדענער מטבע. — די איידעלקייט פון אַ פלאָט-קאַפּיטאַן

פעטער באַטשיטשיאַ איז אין צוויי טעג אַרום שוין געווען ווידער פריש און געזונט און ער האָט שפּאַצירט, הין און צוריק, איבער די אַלעען פון גאָרטען, וואו ער האָט גענוי באַטראַכט יעדע פלאַנצונג, ווי ער וואָלט זיי שוין נישט געזעהן כאָטש צוויי יאָהר.

עריקאָ האָט איהם באַגלייט און ס'האָט איהם נישט וועניג געוואונדערט די אויסערגעוועהנליכע ליבע, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגעוויזען צו אַלע פלאַנצונגען, צו אַלע ביימעלעך. שוין אַ סך וואָכען ווי ער האָט געזעהן אַלעמאָל דאָס זעלביגע בילד, אָבער אַלעמאָל האָט עס אַרויסגערופען ביי איהם די זעלביגע איבער-ראַשונג.

טאַקע געווען אַ מאָדנער גאָרטען, דעם פעטער באַטשיטשיאַס: נישט קיין סאָד, נישט קיין גאָרטען און נישט קיין גרינוואַרג-גאָר-טען, און אַז איהר ווילט אויך אַלץ אויף אַמאָל: עס זענען געווען אין איהם זעלטענע בלומען און פלאַנצונגען; ס'האָבען געוואַקסען פּאָמידאָרען און ציבעלעס לעבען די פּאַלמען-ביימער; וויינטרויבען-ביימער לעבען סתם גרינוואַרג; איילבירט-ביימער לעבען פרוכט-

בוימער, אַלץ מיט אַן אַנדער האָט זיך געמישט, געשטויסן זיך מיט די עלענבויגענס און זיך אָפּגעטראָטען די פיס, בכדי צו געווינען פאַר זיך אַ ברעקעלע פּלאַץ און אַ זשמענקעלע זון. ס׳זענען געווען צופיל בוימער. דערויף האָט אויך מודה געווען דער קאַפּיטאַן, אָבער אַז מ׳האָט זיי גוט באַמיסטיגט און מ׳איז נישט קאַרג געווען מיט׳ן וואַסער, האָבען זיי אַלע געקענט לעבען. פונדעסטוועגען איז זיי געווען אונמעגליך צו וואַקסען גלייכע, און זיי האָבען געמוזט זיך אויסבויגען, זיך אויסקרומען, בכדי צו קומען איבער אַביסעל לופט און ליכט. ס׳האָט נישט געקענט קיין רייד זיין פון אויסהאַקען אַפילו איינע פון זיי, און ווען דער פויער האָט גענומען אויפווייזען דעם באַלעבאָס, נישט מיט ווייניג מורא און פאַרזיכט, אַז ס׳איז אונמעגליך צו טון אַ טראָט און אַז עס וואָלט נויטיג געווען צו מאַכען אַ טאָלק אין גאָרטען, איז דער פעטער באַטשיטשיאַ אויף איהם אָנגעפאַלען:

— דו, גיב זיך אָפּ מיט דיינע וויינטרויבען און מיט דיינע איילבירט-בוימער. דאָרט לאָז איך דיך שאַלטען און וואַלטען ווי דיין האַרץ גלוסט, אָבער דאָ, אין גרינוואַרג-גאָרטען, הערסט? בין איך באַלעבאָס, האָב איך צו שאַפען און ס׳איז נישטאָ קיין דעה-זאָגער חוץ מיר! צי דען האָט מען געזעהן, אַז אין די ווילדע וועלדער, וועלכע זענען אגב שעהנער פון שעהנסטען גאָרטען, זאָל די נאַטור זיך פאַרנעמען מיט אַרומשערען און אויסהאַקען די בוימער. אסור נישט, די ריזיגסטע בוימער, קליינע בוימעלעך און קריכענדיגע פלאַנצונגען קייטלען זיך איינס אין אַנדערען, לעגען זיך אַרויף איינס אויף ס׳אַנדערע, אומאַרמען זיך; און ביי דיר איז אַ גאַנצע אַרבייט צו געהן צווישען די דאָזיגע גרינע לאַבירינטען? יעדע פלאַנצונג גיט איהרע בלומען און איהרע פרוכטען, זיי לעבען זיך אַלע בשלום ושלוה, און זיי האָבען נישט פאַרוואָס זיך צו פאַרניכטען איינס דאָס אַנדערע, ווי ס׳טוען די מענשען.

דער קאַפּיטאַן איז נישט געווען גערעכט מיט זיינע באַהויפּטונגען, ווארום אויך די פלאַנצונגען פיהרען מלחמה צווישען זיך, און די שטאַרקסטע און פעטסטע הרג׳ענען אַוועק די אַנדערע. צווי-

שען זיי צעפּלאָקערט זיך די זעלביגע שלאַכט אין׳ם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווי צווישען חיות און מענשען, אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין פאַרטיידיגען זיין גאָרטען, האָט דער פעטער באַטשיטשיאָ פאַרגעסען אין אַלע זיינע גרויסע מעלות.

וואָס ער איז יאָ געקרעכצט געווען, איז אין׳ם פאַרגלייכען זיין גאָרטען מיט די בתולה-וועלדער פון אַמעריקע און פון מאַלאַסיע. ס׳איז געווען אַ שווער שטיקעל אַרבייט צו געהן אין זיין גאָרטען און נישט דאַרפען זיך אַלע ווײַלע איינבויגען אָדער נישט כאַפּען אַ ראַץ פון די שטעכערס פון די רויזען-בוימעלעך, פון די צווייגען פון די לימענע-בוימער און באַרען-בוימער. הגם דער פעטער באַ-טשיטשיאָ האָט געוואוסט אַלע סודות און אַלע ווינקעלעך, דורך וואַנען מען קען דורכנעמען די פיס און דעם קאָפּ, איז ער אויך גאַנץ אָפט באַשאָנקען געוואָרען פון זיינע חברים מיט אַ ראַץ און מיט אַ שטאָך, און נישט איין מאָל האָט אַן עקשנות׳דיגע צווייג, וועלכע האָט נישט געפונען קיין לופט און קיין פּלאַץ דאָרט, וואו זי האָט געוואַקסען, ארויסגעשפּאַרט אין וועג אַריין און פלעג ארונ-טערכאַפּען דעם הוט ביים קאַפּיטאַן. אָנשטאַט בייז ווערען, פלעג ער אָבער לאַכען, און אַז עריקאָ איז נישט געווען דערביי, פלעג ער נאָך שטאַרקער לאַכען און צוגעבען:

— דאָס באַגריסען מיך אַזוי מיינע פלאַנצען; דאָס גלעטען מיך אַזוי מיינע בוימער. אויך די פלאַנצען און די בוימער ליבען און האַסען און זענען נישט דאַנקבאַר פאַר׳ן גוטס וואָס מיר טוען פאַר זיי. זיי זענען אַ סך פיהלבאַרער ווי די חיות און אַ סך בעסער פון זיי, און לפּחות בייסען זיי אונז נישט, באַליידיגען נישט און בעטען קיינמאָל גאָרנישט ביי אונז.

אַן אַנדערש מאָל פלעג ער זאָגען צו זיין פלימעניק:

— ווען כ׳מאַך מיין פריהמאָרגען-באַזוך מיינע פלאַנצען, דער-קען איך באַלד, וועלכע פון זיי ס׳איז דורשטיג, וועלכע מען מוז אונטערקלאַפּען מיט׳ן רידעל, בכדי די וואָרצלען זאָלען איינאָטע-מען אַביסעל לופט, וועלכע ס׳בעט מיך זי צו באַפרייען פון די אינ-זעקטען, וואָס צעפרעסען זי, ווי אויך פון די טרוקענע צווייגען,

וועלכע באַלעסטיגען זי. דאָ אין גאָרטען לאָז איך לעבען בלויז די אינזעקטען, וואָס דערנעהרען זיך פון פלייש, ווארום זיי פאַר-ניכטען די אינזעקטען, וואָס לעבען פון גרעזעלעך, און ממילא ברענ-גען זיי נוצען מיינע פלאַנצען; אָבער דאַגעגען שטעה איך אין אַ פאַרביסענער מלחמה מיט אַלע ווערים, מיט אַלע אינזעקטען, וואָס פרעסען בלעטלעך און בלומען. אַ מלחמה פיהר איך אויך אָן מיט די מוראַשקעס, כאָטש זיי זענען געזעלשאַפטליכע און סימפּאַטישע אינזעקטען. און כ׳מוז פאַרטיידיגען די פלאַנצונגען פון אַלע זייע-רע שונאים, ווארום זיי זענען מיינע בעסטע פריינט.

אָבער נישט די אינזעקטען זענען די ערגסטע שונאים; כ׳האָב פיל אַנדערע שאַרפערע שונאים, גרויזאַמע, אומדערמידליכע. דאָס זענען די ים-ווינטען, וועלכע טראָגען אָן אויף זייערע פליגעל דעם שטויב פון די ים-וואַסערען, וואָס פאַרברענט מיר אַלץ, גלייך ווי אויף די בלעטער, אויף די בלומען און אויף די צווייגען וואָלט זיך באַזעצט אַ פייער-צונג. איידער די דאָזיגע ברעג-בוימער אַרום גאָרטען האָבען אויסגעוואַקסען, איז דער ים-ווינט געווען נאָך שטאַרקער פון מיר, און צוויי אָדער דריי מאָל אין יאָהר האָבען מיינע אָרימע מאַראַנצען-בוימער געמוזט באַנייען זייערע בלעטער, וועלכע דער אומרחמנות׳דיגער ווינט האָט פאַרברענט און חרוב געמאַכט. איצט קען ער פייפען און שלאָגען וויפיל ער וויל. הינ-טער די געדיכט-צעוואַקסענע און פאַרצווייגטע ברעג-בוימער לאַ-כען איצט פונ׳ם ים-ווינט די גרינוואַרג-פלאַנצען, די רויזען און זיי זענען גרין און בליהענדיג, ווי נישט זיי מיינט מען.

און דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט ליב מיינע פלאַנצען נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב זיי דערצויגען, ווייל כ׳האָב זיי גע-זעהן געבוירען און זיך אַנטוויקלען; איך האָב זיי נישט ליב בלויז איבער די פאַרבען, מיט וועלכע זיי וואַרפען זיך מיר אין אויג, אי-בער זייערע דופטיגע בלומען, איבער די זאַפטיגע פרוכטען, וואָס זיי געבען מיר, נייערט ווייל אַלע האָבען פאַר מיר זייער געשיכטע און כמעט תמיד איז יעדע איינע פון זיי דער אויסדרוק פון עפּעס אַ האַרציגען אַנדענק. אויך זיי רעדען פון דאָס פאַרגאַנגענע פונקט

ווי די שטיינער און די שטעקענעס, וואָס כ׳האָב דיר געוויזען אין שטוב, און זיי רעדען צו מיר נאָך פייערליכער, ווייל זיי זענען לע־בעדיגע, ווייל זיי פיהלען, פרעהען זיך און ליידען ווי איך; ווייל זיי זענען אויך געבוירען און וועלען אַמאָל שטאַרבען, ווי איך.

ווילסט הערען די געשיכטע פון די פלאַנצען? לאָמיר זיך צוזעצען אויף דער מאַרמאָרנער באַנק.

* *

*

— אין מיין גרינוואַרג-גאָרטען וועסטו נישט געפינען קיין געוועהנליכע מאָגען-גראָזען, נייערט אַזעלכע, וואָס האָבען צוויי־פאַרביגע בלעטער. זיי פאַרמאָגען קלענערע בלעטלעך און שמעקען אפשר אויך וועניגער ווי יענע, אָבער זיי געפעלען מיר, ווייל זיי דערמאָנען מיר איינע פון מיינע טרויעריגסטע צייטען אין מיין לע־בען, און בכדי נישט צו פאַרשעהמען מיינע פאַרשידענפאַרביגע מאָגען-גראָזען, לאָז איך נישט צו אין גאָרטען קיין אַנדערע.

ווען מיין מוטער איז געשטאָרבען, האָבען מיר אַלע באַדאַרפט פאָהרען קיין סאַרסאַנאַ צום נאָטאַר, עפּעס וועגען ענין צוואה און נאָך דאָרט איינינגע זאַכען. מיר זענען געזעסען אין אַ טונקעל־פרויעריגען זאַלכעל און איך האָב עפּעס אָדער גאָרנישט פאַרשטאַ־נען פון דעם אַלעמען, וואָס מ׳האָט דאָרט גערעדט. כ׳געדענק נאָר, אַז איך האָב אַ סך מאָל געהערט דערמאָנען מיין מוטערס נאָמען, און כ׳האָב דערפאַר געוויינט. דער נאָטאַר האָט דאָס באַמערקט און ער האָט מיר געהייסען אַרונטערגעהן אין זיין גאָרטען צו זעהן די בלומען. שפּאַצירענדיג אַרום די בייטען האָב איך פּלוצים באַ־מערקט אַ פלאַנצונג פון צוויי פאַרביגע מאָגען-בלעטלעך, וועלכע איך האָב ביז דעמאָלט נישט געזעהן אין ערגיץ. פון קליי־נערהייט אָן האָב איך געפיהלט אַ גרויסען דראַנג אַלץ צו באַ־טראַכטען און באַאָבאַכטען, און יענע פלאַנצונג איז מיר געפעלען געוואָרען. כ׳האָב אָפּגעריסען אַ צווייגעלע, מיטגענומען עס אַהיים און עס אַריינגעלעגט אין אַ גלאָז וואַסער.

אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָט מיין פאָטער, וועלכער האָט נאָך

אויך נישט געהאט געזעהן אזא שעהנע פלאַנצונג, מיר געוויזען ווי צו פאַרוואַנדלען דאָס איינציגע צווייגעלע אין אַ לעבעדיגער פלאַנצונג. ער האָט עס פאַרזעצט אין אַ גוט-באַגאָסענער ערדענער כלי, וועלכע ער האָט נאָכהער איבערגעדעקט מיט אַ גרויסען גלעזערנעם סלוי. דאָס צווייגעל האָט געשלאָגען וואָרצלען; פון דער כלי האָט מען די פלאַנצונג איבערגעפלאַנצט אין גאָרטען, און דאָ לעבט זי נאָך ביז היינט צו טאָג, שוין זינט אזוי פיל יאָהר. ווען איך גיב אַ קוק אויף דער פלאַנצונג דערמאָן איך מיך אין נאָטאַר פון סאַרסאַנאַ און אין זיין טונקעל-טרויעריגער וואוינונג, מיט אַלע יענע מיאוסע און איינטאָניגע פאַפירען, וואָס האָבען מיך געבראַכט צו טרעהרען; איך דערמאָן מיך אין מיין פאָטער, וועלכער האָט מיר געוויזען ווי צו פאַרוואַנדלען אַ צווייגעלע אין אַ לעבעדיגען בוימעלע, ווי אויך אַלע מיינע ליבע פאַרשטאָרבענע... ווארום דאַרפסט וויסען, אַז פון יענע אַלע פערזאָנען, וואָס האָבען זיך דעמאָלט פאַרזאַמעלט ביים נאָטאַר אין בוירא, לעב איך נאָר און די דאָזיגע פלאַנצונג. מיין פאָטער, מיינע ברידער, דער נאָטאַר, אַלע, אַלע זענען שוין געשטאָרבען. די פלאַנצונג וועט זיכער אויך מיך איבערלעבען, אָבער זי וועט קיינעם נישט דערצעהלען די דאָזיגע געשיכטע, סיידען דו, עריקאַ, וועסט זי ביז דעמאָלט נישט האָבען פאַרגעסען.

* *
*

אַ צווייטע באַליבטע פלאַנצונג איז ביי מיר יענץ ביימעל מיט פאַרשידענפאַרביגע בלומען, וואָס דו זעהסט דאָרט אין הינטערוואַנט פון גאָרטען, אונטער יענער שעהנער פאַלמע.

כ'בין נאָך געווען אַ יונג בחור'ל און געהאט געמאַכט צוויי רייזעס אַלס מאַטראָס אויף אַ שיף, וואָס האָט געפיהרט תבואה איבער'ן שוואַרצען ים, ווען איך בין, ביים דאַרפען וואַרטען אויף אַ נייער רייזע, געקומען קיין סאַן טערענזאָ צו פאַרברענגען מיט מיין פאַמיליע אַ געוויסען טייל פון ווינטער.

אַן אַלטער פּראָפעסאָר פון פיזיק, וואָס האָט שוין געלעבט פון

פענסיע, איז געקומען פון גענוא און זיך באזעצט אין סאן טערענזא, וואו, צו יענער צייט, האט מען מיט ווייניג געלט געקענט פיהרען א שעהן לעבען. ער האט פארמאגט א פאר פיזיק-אפאראטען, אזעלכע מיני פלעשער, אן עלעקטרישע מאשין און מיט דעם אלעמען פלעג ער מאכען א גאנצע רייהע עקספערימענטען. ווען כ'האב נאר געקענט, פלעג איך זיין ביים פראפעסאר, וועלכער האט שטארק ליב געהאט קינדער, פארמאגט גרויס געדולד צו ווייזען מיר זיינע מאשינען און מיר געבען אלץ צו דערקלערען, און כ'איז געווען זיין חיות צו לאזען מיך אליין פרואווען די אויפטרייסלונגען פון עלעקטרישען פונק. אויף אזא אופן בין איך געווארען א גאנצער קענער אין פיזיק, און מיט צוויי אלטע טעפ, א קישקעלע און א שטיקעל צינק, האב איך מיר געמאכט א גוטען אפאראט, מיט וועלכען כ'האב מיך פארנומען מיט רעפראדוצירען אין קופער די זעלטענסטע מטבעות. מיט איינעםווארט, כ'האב מיר אליין געמאכט א ספעציעלען קאבינעט פון די אלטסטע מטבעות.

כ'האב נאכגעמאכט זילבער-מטבעות פון שפאניע און פון גענוא, אפילו גאלד-מטבעות, וועלכע מיין פאטער פלעג לייהען ביי קרובים אדער ביי פריינט. איך פלעג שטארק אפהיטען די דאזיגע געליהענע מטבעות, כ'פלעג זיי האלטען אונטער א שלאס און אומקעהרען דעם אוצר, צו ווען ער האט געהערט, אן איבערגליקליכער צו קענען האבען ביי זיך די זעלביגע מטבע אין קופער, געמאכט מיט מיינע אייגענע הענט. דער פראפעסאר פון פיזיק האט מיר געהאט פארשפראכען מיך אויסצולערנען ווי אפצוגילדען זיי, בכדי זיי זאלען אויסזעהן טאקע אמת'דיג געלט.

אן אלטער, זעהר ארימער מאטראס, וועלכער האט זיך שוין כמעט נישט געקענט ריהרען איבער'ן רעאומאטיזם אין זיינע פיס און וועלכער האט געוואוינט נישט ווייט פון אונז, האט פארמאגט א שעהנע מטבע פון ווענעדיג. דאס איז געווען זיין איינציגער אוצר און, פאר קיין פאל, האט ער זיך מיט איהר נישט געוואלט שיידען. כ'האב זי ביי איהם עטליכע מאל געבעטען, אבער ס'האט נישט געהאלפען. ער פלעג טענה'ען, אז דאס איז זיין כישוף-שטיין און

ער האָט געשוואוירען, אַז ליבער וויל ער שטאַרבען פון הונגער, איידער אָפּגעבען עמיצען די דאָזיגע מטבע אַפילו אויף אַ מינוט. וואָס מעהר דער אַלטער האָט זיך איינגע׳עקשנט מיר נישט אויס-צולייהען די מטבע, אַלץ מעהר האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט דער ווילען זי נאָכצומאַכען מיט מיין אַפּאַראַטעל. און אין דער גאַנצער געגענט איז נישט געווען קיין צווייטע מטבע צו איהר!

אַז מיין פאָטער האָט מיך געזעהן אַזוי ברענען נאָך דער מטבע, האָט ער אַזוי לאַנג גערעדט איבערן אַלטען מאַטראָס, ביז ער האָט ענדליך גע׳פּועלט ער זאָל זי איהם לייהען, אָבער בלויז אויף צוויי טעג.

ווי נאָר כ׳האָב זי אַריינגעקראָגען אין דער האַנט אַריין, האָב איך זי באַטראַכט, און אַ טאַנץ געטון פאַר גדולה.

בכדי זי צו קענען אָפּגעבען וואָס שנעלער, האָב איך גלייך זיך גענומען צו דער אַרבייט.

אָבער דאָ איז געשעהן אַן אומגליק: כ׳געה אַריינקוקען אין מיין אַפּאַראַט צו אָפּטיילען די מטבע פון מיין קופּערנעם בלעטעל, נישטאָ קיין מטבע...

כ׳קוק אַהער, כ׳קוק אַהין... מיש איבער דעם גאַנצען אַפּאַ-ראַט; און דאָ דערזעה איך, ווי אויף דער אויבערפלאַך פון דער פליסיגקייט שווימט אַרום עפּעס אַ מין שוואַכער שטויב פון גאָלד.

וואָס זאָל דאָ האָבען געשעהן? כ׳בין אַוועקגעלאָפען צום פּראָפעסאָר, נאָר ער האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם שכל פון דער קאַטאַסטראָפע. די מטבע איז געווען אַ פאַלשע. זי איז אודאי גע-מאַכט געוואָרען מיט אַזאַ אַפּאַראַט, ווי מיינער, און מיט׳ן קומען אין באַריהרונג מיט פייער, איז זי צעשמאָלצען געוואָרען און אי-בערגעלאָזט הינטער זיך בלויז דעם שטויב פון גאָלד, וואָס האָט אַרויסגעבלישטשעט פון מיין פאַרמישעכץ דאָרטען.

כ׳האָב באַשוואוירען דעם פּראָפעסאָר ער זאָל נישט דאַכטען קיין וואָרט פאַר קיינעם און כ׳בין אַוועק אין מיין צימער זיך גוט אויסוויינען. אָבער וואו באַקומט מען אַ צווייטע מטבע? ווי אַזוי זאָגט מען דעם אַלטען מאַטראָס, אַז זיין מטבע איז געווען אַ פאַל-

שע? ווי אַזוי זאָל איך עס דערצעהלען מיין פאָטער, וועלכער וואָלט, בּיי זיין גאַנצער אָרימקייט, געמוזט מאַכען אַ גרויסען קרבּן צו בּאַצאָהלען פאַר יענער מטבּע, וועלכע איז אַוועק מיט דער פאַרע.

נאָך אַ שעה קלעהרען און טראַכטען, האָבּ איך זיך דערטראַכט. כ'האָבּ געעפענט אַ שופלאָד, וואו אין אַ נעבּעכדיק ערדענעם פּושקעלע האָבּ איך געהאלטען מיינע אָרימע אָפּגעשפּאָרטע סענטען, מיט וועלכע כ'האָבּ אַ לאַנגע צייט גע'חלומט צו קענען אַמאָל קויפען אַן אייגענעם רעוואָלווער אָדער אַ בּיקס. מיט ציטערדיגע הענט האָבּ איך צעבּראָכען דאָס פּושקעלע און איבּער'ן דיל האָבּען זיך צעזייט און צעשפּרייט די עטלעכע קופּערנע סענטען און אפשר אויך איינע אָדער צוויי זילבּערנע מטבּעות. כ'האָבּ צונויפגענומען מיין פאַרמעגען און עס איבּערגעצעהלט. ס'איז דאָרט געווען אַ חשבּון פון צוויי און דרייסיג לירעס מיט זיבּען און פופציג סענטים. פּונקט די סומע אויף צו קענען קויפען אַ ווענעדיגער גאָלדענע מטבּע.

צופוס, און אין איין אָטעם, בּין איך אַוועק קיין ספּעציאַ; אַ מידער און דערשוויצטער בּין איך אַריין אין איינציגען טויש-הויז וואָס איז געווען אין שטאָדט און כ'בּין גלייך אַרוים מיט דער פראַגע צי ס'איז פאַראַן צו קויפען אַ ווענעדיגער גאָלד-מטבּע.

— ניין, מיר האָבּען נישט. — איז געווען דער ענטפער — אָבּער געהט אַריבּער אויף דער גאַס פּריאָנע, דאָרט איז פאַראַן אַ צווייט טויש-הויז. אין יענעם הויז האַנדעלט מען מיט אַלע מטבּעות.

כ'בּין אַוועק אויפ'ן אָנגעגעבּענעם אַדרעס.

— קען מען בּיי אייך בּאַקומען אַ ווענעדיגער גאָלד-מטבּע?

— מיר דאַכט, אַז מיר האָבּען נישט.

— כ'בּין גרייט צו בּאַצאָהלען מעהר ווי די מטבּע איז ווערט.

— איך'ל געהן אַ קוק טון אין שטוב, אפשר וועט זיך אָפּזוכען איינע. זיצט.

דער סוחר איז אַוועק מיט די טרעפּ אין אויבּערשטען גאָרען און אין קראָם איז געבּליבּען זיין פרוי.

פון זעצען זיך איז בּיי מיר געווען אָפּגערעדט. כ'האָבּ אומ-

געשפּרייזט אויף און אָפּ, געקוקט אויף די טרעפּ, צי ס׳קומט שוין דער סוחר, און מיט דער רעכטער האַנט אין מיין הויזן־קעשענע האָב איך געטאַפּט דאָס גאַנצע פאַרמעגן מיינס — די 32 לירעס מיט 57 סענטים.

דורך דער הינטערוואַנט פון קראָם האָט אַריינגעקוקט אַ הויף, וואָס האָט אויסגעזעהן כמעט ווי אַ גאָרטען. בכדי צו שטילען עט־וואָס מיין אומרוהיגקייט און אַלס גרויסער ליבהאָבער פון בלומען, האָב איך געבעטען דערלויבעניש אָנצוקוקען דאָס גערטענדעל.

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען. איהר וועט דאָרט זעהן זעהר שעהנע בלומען.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך מיך דאָרט אָנגעטראָפען מיט זעלטען־שעהנע בלומען, פונקט אַזעלכע ווי דו זעהסט דאָ אונטער מיינע פּאַלמען. כ׳האָב באַטראַכט די בלומען מיט שטאַרע בליקען, מיט אַ ברענענדיגען קאָפּ, אין וועלכען עס האָט געטליעט בלויז איין געדאַנק:

— און ווי וועט זיין, אויב דער סוחר וועט נישט האָבען קיין ווענעדיגער גאָלד־מטבע ?

בלומען און גאָלד־מטבעות זענען געוואָרען איין זאַך אין מיין מוח, און אויף יעדען פּרעכטיגען בלימעל האָט מיין אויג געזעהן אַ גאָלד־פלאַט.

פּלוצים האָט דאָס פעסטע קול פונ׳ם סוחר איבערגעריסען מיין טראַכטען :

— העי ! קומט אַהער, ר׳ יונגערמאַן. כ׳האָב געפונען צוויי גאָלד־מטבעות. איינע פון די מטבעות איז נאָך שפּאָגעל־ניי.

כ׳האָב באַטראַכט ביידע מטבעות. די צווייטע איז געווען פונקט־פונקט יענע, וועלכע איז אין מיין אַפּאַראַט צעגאַנגען ווי צוקער אין וואַסער.

— איך נעם די דאָזיגע מטבע. וויפיל ווילט איהר ?

— דרייסיג לירעס.

כ׳האָב באַלד מסכים געווען אויפ׳ן פּרייז, כאָטש דאָס סוחר׳ל האָט נישט ווייניג זיך אויסגענוצט מיט מיין צו גרויסער היץ...

אָבער ביים אויסצאָהלען די מזומנים האָט אַ שרעקליכער גע־דאַנק דורכגעשניטען מיין מוח:

— און אויב די דאָזיגע גאָלד־מטבע זאָל אויך זיין אַ פאַלשע?

כ'האָב געוואָלט עפּעס אַ פרעג טון, אָבער כ'האָב מיך גלייך פאַרהאַלטען. כ'האָב מיך באַנוגענט מיט אַ וואָרף טון די מטבע עטליכע מאָל אויף דער סטויקע און ס'האָט זיך באַקומען אַזאַ זי־סער קלאַנג — נאָך זיסער פון דער בעסטער מוזיק.

— זייט רוהיג, ר' יונגערמאַן — האָט דער סוחר געשמייכעלט — דאָס איז עכט גאָלד, ווענעדיגער גאָלד, זייט רוהיג...

אַהיים בין איך נישט געלאָפען, נייערט געפלויגען, און ווען כ'האָב דעם אַלטען מאַטראָס אָפּגעגעבען זיין מטבע, בעסער גע־זאָגט, אַ גוטע מטבע פאַר זיין פאַלשער; און ווען ער האָט, גלע־טענדיג זיין אוצר, געשמייכעלט צו מיר מיט טרעהרען אין די אויגען, האָב איך גלייך פאַרגעסען אין אַלע מיינע צרות און פרעניות, אין מיינע, מיט'ן ווינט פאַרשוואונדענע דרייסיג לירעס; כ'האָב אַלץ פאַרגעסען און כ'האָב מיך באַטראַכט פאַר גליקליך דערמיט, וואָס כ'האָב געטון אַ גוטע זאַך.

און בכדי מיין טאַט זאָל זיין אינגאַנצען אַ גוטע, האָב איך עס קיינעם קיינמאָל נישט דערצעהלט, אַפילו נישט מיין פאָטער; און דיר דערצעהל איך עס איצט דעם ערשטען, ווייל איך מיין, אַז כ'קען דיר צונוץ קומען. דער איינציגער זכר פון יענער מערקוויר־דיגער געשעהעניש זענען די בלימעלעך, וואָס דו זעהסט אונטער מיינע פאַלמען. כ'האָב, ביי אַ צווייטער געלעגענהייט, געבעטען ביי יענעם טייערען סוחר אַ פּאָר פלאַנצונגען און ער האָט געהאַט די פיינקייט צו באַוויליגען מיין בקשה.

פון דעמאָלט אָן בליהען די בלימעלעך אין מיין גאָרטען, און ווען איך וואָרף מיין אויג אויף זיי, קרייזלען זיך אויף זייערע קע־פּעלעך פרעכטיגע גאָלד־פלאַטען. איך קוק אויף זיי מיט גרויס הנאה, כ'דערפיהל מיך יונגער און עפּעס אַ מאָדנע געפיהל פון גליק פילט אָן מיין הארץ...

* *

אַלע פּלאַנצונגען, וואָס דו זעהסט אין מיין גאַרטען, עריקאַ, האָבען זיך זייער געשיכטע, און ווען איך זאָל זיי דיר ווילען דער-צעהלען איינע בּיי איינע, וואָלטען מיר בּאַדאַרפט האָבען אַ גאַנצען חודש. כ'האָבּ מיך געפליסט צו האָבען אין מיין גערטענדעל די גרעסטע וואַריאַציע אין פּלאַנצונגען.

בּאַטראַכט, למשל, מיינע מאַראַנצען-בּוימער. פאַראַן אַ צוואַנ-ציג, אָבער דו וועסט נישט געפינען קיין צוויי אַלצאַיינע. איינער גיט אַרויס אַ מאַראַנץ מיט געלען פלייש, אַן אַנדערער מיט ווייסען, און אַ דריטער מיט ראָזעווען פלייש. פאַראַן דער זויערער מאַראַנ-צען-בּוים, וואָס גיט אַרויס בּיטערע פרוכטען, אָבער דערפאַר האָבען זיינע בּלעטער און בּלומען אַ געשמאַקען ריח; פאַראַן דער גראָ-בּער מאַראַנצען-בּוים פון פּאַלערמאָ און דער ריזיגער מאַראַנצען-בּיים פון אינדיע. דער שעהנסטער איז פאַר מיר אָט יענער, וואָס דו זעהסט דאָרט אין סאַמע מיטען פון גאַרטען, ווייל כ'האָבּ איהם אַליין געבּראַכט פון בּראַזיל, וואו כ'האָבּ איהם בּאַקומען אַלס מתנה פונ'ם דיפּלאָמאַט לאָפּעז נעטאָ.

די דאָזיגע מאַראַנצען-בּוימער קענען אין איטאַליע נישט גע-בּען די זעלביגע געשמאַקע פרוכט, וואָס אין בּראַזיל, אָבער אַ דאַנק מיין בּאַזאָרגען זיי מיט אַלץ, וואָס איז זיי נויטיג, האָבּ איך עפּעס אַרויסגעבּראַכט פון זיי.

נעם דיר עס גוט אין זינען, עריקאַ. יעדע זאַך ווערט בּיי אונז טייערער, וואָס מעהר מיר האָבען אַרבּייט בּיי זיי, און דערפאַר טרעפט, אַז דער מענש, וואָס ווערט געבּוירען רייך איבּער'ן פאַר-מעגען פון זיינע עלטערן, פיהלט ער נישט קיין הנאה אין לעבּען און די צייט ציהט זיך פאַר איהם מאָנאָטאָן און לאַנגווייליג. וועסט אָפּט הערען זאָגען, אַז אויף דער וועלט איז שווער צו געפינען גליק, אויבּ מ'איז נישט רייך. דאָס איז אַ נאַרישער געדאַנק, וואָס געהט איבּער בּירושה פון דור צו דור. דאָס גליק איז כסדר אַ פּראָ-דוקט פון אונזערע מעלות, פון אונזער אַרבּייט, און נישט סתם פון רייכטום, און דאָס גליק מוז דעראָבּערט ווערען ווי אַלע אַנדערע

גוטע און שעהנע זאַכען אין דער וועלט : רוהם, אַכטונג, געלט, א. ד. ג.

דאָס זעלביגע, וואָס מיט די מאַראַנצען-בוימער, איז אויך מיט די מעדיצין-פּלעטלעך, וועלכע זענען ביי מיר אַ גאַנצער יחוס נאָר דערפאַר, ווייל זיי דערמאָנען מיך אָן דעם טייערען חבר, וועלכער האָט זיי מיר געשאָנקען, און וועלכער איז שוין לאַנג נישט צווישען די לעבעדיגע.

מיין חבר איז, ווי איך, אויך געווען אַ קאַפּיטאַן פון האַנדעלם-פלאָט. מיר האָבען ביידע געקויפט בשותפות אַ שיף. פּראָספּעראָ האָט מיין חבר געהייסען. כ׳האָב געזעהן אין איהם אַ מענשען מיט אַ גרויסען דורשט צו פאַרדינען, און אין געשעפט האָט ער, אָהן גרויסע צערעמאָניעס, געזוכט בלויז צו מאַכען אַ סך געלט. פאַר מיר פלעג ער האָבען דרך ארץ און אַלס פאַרענטפערונג פלעג ער זאָגען צו מיר :

— אויב נישט גנב׳ענען, דאַרף מען כאָטש טון דאָס, וואָס עס לוינט זיך אונז, און אויב עמיצער זוכט אונז אָפּצונאַרען, איז עס אונזער רעכט צו פאַרטיידיגען זיך דורך אָפּנאַרען די אָפּנאַרערס.

— ניין, מיין טייערער פּראָספּעראָ — פלעג איך איהם ענט-פערען — אין ענינים פון ערענטליכקייט, וויל איך גאָר קיינמאָל נישט נאָכדענקען. דער קאָפּ איז אונז, אמת, געגעבען געוואָרען צו אָנפיהרען מיט׳ן הארץ, אָבער מיט׳ן איינציגען תנאי, אַז מיר זאָלען נישט אַרויס פון די גרעניצען פון גערעכטיגקייט. ווען דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז דער אָדער יענער טאַט איז נישט קיין עהר-ליכער, וויל איך שוין גאָר נישט טראַכטען עפּעס אַנדערש, ווארום דאָס געוויסען איז דער ריכטער איבער אַלע ריכטער. מיט׳ן גע-דאַנק קען מען פון אַלץ מאַכען אַ תל, און ס׳איז זעהר לייכט צו באַווייזען, אַז דאָס, וואָס ס׳לוינט זיך אונז איז גוט געטון; אָבער דאָס געוויסען שרייט אונטער כסדר : רשע! רשע! און ס׳איז ניטאָ קיין שכל הישר, וואָס זאָל קענען שטיל מאַכען דעם דאָזיגען געשריי.

אונזערע שמועסען וועגען ערענטליכקייט אין די געשעפטען, פלעגען, כמעט שטענדיג, זיך ענדיגען אויפ׳ן זעלביגען אופן. פּראָס-

פּעראָ פלעג פאַרציהען מיט די אַקסלען, מיינע רייד האָבען אוים-געזעהן איהם ווענינ צו איבערצייגען, אָבער דער סוף איז געווען, אַז ער פלעג נאָכקומען מיינע פאַרלאַנגען און כסדר מיך פאָלגען.

מיינע געשעפטען האָבען מיך אין אַ שעהנעם טאָג געצוואונ-גען אָפּצופאָהרען קיין סאַן פראַנציסקאָ און כ'האָב געפעהלט פון דער היים כמעט צוויי יאָהר צייט. די שיף אונזערע איז געבלי-בען אין רשות פון מיין חבר, פּראָספּעראָ.

ווען כ'האָב מיך אומגעקעהרט אַהיים, — כ'געה אַראָפּ אין גענוא און קום קיין סאַן טערענזאָ — באַגעגען איך מיך מיט פּראָס-פּעראָ'ן, וועלכער כאַפּט מיך אַרום און נעמט מיך האַלדזען און קושען.

באַלד טוט ער צו מיר אַ וואונק מיט די אויגען און זאָגט מיר:

— אַ גלענצענדיג געשעפט געמאַכט, טייערער באַטשישטשיאָ! כ'האָב פאַרדינט מיט אונזער שיף 150 טויזענט לירעס.

כ'האָב אַ געשריי געטון, פון איבעררעשונג מעהר ווי פון פרייד און דאָס פּנים איז מיר רויט געוואָרען.

— ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

— אויף אַ זעהר איינפאַכען אופן, ווי דו וועסט עס פון מיר די טעג הערען.

דער אופן איז שוין אָבער גאָר נישט געווען קיין איינפאכער און דערוואוסט זיך פון איהם האָב איך גאָר אינגיכען, וואָרום צו די אכט טעג בין איך און פּראָספּעראָ אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר'ן האַנ-דעלס-געריכט אין גענוא, אַלס אויספיהרער פון אַ שווינדעל.

אין זיין גרויסער גייציגקייט נאָך געלט איז פּראָספּעראָ געהאט אַוועק קיין מאַרסאַלאַ, אויפגעלאָדען אויף אונזער שותפות'דיגער שיף צוויי פעסער פון בעסטען ווייז און אַ גרויסע צאָל פעסער מיט פּשוט'ער געזאַלצענער וואסער, אָבער פאַר דער פאַרזיכערונגס-גע-זעלשאַפט האָט ער דערקלעהרט, אַז אַלע פעסער זענען מיט ווייז און פאַרזיכערט דעם ווייז מיט דער שיף צוזאַמען. די עקספּערטען, וועלכע מען האָט געשיקט אויף דער שיף, האָבען פאַרזוכט פון די אמת'ע וויין-פעסער און זיך נישט געכאַפּט אויף די איבעריגע.

די שיף און די משא זענען פאַרזיכערט געוואָרען אין 150 טויזענט לירעס.

פּראָספּעראָ איז אַרויס מיט דער שיף פון מאַרסאַלאַ און אויס־נוצענדיג די געלעגענהייט פון אַ שאַרפען ווינט, האָט ער בכיוון אָנגעשטויסען זיך אויף אַ פעלזען־שטיין און די שיף מיט דער גאַנ־צער משא איז אַראָפּ צום גרונט. די מאַטראָסען זיינע אפילו האָבען אויך נישט געוואוסט פון דעם סוד, ווארום די אַלטע מאַנשאַפט האָט ער געהאט אנטזאגט און צוגענומען פאַר דער נסיעה אַ נייע, וועלכע האָט באמת געגלויבט, אַז ס׳איז געשעהן אַ שיפּס־ברוך איבער אַ טעות אין דער ריכטונג.

דער קאַפּיטאַן גופא האָט זיך באַדאַרפט ראַטעווען דורך צו־שווימען צום ברעג, נישט מיט ווייניג סכנה פאַר זיין שטיקעל לע־בען. דער ענין איז אַזוי גוט צוגעגרייט געווען, אַז די פאַרזיכע־רונגס־געזעלשאַפט וואָלט געווען געמוזט באַצאָהלען ביז אַ פּרוטה.

פונדעסטוועגען האָב איך מיך נישט געלאָזט נאַרען. כ׳האָב געקענט צו גוט מיין שותף אַלס שווימער, ווי אויך זיינע קאַפּי־טאַלען, וואָס ער קען אַריינלעגען אין מסחר, און ווען איך זאָל אפילו האָבען אַ רגע געגלויבט אין דערווירקליכקייט פון דער געשעהע־ניש, האָט אַלץ געמוזט צערונען ווערען, ווען אַן אַלטער מאַטראָס, וועלכען פּראָספּעראָ האָט אנטזאגט אונטער טויזענטערליי תירו־צים, האָט מיר אויסגעגעבען פּראָספּעראָ׳ס שפּיצעל.

כ׳בין גלייך אַוועק צו מיין שותף, און מיט אַ געמאַכטער קאַלט־קייט האָב איך צו איהם, אומגעפעהר, אַזוי געזאָגט:

— פּראָספּעראָ: דער דורשט נאָך גאָלד האָט דיך פאַרפיהרט צו באַגעהן אַ פאַרברעכען, אָבער דו אַליין וועסט פאַר איהם אָפּ־קומען, ווארום אויף מיין נאָמען דאַרף אפילו נישט פאַלען קיין שאָטען פון פאַרדאַכט. דו ביסט באַגאַנגען אַ שווינדעל...

— ס׳איז נישט אמת; אונזער אַדוואָקאַט וועט געווינען דעם פּראָצעס...

— שלאָג מיר נישט איבער מיינע רייד. נישט אַלע דיינע רייד און נישט אַלע דיינע אַדוואָקאַטען קענען אויף אַ האָר ענדערען

מיין באַשלוס. דו ביסט באַגאַנגען אַ שווינדעל. ס׳איז דורכאויס נויטיג דו זאָלסט קומען פאַר׳ן דירעקטאָר פון דער פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט און פאַר איהם דערקלעהרען, אַז דו אַנטזאַגסט זיך איינגאַנצען פונ׳ם באַטרעף פון פאַרזיכערונגס-שיין אויף אונזער שיף, ווארום דיין שותף, וועלכער איז ביז איצט נישט געווען הי, איז נישט איינשטימיג מיט דיין האַנדלונג, און וועסט ביי איהם אויך בעטען ער זאָל צוריקציהען די אַנקלאַגע געגען אונז.

— וואָס רעדסטו? ס׳וועט דאָך אַזוי געהן פאַרלוירען די שיף מיט דער משא.

— די משא? ס׳האָט נישט ווער צו לאַכען. דו ווייסט גאַנץ גוט וויפיל די דאָזיגע משא איז ווערט געווען. וואָס שייך דער שיף, געהער דאָך אַ העלפט צו מיר — בלייבען מיר קוויט. בכל אופן וועסטו אויך טון אַ טובה מעהר נישט צו קומען פאַר מיינע אויגען, און אויף להבא, אַרבייט דיר אויף דיין אייגענעם חשבון.

דער פּראָצעס פאַר שווינדעל איז אָפּגעווישט געוואָרען נאָך פּראָספּעראָ׳ס אַנטזאַגען זיך צו נעמען פאַרזיכערונגס-געלט, אָבער אויף זיין נאָמען איז פאַרבליבען אַ פלעק, וועלכען עס איז אונמעג-ליך געווען אָפּצוואַשען. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, האָבען אַלע גע-וואוסט, אַז איך בין צוויי יאָהר נישט געווען אין די מקומות און אַז איך האָב נישט געהאַט דעם מינדסטען חלק אין דעם געוואַג-טען שווינדעל, וואָס האָט געהאַט אַזוי ווייניג מזל.

פּראָספּעראָ איז אַוועק קיין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, און כ׳האָב מעהר נישט געהערט פון איהם. מיט אַכט יאָהר שפּעטער האָב איך באַקומען פון איהם אַ בריוו, דאַטירט אין רעגאַלעדאַ, אין וועלכער ער מעלדעט מיר, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען, כ׳זאָל אַלץ פון אַמאָל פאַרגעסען און איהם קומען זעהן, אפשר צום לעצ-טען מאָל.

דריי טעג צייט האָב איך נאָכגעטראַכט דעם ענין. כ׳האָב איהם נישט געקענט פאַרגעסען זיין מיאוס שטיקעל אַרבייט, אָבער לסוף האָט געזיגט דאָס הארץ — פּאָרט אַמאָל אַזאַ גוטער חבר

געווען — און איך בין אַוועק קיין רעגאַלעדאַ, לעבן טייך דע קאַמאַ.

פּראָספּעראָ האָט געליטן פון אַ פּאַראַליז, וואָס האָט אונטער-געגראָבן זיין לעבן, און ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. נאָכהער האָט ער מיר געהייסן עפענען אַ שופלאָד, אַרויסנעמען אַזאַ זעקעלע און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— דאָ איז פאַראַן 20 טויזענט לירעס, נעם זיי דיר. דאָס איז פּונקט וויפיל דיר איז געקומען פאַר דיין האַלבען שותפות אין אונ-זער אַמאָליגער שיף. כ'האָב אין בוענאָס איירעס געמאַכט גוטע געשעפטען און ס'זעהט זיך ביי מיר איצט נישט אָן אַזאַ סומע. זאָג מיר נישט אָפּ די געפעליגקייט, ווארום דו וואָלסט מיך אינ-גאַנצען דער'הרגעט.

כ'האָב גענומען דאָס זעקעלע און אַריינגעלעגט עס אין קע-שענע.

— זאָג מיר — האָב איך זיך אָנגערופען — און זאָג עס מיר מיט דיין האַנט אויפ'ן הארצען: אין בוענאָס איירעס ביסטו כאָטש געווען אַן עהרליכער מענש?

— יאָ, איך שווער עס דיר! ביים אָנדענק פון מיין מוטער, שווער איך.

— נו, אויב אַזוי, אַהער מיר דיין האַנט! כ'פאַרגעס פון איצט אָן די גאַנצע מעשה מיט אונזער שיף.

ביי דער געלעגענהייט האָט פּראָספּעראָ מיר געשאָנקען עט-ליכע פּלאַנצונגען פון מעדיצין-בלעטער און ער האָט מיר דערביי געזאָגט:

— פאַרזעץ די פּלאַנצונגען, באַטשיטשיאַ, אין דיין גאָרטען, און ווען איך וועל שוין נישט זיין, וועסטו זיי זעהן בליהען און דו וועסט דיך דערמאָנען אין דיין פּראָספּעראָ'ן.

ס'איז געוואָרען צייט אומצוקעהרען זיך אַהיים און כ'האָב מיך גענומען וואָרים צעזעגענען מיט איהם.

— מיר וועלען זיך נאָך זעהן, פּראָספּערא! — האָב איך אויס-געראָפען זעהר גערירט.

דערויף האָט פּראָספּערא געגעבען אַ ביטערען שמייכעל און ארויסגעשעפּטשעט:

— דאָרטען, אויבען... פאַרגעס נישט אין מיינע פּלאַנצונגען...

איצט פאַרשטעהסטו, עריקאַ, פאַרוואָס איך היט אַזוי שטאַרק די דאָזיגע מעדיצין-בלעטער און פאַרוואָס איך האָב זיי אַזוי ליב. פּראָספּערא איז געשטאָרבען, אָבער די בלומען וועלען נאָך לאַנג, לאַנג אָנפולען מיין גאָרטען מיט זייער געשמאַקען ריח, און ווי לאַנג איך וועל נאָך לעבען, וועלען זיי מיך דערמאָנען אין אַ שעהן בלעטעל פון מיין לעבענס-געשיכטע.

עריקאַ מיינער, איך האַלט אין איין רעדען צו דיר וועגען מתים, בעת דו ביסט די געטרייעסטע פאַרקערפּערונג פון אַ לע-בען, וואָס הויבט ערשט אָן. איך מיין, און אפשר ווייל איך בין שוין אַ זקן, אַז די לעבעדיגע פאַרגעסען צו שנעל די טויטע, און ווען זיי דערמאָנען זיי, איז עס נאָר צום שלעכטען.

דער טויט איז ענג פאַרבונדען מיט׳ן לעבען. ער געפינט זיך אויף יעדען שריט וואָס מיר מאַכען, און דערפאַר וואָלטען מיר נישט באַדאַרפט האָבען אַזוי שטאַרק מורא פאַר איהם, נייערט, פאַרקעהרט, מאַכען איהם פאַר אונז היימיש, ווען מיר זענען יונג. פיהרען, פיהרט זיך אָבער, אַז מיר וואַקסען צוזאַמען מיט׳ן גרויל פאַר׳ן טויט, זיין נאָמען אַליין וואַרפט אָן אויף אונז אַן אימה און אַ פחד, און מיר פלייסען זיך נישט צו טראַכטען פון איהם, ווי ער וואָלט געווען איינע פון די שרעקליכסטע זאַכען.

זעהסטו, מיט מיר איז שוין אַנדערש. איך האָב נישט קיין מורא צו האָבען אַ בית עלמין ביי מיר אין הויז, ווארום די טויטע וואַרפען נישט אָן אויף מיר די מינדסטע שרעק. כ׳האָב ליב זיי צו האָבען לעבען זיך און זיי פאַרבינדען מיט לעבעדיגע זאַכען, בכדי זיי זאָלען נישט אַנטלויפען פון מיר. שפּאַצירענדיג איבער די צימערען פון מיין הויז אָדער איבער די אַלעען פון מיין גאָר-טען, לעב איך מיט מיינע טויטע, וועלכע רעדען צו מיר, שמייכ-

לען צו מיר, און אַז דו ווילסט אויך גיבען זיי מיר אָנצוהערען, אַז זיי וואַרטען אויף מיר. דאָרט ערגיץ אויף אַ ווייטען בית עלמין, אונטער טיפער ערד, רוהען די ביינער פון מיינע ליבסטע, אָבער דאָ, אַרום מיר, צאַפּלען און לעבען זייערע נשמות.

און פאַרוואָס זאָלען מיר מורא האָבען פאַר מתים? טייערער עריקאָ, אויב דו ועסט אַמאָל פיהלען די דאָזיגע שרעק, פאַרטרייב זי פון דיין מח, ווי אַ בייזע מחשבה. די גאַנצע וועלט איז אַ לעבען, וואָס הויבט אָן, אַ לעבען, וואָס ענדיגט זיך; און ווען מיר געהן אויפ'ן וועג פאַראַוים און מיר רעדען און לאַכען, האָבען מיר שוין אין אונז אַ סך אָפּגעשטאָרבענע זאַכען, וועלכע וואַרטן אויפן קאַל-טען און נאַסען האַרבסט-ווינט אונז צו פאַרלאָזן. דאָ, אין מיין גאָרטען, זעהסטו אויך אין אַ שעהנער צייט אייניגע שטאַרקע בלעטלעך און אַנדערע, וואָס ווערען געבוירען קראַנקע און זיי פאַלען אַראָפּ טויטע נאָך איידער עס ענדיגט זיך דאָס יאָהר; און דער שטויב און דאָס זאַמד, אויף וועלכען מיר טרעטען, איז אַ גאַנצער בית-עלמין, פון וועלכען עס ווערט ווידערגעבוירען דאָס לעבען.

לאָמיר ליב האָבען דאָס לעבען און הנאה האָבען דערפון, מאַ-כענדיג עס שעהן און גוט פאַר אונז און פאַר אַנדערע, אָבער לאָ-מיר קוקען כסדר אויפ'ן טויט אָהן מורא און אָהן עקעל. דער טויט איז דער אָפּרוה פון אונזער מידקייט און ער דאַרף זיין די לעצטע שעה פון אַ גוט-באַנוצטען טאָג, נישט קיין שרעק און קיין פּחד, נישט קיין געשפּענסט פון פאַרצווייפלונג.

לאָמיר אָפּט טראַכטען וועגען אונזערע טויטע און לאָמיר ברענ-גען זייערע נשמות אין אונזערע היימען, אין אונזערע גערטנער, וואו זיי זאָלען קענען צו אונז ווענדען אַ זיס און טייער וואָרט, רע-דען מיט אונז וועגען אַ עבר, וועלכען מיר האָבען צוזאַמען דורכ-געמאַכט, ביז מיר וועלען געהן זיך פאַראייניגען מיט זיי, און לאָ-מיר קומען פון דער וועלט פון די גייסטער צו באַגריסען די אַלע, וועלכע האָבען אונז איבערגעלעבט, פלעכטענדיג אין אַ זיסער קייט דאָס לעבען מיט'ן טויט, דעם היינט מיט'ן נעכטען...

* *

IX

אַ זונטאג אויפ׳ן פּלאַץ

זונטאָג איז דער פּעטער באַטשיטשיאַ איינגעלאַדען געוואָרען פונ׳ם דאָקטאָר אין סאַן טערענזאָ אויף מיטאָג, און נאָכ׳ן עסען האָבען עריקאָ און זיין פּעטער באַטראַכט דורך אַ פענסטער דעם עולם, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעזאַמעלט אויפ׳ן פּלאַץ, אַנטקעגען דאָקטאָרס הויז.

דער קאַפּיטאַן האָט געדויכערט זיין גראָבע ליולקע און אַרויסגעלאָזען אַזעלכע גרויסע רויך-רעדער, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי גאַנצע וואָלקענס. עריקאָ איז געווען אַ גוטער באַאָבאַכטער און ער האָט שוין געהאט פעסטגעשטעלט, אַז יענע וואָלקענס, מיט זייער פארשידענער גרויס, זענען די בעסטע עדות וועגען פעטער׳ס שטימונגען. אויב זיי זענען געווען אַזעלכע קליינינקע, אַז מ׳האָט זיי אַזש נישט אָנגעזעהן, און נאָך ערגער ווען ס׳איז גאָר קיין רויך נישט ארויס פון דער ליולקע, האָט דער באַראָמעטער געוויזען אויף שטורם. אויב מ׳האָט זיי אָנגעזעהן, נאָר זיי זענען געווען קליינינקע, האָט עס געהייסען ר ע ג ע ן אָדער ו ו י נ ט. גרויסינקע וואָלקענדלעך, געמישט מיט קליינע, פ א ר ש י ד ע ן. אָבער אויב דער רויך האָט אַרויסגעזעצט אין ברייטע וואָלקענס, ווי אין יענעם זונטאג, און זיי זענען געקומען איינס אונטערן אַנדערען מיט

אַן איינגעשטעלטען ריטם, איז קיין שום ספק נישט געווען: אַ ג ו ט ו ו ע ט ע ר, גוט אַרום און אַרום.

— טייערער פעטער — האָט עריקאָ געזאָגט מיט אַ שמייכעל — היינט זענט איהר אין אַ זעהר גוטער שטימונג.

— און פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין גוט געשטימט? כ׳האָב גוט געגעסען, איז אַ זעהר אַנגענעהמער געזעלשאַפט; דו ווערסט אַלעמאָל שטאַרקער און געזונטער; כ׳זעה אונטען אויפ׳ן פּלאַץ אַ כוואַליע מיט פרעהליכע מענשען, וועלכע רוהען אָפּ אַ גאַנצען טאָג, גליקליכע, וואָס זיי האָבען געוואוסט ווי אויסצונוצען די אַנדערע זעקס טעג; איך אַליין — אַ צופרידענער און ארומגערינגעלט פון מענשען, וועלכע זענען אויך צופרידען... וואָס נאָך קען איך מיר ווינשען?...

— אָבער, פעטער, גלויבט איהר באמת, אַז די אַלע מענשען, וועלכע שפּאַצירען איצט אויפ׳ן פּלאַץ זענען גליקליך?

— יאָ; היינט, לפחות, זענען זיי גליקליך. מאָרגען, אפשר, וועט זיי נישט אַזוי ליב זיין דער רודער און עס וועט זיי שווער זיין דער האַמער, ווען זיי וועלען דאַרפען אויפסניי אומגעהן מיט די אַרבייטס-מכשירים אויפ׳ן ים און אויף דער יבשה, אָבער נאָכ׳ן אָפּ׳כעסן זיך אַביסעל אָדער גאָר נאָכ׳ן אויסזינגען וועלכען ס׳איז פאָלקס-ניגון, וועלען זיי ווידער באַקומען חשק צו דער אַרבייט.

אָט זעהען מיר אונטען אַ הונדערט מענשען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר אַ גאַנצע געזעלשאַפט — די איינוואוינערשאַפט פון אַ גאַנצען דאָרף; און ווען מיר וואָלטען קענען מאַכען איבער זיי אַן אַנאַליז, צעגלידערען דאָס גאַנצע שטעדטעל, וואָלטען מיר זיך אָנגעטראָפען אויף אַלע פּראָבלעמען, וואָס צאַפּלען אויך אין די גרעסערע מענשען-גרופּירונגען, וועלכע רופען זיך שטעדט, אָדער אין יענע אומגעהויער-גרויסע, וועלכע הייסען פעלקער.

אויך דאָ, ווי איינפאַך ס׳זאָל נישט זיין דער צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיגער קליינער געזעלשאַפט, האָבען מיר י ע ר אַ ר-כ י ע ס; אָבער קיינער שעהמט זיך נישט צו זיין נידעריגער פונ׳ם אַנדערען. דאָ איז די גלייכהייט — די גרעסטע אוטאָפּיע, וואָס

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויפגעשריבען אויף איהר פאָהן — דערגרייכט געוואָרען אויפ׳ן בעסטען אופן : גלייכע פאַר דעם געזעץ, און נאָך מעהר, פאַר׳ן מענשען און פאַר דער מענשליכער ווירדע.

דאָ איז קיינער נישט קיין אָרימאַן, און אויב דו זעהסט עמי-צען אויסשטרעקען די האַנט נאָך אַ נדבה, מעגסטו זיין זיכער, אַז ער איז נישט קיין היגער. קיינער איז דאָ נישט קיין מיליאָנער און אַפילו נישט קיין האַלבער מיליאָנער. איך בין אפשר דער גרעס-טער גביר אין סאַן טערענזאָ, בין איך נאָך אויך נישט פאַרזאָרגט אויף אייביג. כמעט אַלע זענען דאָ שטאַלץ, וואָס אויסער אַ היים און אַ ברויט, זענען זיי אויך אייגענטימער, דאָס הייסט זיי האָבען אַביסעל ערד און אַ ש ט י ק ע ל ש ט ו ב, ווי מען זאָגט דאָ אויף פראָסטען לשון. זייער אייגענטום וועט אפשר זיין אַ שטי-קעל שטיין, אויף וועלכען, מיט׳ן כח פון האמער און פיקע האָבען זיי פאַרפלאַנצט אַ פאַר וויינטרויבען-בוימער; וועט זיין אַן אייל-בירט-בוימעל, וואָס קען געבען אַ האַלבען פאס בוימאייל יעדע צוויי יאָהר; וועט זיין אַ האַלבע דירה אין שכנות און שותפות מיט אַ צווייטען עהנליכען גביר, אָבער די אַלע מינים אייגענטומען מאַכען שטאָלץ זייערע באַלעבאַטים, וועלכע פיהלען זיך אזוי גרוים ווי דער גרויסער שטאָדט-גביר, פאַבריקאַטאָ, וועלכער פאַרמאָגט די מיליאָנען אויף די טוצען און וועלכער געדענקט אַליין נישט וויפיל הייזער און אייגענטומען ער פאַרמאָגט.

זעלבסטווירדע דאַרף זיין דער אלף-בית פון מענשענס כאַראַק-טער, און דאָ האַלטען אַלע דעם קאָפּ אין דער הויך, ווייל זיי האָבען אַ רעכט דערויף. זעהסטו דען נישט ווי זיי באַגריסען זיך איינם ס׳אַנדערע ? זיי ציהען נישט אַראָפּ זייער הוט ביז דער ערד, זיי בויגען נישט איין זייער רוקען און זיי ווערען נישט צעטומעלט איינער פאַר׳ן צווייטען.

און פאַרוואָס זאָלען זיי זיך בוקען און בויגען פאַר וועמען ? היינט פאַרהייליגען זיי אויפ׳ן שעהנסטען אופן דעם גרויסען רוה-טאָג, זונטאָג, און אַלע טראָגען אין זיך די גרעסטע מאָס פון זעלבסט-

ווירדע. אויף אַ פישער־שיף אָדער אין פאַבריק האָבען זיי געהאַט זעקס טעג אַרבייט, און אויף אַפּצורוהען היינט. און רויכערען אַ גע־שמאַקען ציגאַר, און טרינקען אַ פּאַנש, און באַטראַכטען דעם ים, דאַרפען זיי נישט בעטען געבאָרגט ביים קרעמער אָדער ביים בעל־אכסניה, היינט לעבען זיי אַלע אויף אייגענעם חשבון.

גיב אַ קוק אויף די פרויען. אויך זיי שפּאַצירען אום שטאָל־צערע ווי אין אַנדערע שטעדטלעך, ווארום, אויסער שטוב־אַרבייט, פאַרנעמען זיי זיך דאָ מיט בוי־אַרבייט, פיש־פאַנג און ערד־אַרבייט. אין נאָכדעם, ווי אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געגאַנגען אין שמאַטעס און באָרפיס, טוען זיי זיך היינט אָן שפּאָגעל־נייע שיכעלעך, וואָס קאָסטען שעהנע מזומנים, דעם זיידענעם שאַל איפ'ן האַלדז, אַ שעהנע בלום אין געדיכט־באַוואַקסענעם קאָפּ, און זיי שפּאַצירען אום שטאָלצע, געאַרעמט צו דריי, צו פינף און אַפילו צו זעקס.

און די זעלבסטווירדע איז שוין דאָ אַזוי גרויס, אַז קיינער וועט נישט אָפּנוצען ביים צווייטען אַ לאַסקע, אויב ער קען באַלד נישט אָפּענטפערען מיט אַ צווייטער טובה אָדער, לפּחות, מיט אַ מתנה.

ס'איז געשטאָרבען אַ קינד און מ'איז צו מיר געקומען בעטען בלומען פאַר'ן פרישען קבר; מ'איז געקומען בעטען ביי מיר אַ רעקאָמענדאַציע אַריינצוגעבען וועמען אַלס לעהרען־איינגעל; מען האָט פון מיר געוואָלט איך זאָל פועלן גנאַד ביים קעניג פאַר איי־נעם, וועלכער איז באַגאַנגען אַ דיסציפלין־ברוך; טאָ, גוט, ווי נאָר כ'האָב געגעבען די בלומען, גע'פועלט מען זאָל אַריינעמען דאָס לעהרען־איינגעל אָדער אויסגעווירקט גנאָד ביים קעניג, האָט מען מיר גלייך געבראַכט צו טראָגען אַ גרויסען פיש, אָדער אַ קוישעל פייגען, ווי איינער האָט געקענט.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען! — פלעג איך זיך כעס'ן אויף זיי — איהר ווילט מיר באַצאָהלען פאַר דעם קליינעם ביסעלע, וואָס איך האָב געקענט טון פאַר אייך? איהר ווילט ביי מיר צו־נעמען דאָס פאַרגעניגען צו קענען וועמען טון אַ טובה? כ'פלעג מיך אַזוי לאַנג כעס'ן און כ'פלעג אַזוי לאַנג געוואַלדעווען, ביז כ'האָב שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק און אָנגעהויבען אָננעמען די מתנות

אָהן שום כעס. אין תוך פון יענער פוסטער העפליכקייט האָב איך דערזעהן אַ געפיהל פון שטאָלץ, וועלכעס מען קען נישט אוועקמאַכען מיט דער האַנט. ס׳איז זעהר שעהן צו קענען עפּעס טון פאַר יענעם, אָבער ס׳איז אויך אנגענעהם צו אומקעהרען אַ טובה צו יענעם, ווען מיר פיהלען אַלס רייכערען און גרעסערען פון אונז.

כ׳האָב ליב די זעלבסטווירדע, עריקאָ, ווען אַפילו זי זאָל זיך גרעניצען מיט גאווה. אַ שטאָלצער מענש איז נישט פעהיג צו באַגעהן אומגעלומפּערטקייטען, און גאַנץ אָפט קען ער בויגען די קעפּ פון יענע גרויסע הערען, וואָס האָבען נישט קיין גענוגענדיגע ווירדע.

די דאָזיגע שטאָלצקייט זעהען מיר ספּאָנטאַן און לייכט ביי די, וואָס האָבען דורכגעשניטען ימים, ביי די, וואָס האָבען זיך דערשלאָגען צו עפּעס מיט די אייגענע כוחות, מיט די אייגענע מוסקולען, מיט זייער אייגענעם שכל. און דערפאַר קוק איך צו מיט גרוים וועהטאָג, ווען כ׳זעה ווי מיינע לאַנדסלייט פאַרלאָזען דעם ים און דאָס פעלד און ווידמענען זיך דער אַרבייט אין דער פאַבריק און אינ׳ם קריגס-לאַגער. אונטער דער לאַסט פון זייער שטעלע וועלען זיי פאַרלירען אַ גרויסען טייל פון זייער אומאָפּהענגיגקייט און אפשר אויך פון זייער ווירדע. אָבער איך בין אַן אָפּטימיסט, און איך גלויב אינ׳ם אומענדליכען פאַרשריט פון דער מענשהייט. נאָך די גרויסע אינדוסטריעס, וואָס ווערען מאַנעווורירט דורך איינעם אָדער עטליכע קאַפּיטאַליסטען, וועט קומען די היים-אַרבייט, און דער אַרבייטער וועט צוריק באַקומען זיין אַמאָליגע אומאָפּהענגיגקייט און די גליקליכע פרייהייט צו אַרבייטען אויף זיין אופן און אויף זיין צייט.

דאָס זעלביגע געשעהט און וועט געשעהן מיט דער פּאָליטיק. אַמאָל פלעגען אַ סך מלוכות פאַרשווינדען, בכדי געשמאָלצען צו ווערען אין איין גרויסער און איינציגער מלוכה; שפּעטער וועלען די מענשען באַקומען זייער אויטאָנאָמיע און זיי וועלען לעבען צופרידענע און גליקליכע אין אַ הייליגער און גרויסער פעדעראַציע.

און האבען הנאה פון דער הארמאניע און פון דער אומאפהענגיגקייט. דאס וועלען דערלעבען דיינע קינדם-קינדער, א, טייערער עריקא!

* * *

איך באטראכט מיט אויפמערקזאמקייט די מענשען-כוואליע, וואס שפאצירט אונטער אונזער פענסטער און איך בין שטאלץ, וואס איך בין זייערער א לאנדסמאן. ס'איז נישטא צווישען זיי קיין איין שיכור, און אין קאפע שפילען זיי נישט אין קארטען אויף ביר אדער וויין. אין גאנצען שטעדטעל איז נישט פאראן קיין איין ביליארד, און מיט דער אויסנאהם פון זונטאג, וואלטען אלע ענליכע קרעמלעך געקענט פארמאכען זייערע טירען. די לייט ארבייטען א גאנצען טאג, און ווען זיי קומען אהיים פון דער פאבריק, פון די שיפס-ווערקשטאטען אדער פונ'ם פיש-פאנג, עסען זיי אפ וועטשערע מיט גרויס אפעטיט, צוזאמען מיט זייער פאמיליע, און נאכהער געהען זיי שלאפען, נאכ'ן אויסרויכערען א סיגארעט אויפ'ן שפאציר-פלאץ, קוקענדיג אויפ'ן ים — דער שעהנסטער ספעקטאקעל, וואס די נאטור טראגט אונטער פאר ארים און רייך, פאר געלערענטע און איגנאראנטען, און וועלכעס האט כסדר עפעס צו זאגען אלע מענשען פון דער ערד.

די איינוואוינער פון דורכגוס זענען זעהר פארגעשריטען אויפן געביט פון פאליטיק און פון סאציאלער פילאזאפיע; זיי פיהלען א גרויסען דראנג צו פרייהייט און אומאפהענגיגקייט, און מעגליך מיט'ן צעקייען געוויסע צייטונגלעך, וועלכע נעמען זיך פאר אונטערצוהעצען די אומצופרידענע, כאטש לערנען זיי קיינעם אן אות נישט, און זיי דעקען אויף סאציאלע אומגערעכטיגקייטען, כאטש די מיטלען זיי אויסצוראטען געבען זיי נישט אן, פארשאפען זיי זיכער א געוויסע אומרוהיגקייט דעם פאליציי-שעף און דעם מיליטער-שעף: די דאזיגע באהערדען, וועלכע אין זייער עקשנות צו זיין שטארק עמפינדליכע, דערגרייכען זיי צו זעהן אפילו דאס, וואס עקזיסטירט גארנישט, האבען זיך מיט מיר א

פּאַר מאָל גע׳עצה׳ט וועגען אמת פון געוויסע פּאַרשוועררונגען גע-
גען דער רעגירונג, וועגען געהיימע סעקטעס און פּאַרזאַמלונגען.
איך האָב זיי דערויף תמיד געענטפערט מיט אַ שמייכעל: „איך
גאַראַנטיר פּאַר דער עפענטליכער אָרדנונג; שרעקט אייך נישט
פאַר קיין שום רעוואָלוציע מצד די דאָזיגע לייט. זיי עסען גוט, אַלע
אַרבייטען און פּאַרמאָגען אַ שטיקעל פעלד און אַ שטיקעל שטוב,
די דריי בעסטע זאַכען, וועלכע דערלאָזען נישט צו טראַכטען אין
רעוואָלוציעס. די געצעהלטע מאָל, וואָס זיי געהן אין קאַפע, רעדען
זיי וועגען פּאָליטיק און רעליגיע, ווי די גרעסטע דעפּוטאַטען און
טעאָלאָגען, אָבער שפּעטער, ווען זיי זענען שוין אין דער היים,
אָדער אין דער פאַבריק, פּאַרגעסען זיי אין אַלץ מיט אַן אַנדער.
דאָס זענען די פּראַקטישע לייט, און זיי האָבען אַ קלאָהרען באַגריף
וועגען לעבען, ווי איינער וואָס איז דערצו געקומען אויף אַ פּראַק-
טישען אופן און נישט דורך סתם האָבען עס אויסגעלייענט אין
אַ ביכעל אָדער אין אַ צייטונג“.

פּאַרגעס עס קיינמאָל נישט, עריקאָ, ווארום דאָס, וואָס איך
געה דיר איצט זאָגען, איז געשטיצט אויף דער דערפאַהרונג פון
מיין לאַנגען לעבען.

יעדע זאַך קען אַ מענש דערלערנען דורך דריי אופנים: דורך
טעאָריע, לייענענדיג עס אין די ביכער; דורך דער פּראַקטיק פון
אַנדערע, אָדער דורך דער אייגענער דערפאַהרונג. אויב דאָס, וואָס
מ׳האָט דערלערענט איז אַ גוטע זאַך, וואָלט עס, נאָכ׳ן דערלערנען
עס, באַדאַרפט כסדר האָבען די זעלביגע ווערט, און, פונדעסטווע-
גען, האָט עס אָפט אַ גאַנץ אַנדערע ווערט, לויט ווי ס׳איז אַריין
אין מח. אויב מ׳האָט עס דערלערענט דורך טעאָריע, איז עס ווערט
פינף סענטים; דורך יענעמס פּראַקטיק — אַ לירע; אויב אָבער,
דורך אונזער אייגענער דערפאַהרונג — אַ גאָלד-מטבע. דערפאַר
קען קיין שום מענש אין דער וועלט זיך צופרידענשטעלען נישט
מיט׳ן לייענען, נישט מיט יענעמס דערפאַהרונג, נייערט ער זוכט
זיין וויסען צו פּאַרפעסטיגען דורך זיין אייגענער פּראַקטיק. אויפן
ערשטען בליק זעהט עס אויס צו זיין אַ פּראָדוקט פונ׳ם מענשענס

שטאַלץ, און עפּעס דערפון איז, באמת, פאַראַן אין דעם, אָבער, גלויב מיר, אַז ס'איז פאַראַן אַ העכערער און עהרענהאַפטערער מאָטיוו, ווארום אונזערע אייגענע דערפאַהרונג איז אַזוי ווי דאָס העכסטע געריכט, וועלכער משפט און פאַר'משפט אָהן אַפּעלאַציעס און אָהן חרטה.

דער מענש וואָס אַרבייט, וואָס טראַכט מיט זיין אייגענעם שכל, וואָס שאַפט זיך מיט אייגענעם כח אַ קליין הויפעלע פון פּאָזיטיווען און זיכערען וויסען, דערגרייכט אויך כמעט שטענדיג דעם טייערסטען פון אַלע אוצרות, דעם ג ו ט ע ן ג ע פ י ה ל, וואָס איז אַזוי גוט ווי זאָגען: הארמאָניע פון כאַראַקטער און שכל — די העכסטע און נוצליכסטע פון די מענשליכע טוגענדען.

נו, גוט. די דאָזיגע דאַרפסלייט האָבען אַלע כמעט זעהר אַ גוטען געפיהל. איך באַטראַכט דאָס טאָג-איין, טאָג-אויס און כ'האָב מיך אין דעם געקענט איבערצייגען מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען אייניגע יונגעלייט און עטליכע אויסלענדער, האָבען זיך פאַרגענומען צו שאַפען אַן אַנטיקלעריקאַלע געזעלשאַפט. אָרגאַניזירט די געזעלשאַפט, האָבען זיי זיך געמאַכט אַ רויטע פאָהן, ויעלכע האָט ביים שפּיץ פונ'ם מאַסט געהאַט אַזאַ רוח'ל, אויך אַ רויטס. ווען ס'איז געווען אַ לויה אָדער אַ נאַציאָנאַלער יום-טוב, זענען די אַנטיקלעריקאַלען ארוים מיט זייער פאָהן און מיט זייער רויטען רוח'ל. סאָלדאַטען, פּרעפעקטען און גלחים האָבען זיך דערשראָקען. מען האָט געטראַכט פון צונעמען ביי זיי די פאָהן, און אויפלייזען די געזעלשאַפט. האָב איך פאַרגעשלאָגען מען זאָל גאַרנישט טון. דאָס אויפלייזען די געזעלשאַפט מיט געוואַלט וואָלט דער געזעלשאַפט און איהר רוח'ל געגעבען אַ ווערט און אַ באַדייטונג, וואָס זיי האָבען עס, אין דער אמת'ען, נישט געהאַט. ס'איז געווען פון זיך גופא אַ לעכערליכע זאַך און די לעכערליכקייט וואָלט, סוף כל סוף, עס אַליין דער'הרגעט. און באמת, ס'האָבען אַלע אַזוי געלאַכט פון יענעם רוח'ל מיט'ן לאַנגען עק און מיט די הערנער, און מיט די צונויפגשטשירעטע צייהן, אַז ס'האָבען אויך, לסוף, גענומען לאַכען דער פאָהן-טרעגער און אַלע מיטגלידער פון יענער געזעל-

שאַפֿט. און היינט ווייסט מען נישט וואו ס'איז אַהינגעקומען דאָס רויטע רוח'ל און די מיטגלידער פון יענער געמיינשאַפֿט. דער גוטער געפיהל האָט געזיגט און וועט אייביג זיגען, וואו נאָר אַר-בייט און פאַמיליען-לעבען וועלען זיין דער יסוד, אויף וועלכען עס זאָל זיך שטיצען דער בנין פון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט.

* *

*

מיין נישט, עריקאָ, אַז איך לויב די היגע באַפעלקערונג, ווייל זיי זענען פון מיין שטעדטעל, ווייל מיר זענען אויסגעוואַקסען צו-זאַמען, ווייל אַ טייל פון מיין געשיכטע זאָל זיין געמיינזאַם מיט זייערער. ווען זיי ווילען ווערען מיוחסים און נעמען פלאַפלען פון סתם פרייהייט, כאַפּען זיי ביי מיר דעם ריכטיגען פסק. נישט אַלעמאָל געבען זיי מיר באַלד צו גערעכט, אָבער, סוף כל סוף, הערען זיי זיך צו צו מיינע רייד און זיי פאָלגען מיך.

אָט למשל, ווי דו ווייסט, זענען דאָ פאַראַן צוויי שיפס-געזעל-שאַפֿטען. יעדע פון זיי האָט זיך אייגענע שיפעלעך, מיט וועלכע זי פיהרט אַריבער די אַרבייטער צו די שיפס-ווערקשטאַטען אַלע טעג פון יאָהר, אויסער יום-טוב-טעג. אַמאָל איז געווען גענוג איין-איינציג שיפעלע, סיי פאַר די אַרבייטער, ווי פאַר סתם פּאַסאַזשי-רען. היינט זענען פאַראַן צוויי געזעלשאַפֿטען, מיט צוויי שיפען ביי יעדער איינער, און אַלע קלעקען קוים פאַר די הצטרכות'ן פון דורכגוס — אַזוי שטאַרק איז געשטיגען די אינדוסטריעלע און מיליטערישע באַוועגונג פון אונזער געגענט.

די אַרבייטער האָבען פאַרקלעהרט, אַז בכדי עס זאָל זיי קאָס-טען ביליגער, וועלען זיי צונויפלעגען אַ קליינעם קאַפּיטאַל און אויפבויען אַן אייגען שיפעלע. זיי האָבען אַזוי געטון און דער ענין איז אַוועק אַזוי גוט, אַז זיי האָבען גאָר אינגיכען באַקומען אַ שיף. דערווייל האָבען די אַלטע אייגענטימער פון ערשטען שיפעל עס איבערגעגעבען צו אַ צווייטער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט געוואָלט איבערשטייגען דעם אַרבייטער-פאַרבאַנד און איינגעהאַנדעלט זיך אַ צווייטע שיף. דערפון האָט זיך געשאַפֿען אַ קאָנקורענץ צווישען

ביידע צדדים לטובת די פּאַסאַזשירען, וועלכע קענען מיט סך-הכל אַ האַלבער לירע פאָהרען און קומען פון איין טייל צום צווייטען פון דורכגום.

ביז אַהער איז נישטאָ קיין שום שלעכטס. איבעראַל און תמיד איז ביי מסחר און אינדוסטריע פאַראַן קאַמף און קאָנקורענץ, און ווער עס קען בעסער די דאָזיגע ענינים, דער זיגט, און דעם ברייטען עולם קומט דערפון אַרוים אַ טובה. אָבער די אַרבייטער פונ׳ם פאַרבאַנד האָבען געוואָלט, אַז היות זיי זענען אַרבייטער, זאָל די רעגירונג שטיצען בלויז זיי און שעדיגען דער צווייטער געזעל-שאַפט, וועלכע מאַכט זיי קאָנקורענץ. ביי אַזעלכע פּרעטענזיעס איז פון גוטען געפיהל געוואָרען אַ תל און ס׳איז פאַרטונקעלט גע-וואָרען דער געדאַנק פון אמת׳ער און געזונטער דעמאָקראַטיע. אויב די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פאַרגאָסען אַזוי פיל בלוט, בכדי אָפּצושאַפען די מיוחס׳דיגקייט פון די אַדעליגע, וואָלט דאָך געווען לעכערליך צו געבען די מיוחס׳דיגקייט די אַרבייטער. וואָס וואָל-טען מיר געווינען מיט אַריבערטראָגען די אומגערעכטיגקייט פונ׳ם קאָפּ פונ׳ם בוים צו די וואָרצלען?

ווען די אַרבייטער און שותפים פון פאַרבאַנד זענען געקומען צו מיר, איך זאָל זיי העלפען אויסווירקען ביי דער רעגירונג זייע-רע פאָדערונגען, וועלכע זענען געווען נישט אַנדערש ווי פּריווי-לעגיעס, האָב איך זיי באַוויזען, אַז זיי מאַכען אַ טעות און זיי דערקלעהרט, אַז איך וועל, פאַר קיין פאַל, זיי נישט שטיצען.

— „מיר זענען דאָך אַרבייטער... יענע פון דער געזעלשאַפט זענען עס נישט“ — האָבען זיי גע׳טענהעט.

— יאָ, איהר זענט אַרבייטער — האָב איך זיי געענטפערט — און איהר האָט אויפגעטון אַ גרויסע זאַך צו פאַראייניגען אייערע כחות זיך נישט צו לאָזען עקספּלאָטירען פונ׳ם מאָנאָפּאָל פון קאַ-פּיטאַל; אָבער אויך יענע זענען מענשען, וואָס אַרבייטען, וואָס דינען דעם פאָלק און די אַרבייטער פון די ווערקשטאַטען; און אויב די רעגירונג זאָל דאַרפען סובסידירען דעם דאָזיגען פאַרקעהר, דאַרף ער עס טון אויף אַן אומפּאַרטייאישען אופן, אָהן שום פּניות פאַר

איינעם אָדער צווייטען צד. אַ שעהנע דעמאָקראַטיע וואָלט עס געוועז! אַלץ פאַר אונז, ווייל מיר זענען אַרבייטער, און גאָרנישט פאַר יענעם...

די רעגירונג האָט מיר אָפּגעגעבען געדעכט, און עס זענען פּאַרטיילט געוואָרען אויף גלייכע חלקים די סובסידיעס פאַר ביידע געזעלשאַפטען, וועלכע וועלען אָהן ספק גאָר אינגיכען פאַרגעסען אין זייער רוגז, און זיי וועלען זיך איבערצייגען, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן פּלאַץ פאַר אַלעמען און אַז די געשעפטען דאַרפען גע-פיהרט ווערען רוהיג און שטיל, ווארום דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן ליידענשאַפטען, איז דער שאָדען אַן אַלגעמיינער.

* *

*

טייערער עריקאָ: כ׳רעד צו דיר וועגען צו ערנסטע זאכען און עס קען זיין, אַז איך לאַנגווייליג דיך דערמיט; אָבער אויב דו זאָלסט דיר מאַכען פאַר אַ טבע צו באַאָבאַכטען אַלץ, וואָס עס געשעהט אַרום דיר, בכדי דערפון אַרויסצובאַקומען ליכט און ווי-סען פאַר דיין אייגענעם לעבען, וואָלט איך שוין נישט חרטה גע-האַט וואָס כ׳האָב דיך, ווען ס׳איז, גענודעט. אין די שולען לערענט מען געשיכטע אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז מען וואָלט געקענט געבען לעקציעס וועגען דערפאַהרונג צעהן גאַנצע דורות, אָבער מ׳לערענט די געשיכטע אַזוי שלעכט, אַז עס בלייבט דערפון נישט מעהר ווי אַ פּוסטקייט...

איך פאַרהאַס נישט די גרויסע געשיכטע, וועלכע ווייזט אונז ווי אַזוי און ווען מלכים און אימפּעראַטאָרס האָבען זיך גע׳הרגעט און געלאָזט גע׳הרגעט ווערען אַ סך מענשען פאַר אַ פּינטעלע עהרע אָדער ביים וועלען באַרויבען אַ שעהן שטיקעל ערד. דאָס אַלץ, וואָס איז נישט אַנדערש ווי מענשליך, דאַרף אונז אינטערעסירען, אָבער איבער׳ן לערנען די גרויסע געשיכטע, דאַרפען מיר נישט פאַרזעהן די קליינע, וועלכע שאַפט זיך אַרום אונז, פאַר אונזערע אויגען, און וועלכע קען און דאַרף אונז אינטערע-סירען מעהר ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע; ווארום אויך מיר זענען

קליינע פּערסאָנאַזשען פון דער דאָזיגער קליינינקער, אַלטעגליכער געשיכטע, און מיר דאַרפען ליידען פון איהרע אומאַנגענעמליכקייטען און הנאה האָבען פון איהרע מעלות. די מענשען זענען תמיד די זעלבע, און זיי זענען שטאַרק עהנליך אין זייער האַס, אין זייער ליידענשאַפט, אין זייער ליבע, מעגען זיי הייסען קאַרל דער גרויסער אָדער יאָהאַן בּושע, נאַפּאָלעאָן אָדער סעמפּראָניאָ.

אַ שרייבער פון גרויסער אינטואיציע האָט אָנגעשריבען אַ רייזע ארום מיין צימער, און ער האָט אין דעם קליינעם שטח געפונען אזוי פיל וואָס צו זעהן, אַז ער האָט אונז אונטערגעטראָגען אַ דיקען באַנד און אונז געוויזען אַ סך שעהנע זאַכען. נו, גוט. אַ צווייטער שרייבער מיט'ן זעלביגען טאַלאַנט וואָלט געקענט אָנשרייבען די געשיכטע פון אַ דאָרף און ער וואָלט אונז געגעבען אַזוי פיל לעקציעס פון מאָראַל, פּאָליטיק, רעליגיע, אַז מיר וואָלטען געקענט שאַפען אַן ענציקלאָפּעדיע, אַ פיל נוצליכער און פּראַקטישער בוך פון אַ סך טראַקטאַטען וועגען טעאָריעס, אין אַלגעמיין גענומען שלעכט פאַרשטאַנענע אין שלעכט אָנגעווענדעטע.

* *

X

נאָך אַלץ אויפ׳ן פּלאַץ — די „אויפגעקומענע“

א צווייטען זונטאָג זענען פּעטער און פלימעניק ווידער געווען אויפן פלאַץ; אָבער אין יענעם טאָג איז דער עולם, וואָס האָט דאָרט שפּאַצירט, געווען פיל פאַרשידענער און אויסטערלישער.

די דריי הונדערט פּערזאָן, וואָס האָבען זיך דאָרט געהאט אויפגעקליבען, האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט א גאַנצע שטאָדט און אלע פּראָפעסיעס; פונ׳ם קינד אין דער מוטערס אָרעם ביז׳ן גרייז-גרויען איינגעהויקערטען זקן: פונ׳ם דאָקטאָר ביז׳ן פישער, פונ׳ם סאָלדאַט ביז׳ן מאַטראָס, פונ׳ם פויער ביז׳ן פּאָליציסט, פונ׳ם קליינבירגער ביז׳ן מאַרקיז. א פאַרשידענקייט אין פּראָפעסיעס, און אין קליידער, כאָטש נאָך אַלץ נישט אזוי פאַרשידען, ווי באַטשיטשיא האָט זיי געוואָלט האָבען.

— גיב אַ קוק — האָט דער פּעטער באַטשיטשיאַ פלוצים זיך אָפּגערופען צו עריקאָ׳ן — די אַלע מענער און פרויען, וועלכע דו זעהסט דאָ, זענען אַ סך פאַרשידענאַרטיגער, אינערליך ווי אויסערליך, און דאָס פאַרדריסט מיך. איך האָב ליב אַ פּערפעקטע גלייכהייט אין דאָס אינערליכע, ווי אין דאָס אויסערליכע, און ווען די דאָזיגע צוויי פאַרשידענע אויסדריקען שטימען נישט, איז דער מענש אַ געהענדיגער ליגען, אַן אייביגער ליגען. אָפּגערעדט פון דער טיפּשות פון אַלטע לייט, וואָס ווילען אויסזעהן דוקאַ יונג,

באַציה איך מיך איצט בלויז צו די קליידער, וועלכע וואָלטען באַדאַרפט זיין אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דער פּראָפעסיע, פון דעם פאַרמעגען, ווי פונ'ם געשמאַק פון די, וואָס טראָגען זיי. דאַגעגען אָבער, זעהן מיר לעצטענס, אַז אַלע ווילען נאָכטון גרעסערע פון זיך. מיט'ן אויסנאַהם פון סאָלדאַטען, מאַטראָסען, פּאָליציסטען און פייערלעשער, וועלכע זענען געצוואונגען צו טראָגען מונדירען, ווילען אַלע אויסזעהן מעהר ווי זיי זענען עס אין דער אמת'ען.

כאַפּ אַ קוק אויף יענער גרופּע מיידלעך. דאָרט שטעהען די טעכטער פונם פישער און פון דער וועשנע און דאָך טראָגען זיי לאַקירטע שיכעלעך מיט זיידענע בענדלעך, ווי די פּרוי פונ'ם מאַרקיז און פונ'ם דאָקטאָר. עפּעס אַ מין שרעקליכע פאַרשידענקייט צווישען דאָס אינערליכע און דאָס אויסערליכע.

ווי שעהנער זענען אַמאָל געווען די מוטערס פון די דאָזיגע מיידלעך. נישט קיין לאַקירטע שיך, נישט קיין פליוש און נישט קיין זייד, נייערט אַ פילפאַרביג ציצען-קלייד, אַ שעהנעם פאַרטוך, אַ קלאַוועל אין קאָפּ און אַ קליינעם שאַל אויף די אַקסלען. איינפאַך, פּראָסט, אָבער האַרמאָניש און שעהן — דאָס אינערליכע גלייך מיט דאָס אויסערליכע.

דער ליגען שטעלט זיך נאָך נישט אָפּ ביי דעם מגושם'דיגען קאָנטראַסט פון דאָס אינערליכע און דאָס אויסערליכע, נייערט עס געהט נאָך ווייטער. אַ סך קבצנים, וואָס שפּאַצירען זיך דאָ אַזוי געדולדיג, טראָגען געשאַנקענע בגדים פונ'ם מאַרקיז אָדער פונ'ם דאָקטאָר, און אַ סך טעכטער פון פישער און פון מאַטראָסען — די קליידער, וואָס אַלטע באַדניצעס האָבען איבערגעלאָזט אויף הפקר נאָכ'ן באַד-סעזאָן. קליידער און היטעלעך, וואָס זענען אויפּסניי איבערגעפאַרבט געוואָרען, זענען דער אָנשטעל פון פאַרמעגענס, וועלכע זענען אויף דער וועלט נישט פאַראַן.

געבענשט זאָל זיין אַ ניי שטיקעל שמאַטע, וואָס כ'האָב מיר אַליין געקויפט און געמאַכט אויף מיין אייגענער מאָס! געבענשט זאָל זיין דער ציץ מיט זיין געזונטען ריח און אַ קללה אויפ'ן אויסגעריבענעם סאַמעט און אויפ'ן אָפּגעקראָכענעם זייד, וועלכע ווע-

רען אָפּגעפאַרבט מיט אַביסעל שוואַרצער טינט צו פאַרהוילען ווער ווייסט וויפיל לאַטעס און וויפיל בושות. אָבער היינט ווילען אַלע אויסזעהן גלייך — אַלץ הייסט גלייכהייט, — כאָטש עס ווערט גע-מאַכט אַ תל פון נאַטור-שעהנקייט, פון אייגענעם געזונט און פון אייגענעם צויבער.

די, וואָס שעהמען זיך, טייערער עריקאַ, מיט די קליידער, וואָס וואָלטען זיי געפּאַסט צו טראָגען, שעהמען זיך אויך מיט זייער מלאכה, וועלכע ווערט ביי זיי די גרעסטע בושה. דאָס איז אַ נייע קראַנקהייט, וועלכע, צום גליק, באַווייזט זי זיך בלויז אין איינ-צעלנע פאַלען.

געדענק מינע רייד, עריקאַ, ווען דו וועסט דיר אויסקלייבען אַ קאַריערע, באַפעסטיג דיך אין איר, שלאָג איין וואָרצלען אין איהר, און שעהם דיך, פאַר קיין פאַל נישט מיט׳ן פאַסטען, וואָס דו וועסט פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט.

עס ווערט אַ קללה דאָס שעהמען זיך מיט׳ן אייגענעם שטאַנד, און אנשטאָט צו קוקען אויף וועמען, וואָס איז נידעריגער פון אונז, הויבט מען אָן קוקען בלויז אויף אַרויף. דער שוסטער, אנשטאט ער זאָל זיך פלייסען צו זיין דער ערשטער אין זיין פאַך, אין זיין שטעדטעל אָדער שטאָדט, וויל ער איינרעדען יענעם און אַפילו זיך אַליין אויך, לפחות אין די זונטאג-טעג, אַז ער הויבט גאַרנישט אָן צו אַרבייטען ביי לעדער; און קומט ער נאָך איבער אַ שטיקעל פאַרמעגען, וועט ער שוין באין אופן נישט לערנען זיין זוהנדעל זיין מלאכה, נייערט ער וויל פון איהם מאַכען אַן אַדוואָקאַט, אַ דאָק-טאָר, אָדער לפחות, אַ באַאַמטען אין שטאָדט-ראַט.

געבענשט זאָל זיין די עהרליכע אמביציע, וואָס פיהרט אונז צו קוקען אויף העכערם פון אונז, אָבער הונדערט מאָל פאַרשאָל-טען זאָלען זיין דאָס פאַלשע אָפּגעבען כבוד די גרויסע און דאָס לייקענען די אייגענע מלאכה. שטאָלץ דאַרף ביי זיך זיין דער עהר-ליכער שוסטער, שטאָלץ דער פויער און דער סאָלדאַט, ווי יעדער מענש, וואָס פאַרדינט זיך עהרליך זיין ברויט. פאַר מיר איז ניטאָ קיין לעכערליכערע זאַך, ווי דער געמאַכטער גביר, ווי דער אויפ-

געקומענער, וועלכער ציהרט זיך אין יענעמס פעדערען, כאָטש זיי פּאַסען איהם נישט.

כ׳וואָלט ליבער וועלען זיין אָרעם אָדער קראַנק, אנשטאַט צו זיין דער „אויפגעקומענער“. אויב מ׳איז אַ קבצן, קען מען רייך ווערען; אויב מ׳איז קראַנק, קען מען געזונט ווערען, אָבער באַהיט מיך גאָט פון זיין אַן „אויפגעקומענער“, וועלכעס איז אַזוי גוט ווי זאָגען אַ פויגעל אונטער׳ן וואַסער און אַ פיש אין דער לופטען, אַ פלאַנצונג מיט די וואָרצלען אין דרויסען; עפּעס מגושם׳דיגעס, גראָב און אומגעלומפּערט, וואָס רייצט אויף די נערוועז. כ׳וואָלט וועלען זיין אַ גאַסען-קעהרער, געבוירען ווערען אַ שווארצער אָדער אַן אויסטראַליאַנער, אַבי נישט קיין אויפגעקומענער.

— וואָס פאַר אַ מין מאָנסטער איז דאָס, טייערער פעטער, דער אויפגעקומענער, וואָס רופט ביי דיר אַרויס אַזוי פיל גרויל און עקעל?

— איך וועל דיר אָנווייזען אויף אַ צוויי, דריי, וואָס שפּאַצי-רען אַרום אונז, מענשען, וועלכע איך קען, ווי איך קען מיינע צעהן פינגער.

זעהסט יענעם יונגענמאַן, וועלכער שפּאַצירט דאָרט? ער געהט כסדר אין מיט פון פּאַרק, ווארום קיינמאָל איז איהם נישט גענוג דאָס פּלאַץ זיך אַ ריהר צו טון. ער מוז האָבען גרויס רחבות צו קענען זשעסטיקולירען מיט זיינע הענט און רופען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט צו זיך. אויסגעפּוצט געהט ער מעשה נגיד, מיט אַ הויכען שווארצען הוט, קאַזימיר-הויזען פון לעצטער מאָדע און אַ וועסט מיט שרייענדיגע פאַרבען. אויפ׳ן ערשטען בליק זעהט ער אויס צו זיין עפּעס, אָבער אַז דו קוקסט דיך גוט צו, דערזעהסטו אַז דאָס פליסט ער זיך נאָר אויסצוזעהן עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס. דער שניפּס איז צו רויט און איז קיין זיווג נישט מיט׳ן גרינעם וועסט; די גראָבע, קלינגענדיגע קייט פון זיין זייגער איז נאָר אַ געגילדעטע אָבער אַפילו נישט געלעגען לעבען גאָלד; ס׳וואָלט שוין בעסער געווען, ווען ער זאָל טראָגען אַ בעסער העמד, נישט אַזאַ

צקנייטשטס, אנשטאט די צווײ, דרײ רינגלעך, וואָס ער טראָגט אויף די פינגער.

קוק איהם נאָר אָן, ווי ער שטעהט עס מיט דרײ, פיר אָרים־געקליידעטע יונגעליט, פון צווישען וועלכע ער שניידט זיך ארויס ווי אַ פּריץ און ער רעדט האַסטיג, און ער מאַכט מיט די הענט, און יעדע רגע כאַפּט ער אַרונטער זיין הוט, גיט מיט איהם אַ מאַך אין דער לופטען, טוט זיך איהם אויפסנײ אָן, אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אופן. אין גרונד גענומען איז ער אַ פּוסטע פּאַס, וואָס וויל אָפּקלינגען, בכדי דער צווייטער זאָל מיינען מי יודע וואָס...

דער עיקר אָבער איז, וואָס דער דאָזיגער פּאַרשוין איז נישט נאָר אַ בעל גאוה, נייערט ער האָט דעם הויפּט־חסרון פון אויפ־געקומענעם — ער שעהמט זיך מיט זיינע אייגענע. זיין פּאָטער איז אַ וויין־סוחר, זיינע פּעטערס נאַקעטע פישער און די מוהמעס — באָרפיסע וועשנעס. שעהמט זיך דאָס אויסגעפּוצטע פּריץ'ל מיט זײ, ער וויל נישט ליידען מען זאָל איהם רופען זוהן, פּלימע־ניק, שוועסטערקינד. אַלץ וואָס דער פּאָטער האָט אין איהם ארײנ־געבראַקט דורך גוט־באַצאָהלטע לעהרער, איז ווי אַרויסגעוואָרפען. אַ פּוסטע פּאַס, אַ לעדיגע נוס. גליקליכער וואָלט זיכער אַזאַ יונ־גערמאַן געווען, ווען ער איז אַ בעל־מלאכה אָדער גאָר אַן איינ־פאַכער ערד־אַרבייטער.

* *
*

אָבער נישט אַלע „אויפגעקומענע" זענען מענער. עס זענען אויך פאַראַן פרויען פון דעם סאָרט פּאַרזעהעניש.

זעהסט יענע פרוי, וואָס שטעהט אויף דער טיר מעשה פּריצ'־טע? זי טראָגט אַ שוואַרץ זיידען קלייד, מיט אַ גרויסען הוט, וואָס איז באַבלימט מיט בלומען און באַשיינט מיט מיני פויגעלעך. ס'איז גענוג נאָר אַ קוק צו טון אויף איהר, אַז מען זאָל זיך איבער־צייגען, אַז זי איז אַן אויפגעקומענע. אַלץ איז אין איהר נישט מעהר, ווי אָנשטעל, קינסטליך, געמאַכט און איינגעלערענט. וואָס זי טראָגט ווײנט אַראָפּ פון איהר. גאָרנישט איז אין דער מאָדע,

כאָטש ס׳האָט אַזוי פיל געלט געקאָסט. רינגלעך טראָגט זי אויף אַלע פינגער, אַ קייט, אַ זייגער און גאָלדענע בראַסלעטען. זי זעהט אויס אַ גאַנץ יובעליר־געשעפט; זי קען נישט אַ ריהר טון מיט דער האַנט, אַז זי זאָל נישט בכיוון אָנמאַכען אַ טומעל מיט די שטיקלעך מעש, וואָס זי טראָגט. געהסטו צו נאָהענט צו איהר, דערטראָגט זיך ממש אַ עיפּוש פון די אַזוי געריפענע שמעקעדיגע וואַסערען און זאַלבען, מיט וועלכע זי לאָזט זיך באַדינען מיט דער ברייטער האַנט פון סאַן טערענזער באַרבירער. זי קוקט אויף אַלץ און אויף אַלעמען, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויפ׳ן סאַמע שפּיץ פון אַ קלויסטער־גלאָק, און אַז זי רעדט, עפענט זי קוים דאָס מויל, צענעמט עטוואָס די גאָטס־געבענשטע און מיאוס־פאַרפאַרבטע ליפּען, ווי קיינער וואָלט נישט באַדאַרפט האָבען די זכיה צו הערען אַ וואָרט פון איהר הייליגען מויל.

פונדעסטוועגען ווייסען אַלע, אַז זי איז געווען אַ דינסט־מויד. מען ווייסט נישט ווי אַזוי און דורך וואָס פיהרט זי איצט אַ ברייטער לעבען — פוי!... אַן אויפגעקומענע!...

אַ, טייערער עריקאַ! וויפיל „אויפגעקומענע" עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט! וויפיל אומגליקליכע ברואים, נעבעך, וועלכע וואָלטען פון טאָג אויף נאַכט באמת גליקליך געוואָרען, ווען זיי לאָזען זיך אַוועקשטעלען אויפ׳ן פּלאַץ, וואָס קומט זיי, אָדער נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען זיי זאָלען זיך אַליין אַוועקשטעלען.

זיי האָבען אַ שלעכטע פאָרשטעלונג וועגען וואָס ס׳איז אַזוינס גליק. זיי מיינען, אַז דער קבצן איז אומגליקליך, די מיטעלקלאַס קען קוים זיין צופרידען; בלויז די רייכע זענען גליקליך, און די גאָר רייכע, איבערגליקליך. ס׳איז דערפאַר נויטיג רייך צו ווערען וואָס שנעלער און אונטער יעדען פּרייז, אָדער לפּחות, אויסזעהן רייך, אויב מען קען עס נישט זיין אין דער אמת׳ען. זאָל עס אפילו זיין בלויז מיט איין פּוס, מיט אַן איין־איינציגען פינגער, איז דאָך נויטיג אָנצוריהרען די גאָלדענע וועלט, אין וועלכער עס לעבען די גליקליכע, די מזל׳דיגסטע פון דער מענשליכער משפּחה.

וויפיל אילוזיעס, וויפיל פאַרבלענדעניש, וויפיל אנטוישונגען! ס׳איז נישט אמת, אַז דאָס רייכטום זאָל אָנצייכענען מיט אַ גראָד׳ער פּונקטליכקייט די טרעפּ פון מענשליכען גליק. עס זענען פאַראַן איבערגליקליכע צווישען די, וואָס אַרבייטען מיט׳ן רידעל און ביים מאַשין, און עס זענען פאַראַן אומגליקליכע צווישען די, וואָס באָדען זיך אין גאָלד.

דער גביר וואָס האָט קיינמאָל נישט געאַרבייט קען, באין אופן נישט האָבען קיין באַגריף פון דעם גליק, וואָס עס פיהלט דער האָלצהעקער, וועלכער האָט אַ גאַנצען טאָג זיך געבאָדען אין זיין שווייס, און וועלכער, אין אָווענט, ביי וועטשערע, ווען ער בייסט איין מיט וועלפישען הונגער זיין ברויט, געפינט ער אין דעם אַלע טעמים אין דער וועלט; ער קען זיך נישט פאָרשטעלען דעם נחת פון אַ זיסען, געשמאַקען שלאָף, ווייל מ׳האָט אַ גאַנצען טאָג געאַרבייט. איך, וואָס קען רעדען דערפון פון אייגענער דערפאַהרונג, פאַרזיכער דיר, אַז ווער עס האָט קיינמאָל נישט געשוויצט דורך דער איבונג פון זיינע מוסקולען, ווייסט נישט פון אַ גאַנצער וועלט. עס זעהט אויס, אַז ביים שוויצען שטויסען מיר נישט נאָר ארויס פונ׳ם לייב אַ סך גיפטען, וואָס דאָס בלוט וויל זיך פון זיי באַפרייען, נייערט מיר באַזייטיגען אויך פון דער נשמה געוויסע קרעציגע און שלאַנגישע סם׳ען, וועלכע דערדריקען אונז נישט איין מאָל, וואַרפען אונז אַריין אין אַן אומעט, אין אַ מרה־שחורה, און מאַכען אונז אין כעס אויף זיך אַליין און אויף דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיגער אומדעפינירטער וואוילזיין, וועלכער איז דער עסענץ פון אַ פעסטען געזונט, פון גרויס כח, פון שטאַרקע מוסקולען, פון גוט־דורכגעלופטערטע לונגען, פון אַן אויפגעהייטערטען נשמה, איז, און וועט אייביג זיין, די וועב־שטוהל, אויף וועלכער עס ווערען געוועבט אַלע פיזישע אַן גייסטיגע פאַרגעניגענס פון לעבען, און איז אויך די פרייד, וואָס קאָסט זעהר ווייניג; עס האָט פיל מעהר הנאה פון זיין לעבען דער קבצן, וואָס אַרבייט מיט זיינע מוסקולען, ווי דער רייכער, וועלכער טראַכט בלויז פון פאַרגעניגענס. דער קבצן טרעפט אָפט דאָס גליק, כאָטש ער זוכט

עס נישט; דער רייכער, וועלכער זוכט עס כסדר. וועלכער לויפט עס נאָך, געפינט עס זעהר זעלטען.

אויף האַלב וועג צווישען גביר און קבצן, וועלכע זענען אויסנאַמען, ווייל זיי פאַרנעמען די פּאַלוסן פון דער מענשליכער עקאָנאָמיע, איז פאַראַן פּלאַץ פאַר'ן גרעסטען טייל פון גליקליכע מענשען, אויב יעדער איינער ווייסט נאָר זיך אָנצומעסטען זיין מאָס. בכלל איז בעסער און אַפילו אויך זיכערער צו פאַרנעמען דעם אונטערשטען שטאַק, אַנשטאָט דעם העכסטען; ס'איז תמיד צוועקמעסיגער צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ מיט אַ גראַד נידעריגער פון דעם, אויף וועלכען מיר האָבען אַ רעכט. קורץ-גערעדט איז כסדר בעסער צו זיין אַפילו דער ערשטער לאַטוטניק, אַבי זיין דער ערשטער. די מענשליכע ווירדע ווערט דערמיט באַפרידיגט, און די דאָזיגע באַפרידיגונג שפּרייט אויס ארום זיך אַן אַטמאָספערע פון וואוילזיין, פון פרייד, פון גייסטיגען געזונט. יעדער מענש, געדענק עס עריקאַ, קען זיין דער ערשטער ביי יעדער באַשעפטיגונג. מיט אַ קליינעם פיילכעל און מיט אַביסעל גוטען ווילען, וואָלט מען געקענט צופיילען און מאַכען אַלע מענשען פערפעקטע און גליקליכע, אויב יעדער מענש וואָלט נאָר וועלען לעבען אין דער נעסט, וואָס איז פאַר איהם אָנגעמאָסטען פונ'ם שיקזאַל. אָבער, צום באַדויערען, זענען פאַראַן „אויפגעקומענע", וועלכע זענען גלייך ווי פויגעלעך, וואָס ווילען לעגען זייערע אייעלעך אין דער נעסט פונ'ם אָדלער און ווי פוקסען, וואָס ווילען פאַרכאַפּען די מאַכט פונ'ם לייב.

* *

XI

אויפסניי אין גאָרטען. — די ערד און די לימענע-ביימער

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען דער פּעטער באַטשי־טשיאַ און עריקאַ אויפסניי געווען אין גאָרטען. דאָס איז געווען דאָס באַליבטסטע אָרט ביים קאַפּיטאַן. ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז דערפאַר ווייל ער האָט כמעט זיין גאַנץ לעבען דורכגעמאַכט אויפ׳ן ים, האָט ער אין זיינע לעצטע יאָהר געוואָלט זיך באַפרידיגען מיט זיין גרויסער ליבע צו דער ערד.

ווען ער האָט גערעדט פון איהר, איז ער כמעט געווען ווי אַ דיכטער.

— טייערער עריקאַ, האָב ליב די ערד, וועלכע איז אַלעמענס מוטער און די לעצטע חבר׳טע, וועלכע נעמט אונז ארום אויף אייביג אין אַ ליבליכער אומאַרמונג. איך האָב שוין אַריינגעשרי־בען אין מיין צוואה, אַז איך וויל באַערדיגט ווערען און נישט מען זאָל מיך פאַרברענען; איך וויל, אַז די ערד, וועלכע איך האָב ליב געהאט, וועלכע איך האָב געגלעט אזוי פיל יאָהרען, זאָל מיך אויפ־נעמען אין איהר שוים. ווען איך זאָל נישט מורא האָבען צו באַ־לעסטיגען אָדער אָנצושרעקען מיינע יורשים, וואָלט איך וועלען באַערדיגט ווערען דאַ אין מיין גאָרטען, אונטער יענעם ריזיגען לימענע- בוים, איינער פון מיינע באַליבטסטע ביימער. איך האָב

איהם פאַרפלאַנצט מיט מיינע אייגענע הענט און כ׳האָב איהם געזעהן וואַקסען, וואַקסען, ביז צו קענען היינט רוהען אין זיין שטענדיגען שאָטען.

האָב ליב די ערד, עריקאָ, און וועסטו נאָר האָבען אַ טפח ערד, פאַרפלאַנץ באַלד מיט דיינע אייגענע הענט פאַרשידענע בוימער, וועלכע וועלען לעבען פיל מעהר, ווי דו, און זיי וועלען דערצעהלען דיינע קינדער, וועלכע וועלען געניסן פון זייער שאָטען, פון זייערע בלומען אָדער פון זייערע פרוכטען, מיט וויפיל שוויים דו האָסט זיי באַגאָסען, מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט דו האָסט זיי געהיט, און דיינע קינדער וועלען דיך דערזעהן צווישען זייערע בלעטער און צווייגען, אין שאָטען פון וועלכע זיי וועלען געמיטליך רוהען.

איך פאַרגעטער די ערד, איך אָטעם איין אין זיך מיט פרייד איהר ריח, און ווען נאָך אַ לאַנגער טרוקעניש, ברענגט אַן ערשטער רעגען דעם סודות׳פולען, געשמאַקען ריח, מיט וועלכער ער ווייקט זי דורך, געה איך ארויס אויפ׳ן רעגען אָהן אַ שירעם צו שעפּען תענוג פון יענעם צויבער, און מיר דוכט כ׳קוק צו מיט מיינע אייגענע אויגען דעם מאָמענט פון בריאת עולם, פון יצירה, ווען גאָט האָט ארויסגעצויגען פון דער ערד די פאַרשידענע מינים פלאַנ־צונגען און זי אָנגעפולט מיט חיות, בהמות און אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישען. איך האָב ליב די ערד און איך פייניג זי מיט מיין רידעל און מיט מיין פיקע, און אָפט אויך מיט מיינע הענט. זי פאַרמאָגט אין זיך אַ סך סודות, אַ סך באַוואוינער, אַ סך פנים׳ער, צו האַלטען מיך פאַרנומען שעה׳ן און שעה׳ן, ווי דאָס שעהנסטע בוך פון אַלע ביכער, ווי די רייכסטע ליד פון אַלע לידער. ווען כ׳זעץ מיך אַוועק אויף דער ערד, דוכט מיר, אַז זי לעבט; כ׳פיהל דעם לעבענס־צאַפּעל, וואָס זי גיט איבער דורך טויזענטער, טוי־זענטער וואָרצלען, וועלכע שלענגלען זיך אין איהר שויס; און ווען איך גלעט די בלעטער און די בלומען, פיהל איך מיך נאָהענט צו גאָט, און מיר דוכט אפילו, אַז איך הער זיין קול, דאָס דאָזיגע קול אָהן ווערטער, וואָס עס פאַרשטעהן אַלע פעלקער פון דער וועלט. כ׳טראַכט מיט שטאָלץ, אַז די דאָזיגע ערד איז מיינע, מיינע ביז

אין סאַמע אָקס פון׳ם ערד-קוגעל. זי פאַרטרויעט מיר איהרע פאַר-לאַנגען, איהרע הצטרכות׳ען און איהרע קאַפּריזען. כ׳קען זי נישט אויסהערען רוהיג ווען זי ליידט דורשט און הונגער, און קיין זאַך פאַרשאַפט מיר נישט אַזוי פיל הנאה ווי זעהן זי טרינקען, דורך די מיילעכלעך פון מיין באַגיסער, די קרישטאַלענע פערל, וועלכע איך גיס אַריין אין איהר שויס. זי אָטעמט איין און זאַפּט איין די דאָזיגע וואַסער, וועלכע דערפרישט זי, וועלכע באַפרידיגט זי, וועלכע באַפרוכפּערט זי און וועלכע זי וועט באַלד איבערגעבען אַלע איהרע טויזנט קינדערלעך, וועלכע וואַרטען אָפּ פון איהר די דאָזיגע משקה און שפּייז. און ווערט נאָר באַפרידיגט איהר דורשט, זעהט עס אויס ווי זי ווערט ברייטער, ווייכער, צאַרטער און נאָכגע-ביגער, און איך צעשמעלץ זיך פון׳ם נחת זי צו באַוויליגען מיט שטילער פרייד.

ווען כ׳גראָב איין מיין רידעל אין דער טיפעניש פון דער שוין מידער ערד און איך ציה אַרויס אויף דער שיין פון דער זון דאָס, וואָס האָט שוין געבוג אָפּגערוהט, לייען איך אין איהרע אינגעווייַ-דען די לאַנגע געשיכטע פון אַזוי פיל דורות פון בלומען, בלעטער, וואָרצלען, וועלכע האָבען אין אַן אייביגען טויש, געטרונקען אינ׳ם טויט דאָס לעבען און וועלכע נאָך אַ שווערען טויט-שלאָף וועלען זייַ אויפסנייַ קומען צום לעבען ביז אין אַלע אייביגקייטען — אַ טויש פון לעבען און טויט, אַרבייט און אָפּרוה, ווי אין די בלעטער פון מענשענס געשיכטע.

אַלץ וואָס די ערד נעמט אויף אין איהר שויס ווערט געלייטערט און דאָס צעפוילטע ווערט ווידער שפּייז און ווערט פאַרוואַנדעלט אין רויזען - בלעטער און אין וויינטרויבען - צווייגלעך. חיות און מענשען צעשפּרייטען אויך זייער אָפּפאַל אויף דער אויבערפלאַך פון ערד-קוגעל; די ערד וועט וויסען ווי אַזוי אַלץ צו דעזאינפעק-טירען, און ווי דער געשיקטסטער פון אַלע קעהרער, וועט זי ליי-מערען די לופט, וואָס חיות און מענשען זוכען צו פאַראומרייניגען צו יעדער מינוט. און די דאָזיגע לייטערונגס-אַרבייט פון דער ערד איז אַ פאַקט אין דער וועלט פון כעמישער צעפוילונג ווי אין דער

וועלט פון גייסטיגער צעשפּליטערונג, וועלכע איז אַלעמאָל מעהר אַנגעשטעקט און מעהר צעפוילט ווי די ערשטע. דער אַפּפּאַל, וואָס ווערט פאַרטרויעט דער ערד, ווערט פאַרוואַנדעלט אין באַמיסטיגונג, און די באַמיסטיגונג ווערט פאַרוואַנדעלט אין פּערפיומען, אין ריינער לופט, אין זיסע זאַפטען; און די מענשען, וועלכע זענען אַנגעשטעקט דורכ'ן קאַמף פאַר שטעדט און פאַר אַנדערע מענשען־שטאַקען, ווען זיי קומען אויפ'ן פעלד, ווערען זיי אויך געלייטערט דורך באַהעפטען זיך מיט דער ערד, ווי עס געשעהט מיט אַ סך קראַנקע אויף שלעכטס און קאָרופּציע, וועלכע דורך אַ קוש פון זייער מוטער באַקומען זיי אויפסניי מענשליכען געפיהל און די עהרליכקייט פון זייער האַרץ. איז דען, טייערער עריקאַ, די ערד ניט אַלעמענס מוטער? דאָס קושען פון אַ מאַמען און דאָס פיהלען, אַז מען ווערט פון איהר געגלעט און געצערטעלט, הויבט אויף געפאַלענע, מאַכט געזונט קראַנקע און קען אַפילו לעבעדיג מאַכען טויטע.

ווייסטו, עריקאַ, פאַרוואָס די פראַנצויזען האָבען, נאָכ'ן גרויסען חורבן פון דער גרויסער מלחמה, נאָך אַלע דערנידערונגען אין סעדאַן, געקענט באַצאָהלען דייטשלאַנד דעם גרויסען קרבן פון פינף טויזענט מיליאָן פראַנק? ווייל זיי האָבען ליב די ערד, וואָרום אין געגענזאַץ מיט'ן פיבער, וואָס צעפרעסט די פּוסט־און־פּאַסניקעס פון פּאַריז, מאַרסעל און ליאָן, לעבען מיליאָנען פראַנצויזען פון דער ערד און פאַר דער ערד און זיי באַאַרבייטען זי מיט ליבע און געוויסען.

מיר, איטאַליענער, האָבען נישט גענוג ליב אונזער ערד, וועלכע איז, פונדעסטוועגען, איינע פון די שעהנסטע און פרוכטבאַרסטע, וואָס גאָט האָט געגעבען, און וועלכע האָט במשך פון פיל יאָהרהונדערטער געגעבען ברויט און וויין אַלע אַנדערע פעלקער.

דער ים, פאַר די געוואַגטע, פאַר די יונגע; די ערד, פאַר די צייטיגע מענשען און פאַר די זקנים, וועלכע זענען שוין מיד צו באַרייזען אַ וועלט. די ערד איז געזונט פאַר'ן גוף, פאָעזיע פאַר דער נשמה און רייכטום פאַר אַלע. לאָמיר זי ליב האָבען, לאָמיר

זי שטאַרק ליב האָבען, ווייל זי איז קיינמאָל נישט אומדאַנקבאַר, ווייל זי וועט אונז אָפּגעבען כּפל כפלים, הונדערט פאַר איינעם, זי, וועלכע איז אזוי ברייטהאַרציג.

און איצט, עריקאַ, קום זיך זעצען אונטער יענעם לימענע-בוים, דער גרעסטער שטאָלץ פון מיין סאַד. פיהלסטו נישט זיין ריח? אָטעמסטו נישט איין אַ גאַנצע וועלט פון פּערפומירטע אויסדעמ-פונגען?

כ׳האָב איהם ליב, ווייל ער איז אַ פּרעכטיגער בוים, אַן עלע-גאַנטער, רייך אין לעבען און אין געשמאַקע ריחות. ער וואַקסט לאַנגזאַם, אָבער זיין לעבען איז אַזאַ עקשנות׳דיגס, און זיינע בלע-טער באַנייען זיך ביסלעכווייז, אויף אַ נאַטירליכען אופן און נישט דורך דער שאַרפקייט פון ווינטער; ער איז כסדר גרין און פול מיט ריח פונ׳ם וואָרצעל ביז זיינע פרוכטען. די פרוכט פונ׳ם לימענע-בוים קען אויסזעהן צו זיין אַ לוקסוס-זאַך, און אין אַ געוויסער מאָס איז זי אַזעלכעס, אויב מיר באַשרענקען איהר געברויך צום שטרענג-נויטיגסטען, אָבער ווער עס האָט געמאַכט אַ רייזע איבער הייסע לענדער און נישט נהנה געווען פונ׳ם פאַרגעניגען פון אַ לימענע, ווייסט פון אייגענער דערפאַהרונג וויפיל וועניגער תענוגים ער האָט געהאַט. וויפיל מאָל האָט ער פאַר יעדען פּרייז געמוזט בעטען יענע אַנגענעהמע, שמעקעדיגע און פרישע פרוכט פונ׳ם מיטעללענ-דישען ים.

אַ חוץ האָב איך ליב דעם לימענע-בוים פאַר אַן אַנדער טעם: ווייל ער איז איינע פון יענע זעלטענע פלאַנצונגען, וועלכע אין אַלע צייטען פון יאָהר האָבען זיי אויף זייערע צווייגען בלומען און פרוכטען, אַט-אַ גרינע און אַט-אַ צייטיגע. אינ׳ם לימענע-בוים זעהסטו נישט דעם אַפּרוה און מידקייט פון אַלע אַנדערע בוימער, וועלכע געבען בלומען איין מאָל אין יאָהר, און איין מאָל אין יאָהר געבען זיי אויך זייערע פרוכטען.

דער לימענע-בוים איז תמיד יונג און תמיד איז ער יום-טוב-דיג אויסגעפוצט; נישט צופרידען בלויז מיט נישט אַראָפּוואַרפען פון זיך זיין גרינעם מאַנטעל און זיינע שמעקעדיגע בלעטער, בליהט

ער כסדר און צייטיגט זיינע פרוכטען. א געבענשטער בוים, וואס איז עהנליך צו די ווייניג פריווילעגירטע מענשען, וועלכע רוהען בלויז אפ דורך בייטען דעם אופן פון ארבייט און וועלכע, בעת זיי טראגען אונז אונטער איין פרעכטיג ווערק — די פרוכט פון זייער גאונות, פארמאגען זיי שוין אויף זייערע צווייגען אנדערע פרוכטען, אין פארשידענעם גראד פון אנטוויקלונג און בלומען, וועלכע פאר־שפרעכען נייע פרוכטען אין דער צוקונפט.

א, עריקא! ווען גאט זאל, פאר'ן ברענגען מיך אויף דער וועלט, געווען ביי מיר פרעגען: „צו וואס פאר א פלאנצונג וואלסטו וועלען ע ה נ ל י ך ז י י ן“, וואלט איך גלייך געווען געענט־פערט: „מ א ך מ י ך ע ה נ ל י ך צ ו ם ל י מ ע נ ע ־ ב ו י ם“.

וועה איז צו דעם מענשען, וואס האט אין זיין אייגענער פלאנ־צונג נישט מעהר ווי איין בלום, וואס גיט נישט מעהר ווי איין פרוכט; וועה איז צו דעם, וואס בליהט נאר אין פריהלינג, וואס גיט נאר פרוכט אין הארבסט; אזעלכער איז נישט מעהר ווי א האלבער מענש, א סך ווייניגער נאך — א קליין שטיקעל מענש.

די ווערק און די ארבייטען פונ'ם מענשען זענען אזוי ווי די פרוכטען פונ'ם בוים. זיי מוזען צוגעגרייט ווערען מיט גרויס פאר־זיכט, מיט דער לאנגזאמער צוגרייטונג, וואס ביי מענשען — דער־ציהונג. א קערענדעל ווערט א פלאנצונג, וואס קען ארויסגעבען פרוכטען, פונקט ווי אן אומבאהאלפען שטום קינד ווערט פאר־וואנדעלט אין א מענשען, וועלכער קען ארבייטען און פראדוצירען פאר זיך און פאר יענעם. דו, עריקא, ביסט שוין אין דעם על־טער, ווען עס באווייזען זיך די ערשטע קנאספען, וועלכע וועלען אינגיכען ווערען בלומען און איך וויל האפען, אז אויך שפעטער וועלען זיי געבען פרוכטען. בלומען זענען די האפנונג פון דער פרוכט, און פלענער — די בלומען פון אונזערע ווערק.

שרעק דיך נישט פאר מאכען צופיל פלענער. ס'איז אמת, אז א סך מענשען פארצעהרען זייער לעבען אין די דאזיגע פלענער; זיי זענען אזוי ווי די דאליען און מאסקעטען, וועלכע געבען נאר

בלומען. דער קלוגער מענש, דער פאָלקאָמענער מענש, דאַרף האָבען אַ סך סטרונעס פאַר זיין בויגען, ער דאַרף מאַכען אַ סך פּלענער פאַר דער צוקונפט און געבען יעדען איינעם פון זיי דעם זאַפט פון זיינע געדאַנקען, זיין ליבע און זיין זאָרגפעלטיגקייט. אויך ביי די פלאַנצונגען געבען נישט אַלע בלומען קיין פרוכט, און אַפילו דאָ, מיט דעם דאָזיגען לימענע-בוים, קענסטו באַמערקען אַ סך בלומען זיך וואַלגערען אויף דער ערד, אָהן זיי זאָלען האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פרוכט אויפ׳ן שטאָם; פונדעסטוועגען האָבען זיי שוין געגעבען דעם ריח פון זייערע בלעטלעך, וועלכע אין מענשענס לעבען קענען זיי געגליכען ווערען צו דער פּאָעזיע פון די האָפנונגען.

מיר מוזען כסדר האָבען פאַר זיך אַ צעבליהט פעלד פון האָפנונגען, און צווישען זיי אַ סך בלומען, כאָטש נישט אַלע וועלען געבען פרוכט. מיר מוזען האָבען אַן אייביגע זיסע האַרמאָניע פון פּאָעזיע, וואָס זאָל אונז פאַר׳שיכורען, און ווירקליכקייטען, וואָס זאָלען קענען געשניטען ווערען; בלומען וואָס פערפומירען די לופט, לימענקעלעך, וואָס ווערען, וואָס ווייטער, אַלץ דיקער און דיקער, און צייטיגע פרוכטען זיי צו קענען אַרונטערנעמען. און באַלד נאָר ווי אַ פרוכט רייסט זיך אָפּ פון דער ליבהאַרציגער צווייג, וועלכע האָט זי דערנעהרט און אַנטוויקעלט, זעהסטו שוין זיך שפּאַרען אַ צווייטע, נישט גרין און נישט געל, וועלכע וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אַרונטערגענומענער.

יעדער פּלאַן פאַר אַ צוקונפטיגער אַרבייט איז אַ בלום; אַ בלום צוליב איהר שעהנקייט און איהר ריח. ער מוז געבוירען ווערען אין אַ שעה פון זון, און אין אַ צווייטער שעה פון זון מוז ער צעעפענען די קנאָספּען, וועלכע זענען ממש פאַרליבט אין לופט און אין ליכט. און די לופט און די ליכט צייטיגען אונזערע פּלענער, זיי זענען די האָפנונג, אַז נאָך דער בלום וועט קומען די פרוכט. ס׳איז נישט פאַראַן קיין האָפנונג אָהן מורא, ס׳איז נישטאָ קיין בלום אָהן דעם איבערטראַכט, אַז זי קען פאַרוועלקט ווערען פאַר דער צייט; די שווערע אַנגסט פון אָפּוואַרטען מאַכט באַוועגען די

בלום אויף מיין שטענגעל און דעם פּלאַן אויפ'ן בוים פון לעבען. בעת אונזערע אויגען טרייסטען זיך מיט ווארפען זייער בליק אויף די שוין צייטיגע פרוכטען.

און כשם דער לימענע-בוים, כאָטש ער איז אומדערמידלעך און פרוכטבאַר, גיט מעהר בלומען אין פריהלינג ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער צייט פון יאָהר, אַזוי דאַרפען מיר אויך, אין דעם דאָזיגען צווייטען פריהלינג, וועלכע איז די יוגענט, זיך פלייסען צו האָבען אויף אונזערע צווייגען אַ סך פלענער, וועלכע זאָלען פעסטיגען אונזער באַוואוסטזיין, אַז מיר לעבען, און גרויסען דעם שטאָלץ, אַז מיר זענען מעכטיגע; אָבער אויך אינ'ם זומער פון די מיטעל-יאָהרען און אינ'ם הארבסט פון דער עלטער דאַרף אויפשפּראָצען אַ בלימעל, און מיר דאַרפען שטאַרבען מיט עטליכע בלומען אויף אונז, וועלכע וועלען ערשט מעגליך געבען פרוכט פאַר אונזערע קינדער. מיר זענען אויך בלעטער און צווייגען, וועלכע פאַלען אַראָפּ פונ'ם גרויסען בוים פון דער מענשליכער משפחה, אָבער די פלאַנצונג אַליין שטאַרבט קיינמאָל נישט, ווייל זי האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען אינ'ם באָדען פון לעבען, און זי שטרעקט מיט שטאָלץ איהר קאָפּ צום הימעל, פון וועלכען עס נידערט דאָס לעבען אויף דער ערד...

— אָבער, פעטער טייערער, איהר זענט דאָך נישט קיין מאָטראָס, נייערט אַ דיכטער.

— און פאַרוואָס נישט? די פּאָעזיע דאַרף נישט זיין די פּריווילעגיע בלויז פון די דיכטער. זיי, די דיכטער, זענען די כהנים פון דער פּאָעזיע, וועלכע דאַרף אויפבליהען אין הארץ פון אַלע מענשען; מען קען און מען דאַרף זיין אַ דיכטער אַפילו מיט'ן רידעל אָדער רודער אין האַנט. עס קען און עס דאַרף אויך זיין אַ דיכטער דער סוחר, וואָס וועגט אָדער מעסט זיין סחורה און אַפילו דער אַרבייטער, וואָס טרייבט די מאַשין. יעדער מענש דאַרף איינצייטיג זיין — אַרבייטער און דיכטער; אַרבייטער, צו פאַרשאַפען זיך דאָס טאָג-טעגליכע ברויט, און דיכטער — צו פאַרמישען אינ'ם לעבענס-בעכער דעם ווייַן פון אידיאַליזם און געפיהל.

XII

די געשיכטע פון איפּסילאָן — דער רעטער פון גאַריבאַלדי׳ן

ווי דער דאָקטאָר האָט געהאַט פאַראָרדענט, פלעג עריקאָ כסדר אויפשטעהן אַכט אַזייגער, ווארום זיין געזונט האָט זיך נאָך גענויטיקט אין געוויסער פאָרזיכטיגקייט; אָבער אין אַ אינדערפריה האָט מען איהם אויפגעוועקט האַלב זעקס, ווייל זיין פעטער האָט איהם געהאַט פאַרשפּראָכען צו מאַכען אַ שפּאַציר ביז׳ן טינאָ-אינזעל, וואו זיי וואָלטען זיך פאַרנומען מיט פיש-פאַנג.

נאָך נישט גוט אויסגעטשוכעט פונ׳ם שלאָף, איז עריקאָ צו צום פענסטער, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין גאָרטען און ער האָט דערזעהן אַן עטוואָס איינגעהויקערטען אַלטיטשקען, וואָס האָט געשעפּט וואַסער פון באַסיין און באַגאָסען די לימענע-בוימער און דאָס גרינוואַרג. דער אַלטיטשקער האָט געהאַט אַוועקגעלעגט אויף אַ באַנק זיין רעקעל, זיין שטרויענעם הוט און זיין שטעקען, און אַזוי האָט מען געקענט זעהן זיין אַנטבלויזטען קאָפּ, וואָס איז געווען באַדעקט פון געדיכטע כמעט-ווייסע האָר, וועלכע דאָס פריה-מאָרגען-ווינטעל האָט צעשויבערט און פאַרפּלאָנטערט, אָהן עס זאָל איהם אַפילו אָנהויבען צו קימערען. זיינע אויגעלעך האָבען אויסגעדריקט חכמה און גוטסקייט; די נאָז, די גאַמבע און די באַקען

ווי בײַ אַ געזונטען און גוטמוטיגען מענשען; אָבער דאָס ערשטע, וואָס מען האָט געקענט אָראָפּלייענען פון זײַן פּראָסטען, הגם זעהר צאַרטען פּנים, איז געווען אַ גאַנצע געאָגראַפישע מאַפּע, אין וועלכער בערג, טייכען און שטעדט זענען געווען אָנגעצייכענט דורך גרויסע און קליינע קנייטשען, גלייכע, קרומע, טיפע און אויבערפלעכליכע, וואָס אָט האָבען זיי זיך איבערגעשניטען איינס דאָס אַנדערע, אָט געלאָפען פּאַראַלעל און דערמיט געגעבען יענער הויט אַן אויסזעהן פון אַן אַלט שטיקעל לאַקירטע לעדער.

— ווער איז דאָס דער מענש, וואָס באַגיסט די לימענע-בוימער אין גאָרטען און וועלכען כ'האָב נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געזעהן ? — האָט עריקאַ געפרעגט בײַ זײַן פעטער.

— האָסט איהם קיינמאָל נישט געזעהן — האָט דער פעטער געענטפערט — ווייל דו שטעהסט אויף שפּעט, אָבער ער קומט גאַניץ אָפט אַהער אין די פריהמאָרגענס אָנצוטרינקען מיינע פלאַנצונגען, ווען זיי זענען דורשטיג, און כמעט תּמיד, ווען איך שטעה אויף אַרום זיבען אַזייגער, איז ער שוין פון לאַנג אַוועק, ווייל ער שטעהט אויף נאָך פאַר זון-אויפגאַנג, ער עפענט דאָס טירעל פון גאָרטען אָהן דעם מינדסטען גערויש און ער קעהרט זיך אום אַהיים אַזוי שטיל ווי ער איז געקומען.

אָט ווי דו זעהסט איהם, איז ער אַ טייערער מענש און ער האָט זיך אויך פאַרדינט זײַן האַלב זייטעל אין דער געשיכטע פון דער איטאַליענישער אומאָפּהענגיגקייט, נאָך מעהר דערפאַר, ווייל גאַריבאַלדי'ס ביאָגראַפיע-שרייבער האָבען איהם פאַרגעסען, אָדער זיי האָבען בלויז דערמאָנט אַ וואָרט וועגען איהם. ווען מיר וועלען שוין זײַן אויפ'ן שיפעל און בײַ דעם דאָזיגען פרישען ווינטעל, וואָס בלאָזט היינט, וועלען מיר פאָהרען צום טינאָ-אינזעל, וועל איך דיר דערציעהלען די געשיכטע פון דעם אַלטען.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, זענען פעטער און פלימעניק שוין געווען אויפ'ן שיפעל און געלאָזט די זעגלען אין דער ריכטונג צו די אינזלען פון דורכגוס. דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעבלאָזען דאָס

פייער אין זיין האַלב-אייביגער ליולקע און אָנגעהויבן דערצעה-לען אַזאַ מעשה:

— דער אַלטער, וועלכען דו האָסט היינט אינדערפריה געזעהן אין גאָרטען, איז אַ סאָן טערענזער און ער הייסט פּאָאָלאָ אַסאַריני, אָבער אין שטעדטעל קען מען איהם אונטערן נאָמען איפּסי-לאָן. דאָ האָט יעדער איינער זיין צונאָמען און ווער עס האָט איהם נישט ליידט ממש אַ בושה.

אַז דו וועסט הערען פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אַסאַ-ריני'ן אַזאַ צונאָמען, וועסטו לאַכען. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, שוין אַן אַכציג יאָהר אין דעם, און ער האָט געלערענט אין גלח'ס שול די אותיות פון אַלפאַבעט, איז ווי נאָר ס'איז געקו-מען צום אות x האָט ער, באַין אופן, נישט געקענט ארויסזאָגען איקקעסע, ווי מען האָט דעמאָלט געלערענט, נאָר ס'איז ביי איהם ארויסגעקומען איפּפּעסע. זיינע חברים און דער לעה-רער האָבען דערפאַר שטאַרק גע'חוזקט פון איהם און זיי האָבען איהם באַלד געקרוינט מיט'ן נאָמען איפּסילאָן. ער פלעג אודאי אין כעס ווערען דערפאַר און געענטפערט מיט שטיינער. נישט איין אָפּשפּעטער האָט זיך אומגעדרעהט מיט אַ צעקיילטער נאָז דורך זיינע פויסטלעך, וועלכע זענען שוין פון דעמאָלט אַן גע-ווען פעסטע ווי ביי אַן אַטלעט. ווען ער האָט מיר דערצעהלט די סיבה פון זיין צונאָמען, האָט ער צוגעגעבען: „זעהט איהר, קאַ-פּיטאַן, אַמאָל האָב איך מיך געשעהמט, ווען מ'האָט מיך גערופען איפּסילאָן, און היינט וואָלט מיך ממש פאַרדראָסען, ווען מען זאָל מיך רופען מיט אַן אַנדער נאָמען".

איפּסילאָן איז געווען אַ פישער, און פישער זענען אויך געווען זיינע אורעלטערן אויף ווי וויט דער מענשליכער זכרון קען דינען. זיין זיידע כוליאַן האָט געלעבט פינף און ניינציג יאָהר, און זיין פאָטער ניינציג דריי. ווען ער פלעג מיט מיר רעדען וועגען זיין אָפּשטאַמונג, פלעג ער מיר זאָגען: „זינט איך בין אויף דער וועלט, איז דער מלאך המות נישט געקומען צו אונז אין הויז ביז'ן יאָהר 1817, צו נעמען מיט זיך מיין זיידען כוליאַן; נאכהער איז

ער, אין א היבשער צייט ארום, געקומען א צווייטען מאל נאך א צווייטער צייטיגער פרי: מיין פאטער, וועלכער איז שוין אלט געווען ניינציג דריי יאהר". און באלד האט ער צוגעגעבען מיט א ביטער שמייכעלע: „כ'וויל האפען, אז דער ליבער גאסט וועט שוין נישט קומען אזוי גיך צו אונז, סיידען מיך צו נעמען, ווארום איך בין עס איצט די צייטיגע פרי אין הויז פון די אסאריני'ס".

היינט צו טאג איז ער אלט פיר און אכציג יאהר. פאראיאה־רען איז ער נאך געפאהרען קיין ספעציא איינער אליין, אפילו ביי די שארפסטע ווינטען, און אליין האט ער אויך אנגעפיהרט דעם רודער און די זעגלען. איצט לאזט איהם שוין זיין פרוי נישט איינ־שיפען זיך אליין, סיידען ווען דאס וועטער איז רוהיג.

נו, גוט... אט דער דאזיגער ארימער פישער האט געהאט דעם כבוד צו ראטעווען דאס לעבען פון גענעראל גאריבאלדי, און ווען נישט ער, וואלט אפשר איטאליע היינט נישט געווען דאס, וואס זי איז. ווען נאכ'ן נעמען רוים וואלטען די עסטרייכער געווען גע־נומען געפאנגען גאריבאלדי'ן, וואלטען זיי איהם זיכער געווען דער־שאסען, און די בארבאנען וואלטען אפשר נאך היינט פארנומען דעם נעאפאלער טראן.

דו האסט שוין געלייענט, עריקא, דאס לעבען פון גאריבאל־די'ן, ווי עס האט עס באשריבען גוערסאני, און ווי עס האט עס געשילדערט מאריא, און דו ווייסט שוין די טויזענטער פלאגענישען בעת זיין צוריקציהען זיך פון רוים. איך וועל פאר דיר נישט אי־בער'חזרען דאס, וואס דו ווייסט שוין צו גוט און וועלכעס איז פא־ראן געדרוקט אין אלע ביכלעך. היינט וויל איך מיט דיר בלויז רעדען וועגען דעם גרויסען חלק, וואס אסאריני האט געהאט אין דער רעטונג פון גאריבאלדי'ן.

די עסטרייכער האבען ארומגעזוכט דעם גענעראל, און מאל־דאטען, פאליציסטען און געהיים־אגענטען האבען זיך געהאט פאר־גענומען איהם צו פאנגען. פארשטעלט אט אלס פויער, אט אלס מאטראס און אט אלס איינפאכער דארפסמאן, האבען איהם איינ־גע העלדישע פאטריאטען אויסבאהאלטען עטליכע שעה — העכס־

טענס א טאָג — אין זייערע הייזער אָדער גערטנער, ביז ס׳איז געוואָרען נויטיג צו בייטען דאָס פּלאַץ, בכדי צו דעזאָריענטירען די פּאָליציי. דאָס שווערסטע איז געווען אַרויסצופאַהרען פון טאָס־קאַנאַ און באַטרעטען פּיאַמאָנטער ערד, וועלכע איז געהאַט גע־בליבען אַלס איינציגע און זיכערע פעסטונג פון איטאַליענישער פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט.

אינ׳ם לעצטען עפּיזאָד וועגען גאַריבאַלדי׳ס פּליטה האָבען איינגעשטעלט זייער לעבען אַ גאַנצע רייהע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען איהם באַגלייט ביז גועלפּי׳ס קליינעם איינפאָהר־הויז, פון וואַנען עס איז שוין געווען לייכטער אַסאַריני׳ן איהם אַריבערצו־פיהרען קיין פּאָרטאָ ווענערע.

גאַריבאַלדי האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטען אין דער מאַ־רעממאַ, אין טאָסקאַנאַ — אָבער בכדי צו קענען הייסען פולשטענ־דיג געראַטעוועט, האָט ער זיך באַדאַרפט איינשיפען אין געהיים, און לאַנדען, אַהן באַמערקט צו ווערן אויף די ברעגען פון ליגוריאַ.

גועלפי איז געקומען צום באַוואוסטען פישער, פּעדראָ גאַד־זשיאָלאָ, מכח באַקומען אַ שיפעל, וואָס זאָל אַריבערפיהרען גאַ־ריבאַלדי׳ן קיין פּיאַמאָנטע. דאָרט האָט אויך געאַרבייט א י פ־ס י ל א ן צוזאַמען מיט זיין פאָטער.

גאַדזשיאָלאָ האָט געוואוסט, אַז פּאָאָלאָ אַסאַריני איז אַ העל־דישער יונג, אַ גבר, וואָס האָט געקענט אויסבויגען אַן אַנקער. און דער עיקר, אַ גרויסער ליבהאָבער פון פרייהייט.

— א י פ ס י ל א ן, דו דאַרפסט ראַטעווען גאַריבאַלדי׳ן — האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען.

— נו, מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען. אָבער ווי אַזוי ? איז ער דען נישט אין טאָסקאַנאַ ?

— יאָ, ער געפינט זיך אין דער מאַרעממאַ. און דאָרט זענען פאַראַן סאָלדאַטען און געהיים - אַגענטען אויף יעדען שריט און טריט, אָבער מיר וועלען זיך היטען צו ברענגען איהם אַ געזונטען און אַ פרישען ביז צום ברעג; מיר ווילען איהם צופיהרען נאָך ווייטער, ביז פאַלאָניקאַ, בעת מיט׳ן איבעריגען פאַרלאָזען מיר

זיך אויף דיר. דו וועסט איהם דאַרפען אריבערפיהרען ביז פּיאַ-מאָנטע.

— נו, גוט. איבערמאָרגען, זונטאג, האָט איהר מיך אויף דעם באַשטימטען פּלאַץ.

— אָפּגעמאַכט.

און גאַדזשיאָלאַ האָט זיך אומגעקעהרט צום האַלב-אינזעל.

ווען אַסאַריני איז געבליבען מיט זיך אַליין, האָט ער אַ לאַנגע צייט גוט נאָכגעקלעהרט ווי עס וואָלט געווען דער בעסטער אופן אויסצופיהרען דאָס פאַרשטעהענדיגע שווערע שטיקעל אַרבייט. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אויב ער זאָל פאָהרען קיין פּאָלאָניקאַ זונטאג, אַ טאָג, אין וועלכען מען פארקויפט נישט קיין פיש, וואָלט עס געקענט דערוועקען אַ חשד, איז ער דערפאַר אוועקגעפאָהרען אַהין שבת.

ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין פּאָלאָניקאַ, איז ער גלייך אוועק צום לייטנאַנט, וואָס אין יענער צייט האָט עס געהייסען אַזוי גוט, ווי זיין דער קאַפּיטאַן פון האַפען און בכלל אויך די גרויסע פּאָליטישע און מיליטערישע אויטאָריטעט אין שטעדטעל, און איהם דערקלעהרט, אַז ער איז געקומען מאַכען אַ קאָנטראַקט מיט אַ געוויסער פּערזאָן, בכדי פּאָלאָניקאַ זאָל האָבען פרישע פיש דריי מאָל אין וואָך.

— זעהר גוט, א י פּ ס י ל אָ ן. דו ברענגסט מיר בפירוש אַ גוטע נייעס.

— זיי האָבען נאָכהער גערעדט פון פּאָליטיק.

— ווייסט איהר, הער לייטנאַנט, אַז גאַריבאַלדי איז אַנטלאָפען קיין ווענעדיג ?

— וואָס הייסט ? ס'איז דאָך דאָ ערשט געווען דער קאַוואַלעריע-לייטנאַנט און מיר פאַרזאָגט בסוד איך זאָל שטאַרק היטען די טעג די שיפען, ווארום גאַריבאַלדי דרעהט זיך אום אין די געגענטען.

— הערט אַ חכמה... פון יענעם איז שוין דאָ לאַנג קיין געביין נישטאָ...

באַלד דערויף האָט אַסאַריני, פאַרוואַנדעלט פון אַ פישער אין אַ קאָנספּיראַטאָר און אין אַ דיפּלאָמאַט, צוגעשיקט צו פּאַאָלאָ גאַדזשיאַלאָ'ן (וועלכער איז געהאַט אַוועק קאָמבינירען דעם גענעראַלס אַנטלויפען) אַ בריוועלע מיט פאָלגענדיגע ווערטער: „אויב איהר ווילט מאַכען דעם קאָנטראַקט וועגען די פיש, קומט מאָרגען קיין פּאָלאָניקאַ".

גאַדזשיאַלאָ איז זונטאַג געקומען קיין פּאָלאָניקאַ, און ווי איינער שפּאַצירט זיך סתם אַרום האַפען, האָבען זיי ביידע באַטראַכט דעם ברעג און נאָכגעזוכט דאָס פּאַסיגסטע פלאַץ פאַר גאַריבאַלדי'ס לאַנדען.

אין אָוועגט זענען זיי געקומען אין גועלפי-האָטעל, וואוהין עס האָט אויך באַדאַרפט, פון מינוט צו מינוט, אָנקומען גאַריבאַלדי.

פון עסען רוהיג איז קיין רייד נישט געווען. איפּסילאָן האָט קוים איבערגעכאַפּט אַן איי, אַ שטיקעל ברויט און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז וויין.

ווייטער האָבען זיי דורכגעמאַכט די גאַנצע נאַכט אין דער גרעסטער אומרוהיגקייט; אַ שטאַרק גאַלאָפּירען פון פערד האָט זיי אויסגעוויזען, אַז דאָס קומט שוין גאַריבאַלדי. זיי זענען אַרויס אין דרויסען, זיך איינגעקוקט — ערשט גאָרנישט. דאָס איז געווען סתם אַ סטאַדע פערד, וואָס איז אַנטלאָפען אין שרעק פאַר אַ וואָלף.

גאַריבאַלדי איז ערשט אָנגעקומען אין דער פריה, אין דער באַגלייטונג פון קאַפּיטאַן לעדזשערא, וועלכער כאָטש ער איז געווען פאַרוואונדעט אין אַ פוס, האָט ער נישט פאַרלאָזט דעם גענעראַל אַפילו נישט אויף איין מינוט, ביז זיי האָבען ביידע באַטראַטען פיאַמאָנטער ערד.

אין אַ רגע אַרום איז איפּסילאָן אַריינגערופען געוואָרען אין אַ זאַלכעל, וואו ער האָט דערזעהן דעם גענעראַל אין זומערדיגע ציוויל-קליידער. ער איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ סך אַנטשלאָסענע יונגעלייט, באַוואָפענטע פון קאָפּ ביז פיס. דער גענעראַל האָט מיט זיין כאַראַקטעריסטישען שמייכעל, וואָס איז גע-

ווען אַ געמיש פון צאַרטקייט און גרויסקייט, זיך דערנעהענטערט צו איפּסילאָנען און איהם אַ פרעג געטון:

— איהר זענט עס דער אייגענטימער פון דער שיף „מאַדאָנאַ דעל׳אַרענאַ״?

— יאָ, מיין עקסעלענץ!

— רופט מיך נישט עקסעלענץ; רופט מיך גאַריבאַלדי אָדער גענעראַל.

— נו, גוט. יאָ, גענעראַל.

— פון וועלכען שטעדטעל ביסטו?

— פון סאַן טערענזאָ.

— אויסגעצייכענט! זענען מיר דאָך לאַנדסלייט. האָסט מיט זיך געלט?

— יאָ, גענעראַל. אַ דריי אָדער פיר הונדערט פראַנציסקאָנעס.

— הייסט עס, אַז מיר זענען גרייט אָפּצופאָהרען?

— אָבער עקסעלענץ... כ׳מיין, גענעראַל; איך בין נאָך דאָ פון נעכטען אין אָוועגט, און מיר וואָלטען שוין לאַנג געקענט אָפּפאָהרען. איצט איז אָבער טאָג און מען וועט אונז זעהן.

— ווי-זשע וועלען מיר עס מאַכען?

— מיר וועלען אַרויספאָהרען היינט אין אָוועגט. איהר וועט געהן צופוס מיט דער לענג פון ברעג און זיך אָפּשטעלען ביי אַ פּלאַץ, וואו אויפן וואַסער וועלען זיין קאָריקלעך פון אַ פיש-נעץ. דאָס וועט זיין דער סימן, אַז איך בין נישט ווייט פון דאָרטען.

צווישען ניין און צעהן אַזייגער אין יענעם טאָג האָט איפּ-סילאָן געענדיגט זיין פיש-פאַנג און ער האָט איבערגעלאָזט די קאָריקלעך אַלס סימן, וואו דער גענעראַל וועט זיך דאַרפען איינ-שיפען.

גאַריבאַלדי איז נישט געווען אַליין. אויסער דעם געטרייען לעדזשערא, האָבען איהם אויך באַגלייט אַ דרייסיג, פערציג באַ-וואפענטע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען געשוואוירען פריהער צו שטאַרבען איידער עסטרייכישע הענט אָדער זייערע אונטערגע-קויפטע זאָלען אפילו אָנריהרען דעם גענעראַל. גאַריבאַלדי אַליין

וואָלט, פאַר קיין פאַל, סיי ווי נישט אַריינגעפאַלען אין יענע הענט. זיי וואָלטען אויסגעשטאָרבען אין אַ שווערען קאַמף... אָבער אי־טאַליע וואָלט דאָך נישט קאָנסטיטואירט געוואָרען.

אין יענער נאַכט האָט דער שטערען פון איטאַליע געשיינט פיל ליכטיגער, ווי ווען עס איז, אין אונזער הימעל, ווארום, ווי נאָר גאַריבאַלדי און לעדזשעראָ זענען געווען אויפ׳ן באָרט, האָבען יענע העלדען זיך געקענט דערלויבען דעם לוקסוס אויסצורופען אַלע אויף איין קול:

— זאָל לעבען דער גענעראַל גאַריבאַלדי!

עס האָט געבלאָזען אַ גוטער מזרח־ווינט און גאָר אין גיכען איז די „מאַדאָנאַ דעל׳ארענאַ“ אָנגעקומען קיין קאַפּ קאַסטעלאָ, אויפ׳ן עלבאַ־אינזעל.

א י פ ס י ל א ן איז געפאָהרען אַהין, ווייל דער האַפען־קאַ־פּיטאַן, ספּעקוס און דער אונטער־אָפיציר, לעאָנסינאַ, זענען געווען זיינע פריינט. גאַנץ אָפט האָבען זיי איהם אַרויסגעגעבען די דאָ־קומענטען נישט רעוווידירענדיג צומאָל, צי די צאָל איינגעשיפטע שטימט מיט דער ציפער אין די דאָקומענטען. פונדעסטוועגען איז אַסאַריני דאָס מאָל געווען פאַרזיכטיג און ביים ברעג געלאַנדעט זיין פאָטער און אַ מאַטראָס, בכדי די צאָהל פון דער מאַנשאַפט זאָל נישט ליידען איבער דער אָנוועזענהייט פון גאַריבאַלדי׳ן און לעדזשעראָ׳ן.

אַרום זיבען אַזייגער אינדערפריה, איז די „מאַדאָנאַ דעל׳ארע־נאַ“ אַוועק ווייטער, די זעגלען צעלאָזטע אין דער ריכטונג צו די ברעגען פון איטאַליע. אַסאַריני האָט מורא געהאַט פאַר דער שיף פון אַ געוויסען דזיליאָ, וועלכע איז געגאַנגען אין יענע מקומות און וואָלט זיי געקענט פאַרפאָלגען. זיי האָבען זיך דערפאַר דער־ווייטערט פון דער יבשה אַ פערציג־פופציג מייל, אין דער ריכ־טונג צו קאַפּראַראַ און אָנגעקומען אַהין אַרום דינסטאָג אין אַ שעה־נעם פאַרנאַכט, דערנעהענטערענדיג זיך צו ליאָרנאָ.

— און איצט, וואָס זאָלען מיר טון, גענעראַל? — האָט אַסאַ־ריני געפרעגט.

— טוט וואָס אייך געפעלט. איך בין אין אייערע הענט און איך פאַרלאָז מיך אינגאַנצען אויף אייך.

— איך מיין, אַז דאָס בעסטע איז מיר זאָלען זיך האַלטען אָט דאָ אַנטקעגען ליאָרנער האַפען, ווארום כ'האָב מורא פאַר דזיליאָ'ן מיט זיין שיף. דאָ שטעהט געאַנקערט אַן אַמעריקאַנער שיף, און אויב איך זאָל באַמערקען אָנקומען דזיליאָ'ן, וואָלט איך אייך באַלד אַריבערגעפיהרט צו די אַמעריקאַנער, וועלכע וואָלטען אייך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. כ'בין זיכער אין דעם. אויב דזיליאָ זאָל זיך נישט באַוויזען, וועלען מיר אויפסניי אַרויס אין אָווענט, בכדי קיינער זאָל אונז נישט קענען זעהן.

זיי האָבען אַזוי געטון, און דעם 5-טען סעפּטעמבער פון 49-טען יאָהר האָבען גאַריבאַלדי און לעדזשעראָ, אָרום דריי אַזייגער ביי-טאָג, געלאַנדעט פרישע און געזונטע אין פּאָרטאָ ווענערע, וואו עס וואָלט באַדאַרפט זיין וועלכער ס'איז מאָנומענט, וואָס זאָל דער-מאָנען יענעם גליקליכען טאָג פאַר דער פרייהייט פון איטאַליע און פאַר דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע.

גאַריבאַלדי האָט גהאַלזט און געקושט אסאַרינע'ן, און אַריינ-לעגענדיג די האַנט אין קעשענע, האָט ער אַרויסגענומען אַ צוועלף אָדער פערצעהן שטיק גאָלד, דאָס איינציגע געלט, וואָס עס האָט פאַרמאָגט דער דיקטאַטאָר פון רוים, און ער האָט זיי אָנגעבאָטען א י פ ס י ל אָ נ ע ן.

— כ'האָב נישט מעהר, אָבער איך פיהל אַ נויטווענדיגקייט אויסצודריקען אייך מיין דאַנקבאַרקייט.

— ניין, גענעראַל. האַלט דאָס געלט פאַר זיך, ווארום עס קען אייך צונוץ קומען.

— נו, גוט. וועל איך אייך געבען אַ פּאָר שורות, אַלס אָנ-דענק פון דעם, וואָס איהר האָט געטון פאַר מיר.

איך האָב געזעהן ביי איהם דאָס דאָזיגע בלעטעל פּאַפּיר, וועלכעס איז געל געוואָרען פון אַלטקייט, און כ'האָב מיט זיך אַ קאָפּיע. אָט הער, עריקאָ, וואָס גאַריבאַלדי האָט איהם אָנגעשרי-בען:

„פּאָרטאָ ווענערע, 5־טער סעפּטעמבער 1849.—

פּאַבלאָ אַסאַריני, ווען דאָס גליק האָט געמאַכט איך זאָל זיך אויף איהם אָנטרעפען אויף דער איטאַליענישער ערד, וועלכע איז געווען אונטערי'אַכט פון די דייטשען, האָט מיך אַריבערגעפיהרט אהער, אין אַ פּלאַץ פון גאַסט־פריינטליכקייט און רעטונג, און ער האָט מיך באַהאַנדעלט זעהר פיין אָהן מינדסטער מאַטעריעלער פאַרגוטיגונג.

דזשיוזעפּע גאַריבאַלדי".

דאָס דאָזיגע בּלעטעל איז געווען דער איינציגער פּריז פאַר יענעם העלדישען מאַטראָס. אין גענוא האָט מען איהם געבאָטען 600 לירעס פאַר דעם אויטאָגראַף, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען, און ער האָט זעהר גוט געטון. דאָס בלעטעל איז דער אַדעל-שיין פאַר זיין משפחה, און ער דאַרף עס איבערלאָזען בירושה זיינע קינדער.

און ווייסטו וואָס נאָך פאַר אַ פּריז א י פּ ס י ל אָ ן האָט באַקומען פאַר זיין העלדישקייט? אָט הער:

אַסאַריני האָט שוין מעהר נישט געקענט כאַפּען קיין פיש אין עלבּאַ-אינזעל אָדער אין טאָסקאַנאַ און ער האָט אויך נישט צוריק באַקומען יענע פאַרלאָזענע נעצען אין מאַרעממאַ. זיין פאָטער און דער מאַטראָס, וואָס מען האָט, ווי געפאַנגענע, פאַרלאָזט ביי אַ פרעמדען ברעג, האָבען ערשט געקענט זיך אומקעהרען אין זייער פאָטערלאַנד מיט אַ צייט שפּעטער. די בליהענדיגע פיש-אינדוסטריע פון די אַסאַרינים איז געפאַלען, און א י פּ ס י ל אָ ן האָט געפיהרט אַ לעבען פון אַן אָרימען שיפער, שטאָלץ צו קענען רודערען מיט אַ שיף, אויף וועלכער היינט נאָך קען מען זעהן אויסגעקריצט פאָלגענדיגע ווערטער: „ד י ר ע ט ע ר י ן פ ו ן ג אַ ר י ב אַ ל ד י ׳ ן. — 5 - ט ע ר ס ע פּ ט ע מ ב ע ר 1849". פיר ווערטער און אַ דאַטום, אָבער וויפיל געשיכטע און וויפיל רוהם!

אַסאַריני האָט קיינמאָל נישט שפּעקולירט מיט זיין העלדישען טאַט און נישט געפאָדערט קיין פאַרגוטיגונג פון דער איטאַליעני-

שער רעגירונג. ווען גאַריבאַלדי איז געקומען קיין פּראַסקאַטי און ער איז געווען איבערגליקליך צו טרעפן אַסאַרינין ביים לעבן אין יענער שעהנער שטאָדט, וואָס ער האָט געגעבן זיין פאָטער-לאַנד, האָט אַסאַריני אַפילו נישט געבעטען פון איהם אַ מינדסטען סענט.

אָבער איך, ווען איך האָב באַמערקט, אַז דעם אַלטענס הענט זענען שוין שוואַך צו רודערען מיט די וועסלעס, און ער איז שוין געצוואונגען צו באַקומען הילף פון זיינע קינדער, האָב איך גע-פאָדערט פון דעפּרעטיס׳ען הילף פאַר איהם, און דאָס לעצטע יאָהר האָט ער צו ווייהנאַכט-יום-טוב באַקומען אַ געשאַנק פון 300 לירעס. ווען דעפּרעטיס איז געשטאָרבען, האָב איך ביי קריספּי׳ן געבעטען ער זאָל פאָרזעצען מיט דעם נאָבעלען טאַט און דער גרויסער פּאַ-טריאָט האָט פאַרוואַנדעלט דעם געשאַנק אין אַ לעבענסלענגליכער פּענסיע.

אָבער די געשיכטע האָט זיך נאָך נישט געענדיגט. כ׳מוז דיר געבען צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס א י פ ס י ל אָ ן קומט באַגיסען מיינע בלומען און מיינע לימענע-בוימער. איך האָב עס פון איהם נישט געפאָדערט ער זאָל דאָס טון, נייערט ער אַליין, געשטויסען פון דער דאַנקבאַרקייט פאַר דער קליינער טובה, וואָס כ׳האָב איהם געטון, האָט פּלוצים געבעטען ביי מיר איך זאָל איהם דערלויבען זיך צעשטרייען אין מיין גאָרטען.

לכתחילה האָב איך נישט געוואָלט הערען אַפילו דערפון, אָבער נאָכהער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויב איך זאָל עס איהם אָפּ-זאָגען, וואָלט איך איהם פאַרשאַפט גרויס עגמת נפש.

— לאָזט עס מיך טון, קאַפּיטאַן. איך בין געוואוינט צו ארבייטען און איצט האָב איך געמוזט אויפגעבען די וועסלעס. פונדעסט-וועגען בין איך נאָך גענוג שטאַרק צום באַגיסען און צום אַרבייטען אַרום בוימער. לאָזט עס מיך טון. עס וועט פאַר מיר זיין צעשטרייאונג.

איך האָב עס איהם דערלויבט און עס פרעהט מיך צו זעהן איהם אַלע אינדערפריה, שוין צוואַנציג יאָהר, מיט׳ן באַגיסער אין האַנט, אַ געבויגענער איבער מיינע פלאַנצונגען.

XIII

אַ געשלעג אַנטקעגען ים-ברעג. — אַן אומדאַנקבאַרער.

כדי עריקאַ זאָל וואָס שנעלער קענען צוריקגעווינען זיינע פאַרלוירענע כחות, איז איהם פאַראָרדענט געוואָרען איינצואָטעמען וואָס מעהר ים-לופט, און דערפאַר פלעג פעטער באַטשיטשיאַ מאַכען מיט איהם לאַנגע שפּאַצירען איבער'ן ים און ער פלעג איהם לערנען פאַנגען פיש מיט אַ שטעקעל, אַזוי אַז כאָטש ער האָט זיך נישט דערווייטערט פון דער יבשה, האָט ער געקענט זיין לעבען די געזאַלצענע כוואַליעס.

דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט געהאַט געמאַכט אַזאַ קליין שטעקעל, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיין פלימעניקס הענטלעך, און ער האָט איהם אויסגעלערענט אומגעהן מיט'ן חלב, לויט דער גרויס פון פיש, וואָס ער וויל פאַנגען צווישען די פעלזען-שטיינער, וואָס ביים ברעג. אָט איז געווען נויטיג צו פאַרקנעטען ברויט-ברעקלעך מיט קעז, און אָט איז געווען גענוג צו פאַרשאַפען זיך אַזעלכע ווערימלעך, וואָס מאַכען זייער נעסט ביים ים.

אין אַ טאָג איז עריקאָ אַליין געזעסען אויף די פעלזען-שטיינער און פאַרנומען זיך מיט כאַפּען פיש. אַזוי ווי דער ים איז געווען אויפגעבּרויזט און דאָס וואַסער — מוטנע, איז ער געווען זעהר מזל'דיג אין זיין פיש-פאַנג, און עטליכע פאַרשידענאַרטיגע פיש האָבען שוין אַרויסגעגלאַנצט פונ'ם דעק פון קויש, אין וועלכען ער

האָט אַריינגעוואָרפען זיין פאַנג. עריקאָ איז געווען אַ פאַרליבטער אין דער דאָזיגער אַרבייט, און דער טומעל, וואָס האָט זיך דערטראָגען פונ׳ם פלאַץ האָט איהם וועניג וואָס געקענט קימערען. ווען זיין אויג איז געווען אַזוי אַריינגעטון נאָכצוקוקען, צי דער שפּיץ פון זיין שטעקעל פאַרזינקט אין וואַסער, וואָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז אַ פיש האָט אָנגעביסען דעם חלב.

אָבער אין יענעם פאַל איז דער טומעל הינטער זיינע פּלייצעס געווען אַ צו שטאַרקער, אַז ער זאָל איהם נישט הערען, וואָרום דעם טומעל האָט אַפילו נישט געקענט פאַרטויבען דאָס רוישען פון די כוואַליעס, וועלכע האָבען שוימיגע און שטורמישע זיך צעשפּאָלטען אויף די פעלזען, און געוואַשען די העכסטע שפּיצען.

יענער טומעל איז געקומען פון מענשליכע שטימען, וועלכע האָבען זיך אויסגעמישט, זיך איבערגעשריען און זיך צוזאַמענגעשלאָגען אין אַן אומהאַרמאָנישען און באַטויבענדיגען כאָר. געשרייען פון קינדער, בעסער געזאָגט געוואַלדען, אויסגעמישטע מיט געלעכטער, וועלכע האָבען געשטיגען און זיך אויפגעהויפענט ווי די כוואַליעס פון נאָהענטען ים; און אין די קורצע הפסקות פון יענע טייוולאָנישע העלזער האָט מען קוים געקענט אַרויסהערען עפּעס אַ קלאָהר וואָרט, אַ ווייגען, וואָס איז באַגלייט געוואָרען פון אַ שטאַרקען שלוקערכץ. ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז יענער געוויין איז דער פאָטער פון אַלע געלעכטערס און אַלע געוואַלדען, וואָרום וואָס שטאַרקער און וועהטאָגליכער עס איז געווען דאָס וויינען, אַלץ שטורמישער האָבען אָפּגעהילכט די ציניש געלעכטערס פון יענע אַלע קליינע פאַרברעכער.

עריקאָ האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן ווי דאָס אינגעל דאָמינגין ווערט געפּייניגט פון אַ שייקע נאַקעטע און דאָרפישע מזיקים, די אייגענטליכע באַלעבאַטים איבער דעם שפּאַציר-פּלאַץ אין סאַן טערענזאָ.

דאָמינגין איז געווען אַן אָרים קינד פון אַ יאָהר צוועלף, וואָס איז געבוירען אונטער אַ שלים-מזל׳דיגען שטערען. ער איז געקומען אויף דער וועלט זעהר נישט קיין גוט-געבויעטער און די בעם-

טע ווינשעוואַניע וואָס ער האָט געהערט פון זיינע עלטערן, פאַר די ערשטע דריי-פיר יאָהר פון זיין לעבען, איז געווען, אַז ער זאָל וואָס פריהער שטאַרבען.

דאָס אינגעל האָט נישט געקענט צוזאַמענגעמען אַפילו קיין איין געדאַנק, אָבער ער האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַר-האַסט פון זיינע עלטערן און איז צו חוזק ביי אַלעמען אין די אויגען. נישט פעהיג צו האַסען און צו פאַרשטעהן פאַרוואָס מענשען זענען אַזוי אומבאַהאַרצט, האָט ער זיך צופרידענגעשטעלט מיט אויס-וויינען זיך, ווען ער האָט געזעהן ווי אַנדערע קינדער ווערען גע-גלעט פון זייערע עלטערן, אָדער ווען שכנים האָבען זיי, מחמת ליבשאַפט, געצערטעלט און געקושט.

מ'האָט איהם געגעבען צו עסען אויף אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נויטיג געווען איהם צו דערהאַלטען ביים לעבען, אָבער דאָס עסען זיינס איז אַלעמאָל געווען אַזעלכעס, וואָס אַנדערע וואָלטען אין דער האַנט נישט גענומען: שטיקער ברויט, וואָס האָבען שוין אָנגע-הויבען שימלען פון אַזוי פיל ליגען אין די קעסטלעך; פיש, וואָס האָבען שוין אָנגעהויבען זיך פיהלען, פייגען פון פאַראַיאָהרען, א. ד. ג. זיין בגד איז געווען איין שטיק שמאַטע פון שלעכטע לאַטעס צוזאַמענגעשטעלט, וועלכע האָבען מיט זייער פאַרשידענ-פאַרביגקייט איהם געמאַכט נאָך פיל לעכערליכער, ווי ער איז עס געווען באמת. און ווען איין לאַטקעלע האָט זיך אָנגעבּרוגזט אויפן שכן און גענומען זיך אָפּרייסען, איבערלאָזענדיג אונטער זיך אַ שפּאַלט, איז קיינעם גאַרנישט איינגעפאַלען דאָס צו פאַרריכטען און דורך יענע אַלע לעכער האָט זיך ארויסגעזעהן די ראָזעווע הויט פון דעם שלים-מזל'דיגען אינגעל.

אין אַ שעהנעם טאָג זענען דאָמינגינס טאַטע-מאַמע פאַר-שוואונדען פון סאַן טערענזאָ און איבערגעלאָזען אויף הפקר דעם מאָדנעם אינגעל. זיי זענען אַוועק קיין אַמעריקע רייך ווערען, גליק-ליכע ממש דערמיט, וואָס זיי האָבען געקענט זיך אָפּטשעפּען פון יענעם מין קינד, וועלכעס איז אויפגענומען געוואָרען פון אַ מוה-מען — אַ ווייניגער גרויזאַמע ווי זיינע עלטערן.

דאָמינגין אַליין האָט אויך נישט געהאַט פאַרוואָס איבעריג צו באַדויערן די פּליטה פון זיינע עלטערן, ווארום די מוהמע טעאָ־דאָראַ האָט איהם נישט געשלאָגען, נישט געשאָלטען, נישט גע־בעטען אויף איהם דעם טויט. דאַגעגען אָבער, איז געוואָרען גרוי־זאַמער און שאַרפער דער חוזק אויפ׳ן שפּאַציר־פּלאַץ, ווען עס איז איהם אויסגעקומען דורכצוגעהן אין וועלכער ס׳איז שליחות.

זאָל דאָס געווען זיין דערפאַר, ווייל חברה האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט שוין נישט קיין פאָטער? אָדער איז ער עס געוואָרען מיאוסער וואָס מעהר ער איז געוואַקסען? ס׳איז שווער פעסטצו־שטעלען דעם פאַרוואָס. איין זאַך האָט מען געזעהן, אַז ווי נאָר דאָמינגין האָט זיך באַוויזען, האָבען גלייך די חברה איהם אויפ־גענומען מיט אַזאַ ברוך הבא: „אָט געהט דער ראַק!" „דער ראַק!" „כאַפּט דעם ראַק!" דעם אמת געזאָגט, האָט ער טאַקע אויסגעזעהן ווי אַ ראַק... שטאַרק אויסגעבויגען פאָרענט, און גע־וואַקעלט האָט ער זיך ווי אַ זאַק מיט אָנגעוואָרפענע ביינער. ער איז געגאַנגען מיט אַ זייט און די נאָכהענגענדיגע הענט האָבען אויס־געזעהן ווי די פיסלאַך ביי אַ ראַק — טאַקע נאָר צום לאַכען.

אַז דאָמינגין פלעגט דערהערען די זידעל־רייד, פלעג ער ווע־רען רויט פאַר צער און כעס, ער האָט גענומען געהן מיט שנעלערע טריט, אָבער וואָס מעהר ער איז געלאָפען, אַלץ צעפּאָהרענער און לעכערליכער איז געוואָרען זיין גוף.

קינדער זענען בכלל גרויזאַמע און דאָמינגין איז געווען דער שעיר־לעזאזל פאַר די מזיקים פון סאַן טערענזאָ.

ווען עריקאָ האָט זיך אויסגעדרעהט צום פּלאַץ און צוגעקוקט ווי חברה מאַכען מיט דאָמינגינען די זעלבע קונץ, וואָס אַלעמאָל אַ קונץ, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל צוגעזעהן פון וויטענס, הגם ביי־זיין איז עס איהם נישט אויסגעקומען, ווארום ער פלעגט תמיד געהן באַגלייט פונ׳ם פעטער באַטשיטשיאָ און דאָס איז גע־ווען גענוג, אַז חברה זאָל באַקומען דרך־ארץ און נישט פּראָווען זייערע שטיק מיט דעם אָרימען שלים־מזל.

דאָמינגין איז געווען איינגעשלאָסען אין אַ קרייז פון אינגלעך.

וועלכע האָבען שטאַרק גע׳חוזקט פון איהם, אָבער להיפוך פון אַנדערע מאָל, האָט ער איצט שנעל פאַרלוירען דעם געדולד און כאַפּענדיג אַ שטיין אין האַנט האָט ער גענומען דראָהען מיט איהם יעדען איינעם, וואָס האָט איהם נישט צורוה געלאָזט.

איינעם פון די עלטערע אינגלעך האָט פאַרדראָסען דאָמינגינס שטעל, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איהם און איהם אומגעוואָרפען אויף דער ערד. דער אָרימער הויקערל איז געפאַלען אונטער זיין אָנגרייפער.

עריקאָ האָט מעהר נישט געקענט פאַרשווייגען יענץ בילד. ער האָט אַוועקגעוואָרפען זיין פאַנג-שטעקעל אויף די שטיינער, און מיט איין שפרונג איז ער געווען אויפ׳ן פלאַץ. ער האָט דורכגעריסען דעם קרייז פון די פייניגער און ער איז אָנגעפאַלען אויף יענעם בחור׳ל, וואָס האָט מיט זיינע קניהען געדריקט דעם הויקערל, וועלכער האָט אומזיסט זיך גע׳בריה׳ט ארויסצוקריגען זיך פון יענער שווערער משא.

— אויסוואורף, אויסוואורף — האָט געשריען עריקאָ — לאָז אָפּ דאָמינגינען — און זיינע פויסטען האָבען גענומען האַגלען איבער די פלייצעס פון יענעם אומבאַרימהאַרציגען כוואַט.

די אַנדערע אינגלעך האָבען זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון זייער חבר און זיי זענען אָנגעפאַלען אויף עריקאָ׳ן מיט זייערע פויסטען, איהם געשלאָגען און געשריען:

— נעמט איהם, נעמט איהם! נעמט איהם דעם פריץ!

און דער פריץ האָט, געשטויסען פון איין זייט צו דער צווייטער, געגעבען פעטש און קולאַקעס אויף רעכטס און לינקס, מיט וועלכען ער האָט געזוכט זיך צו באַפרייען פון אַלע זיינע שונאים.

ווער ס׳האָט זיך דערווייל געראַטעוועט, אַדאַנק דעם מישמאַש, איז געווען דאָמינגין, וועלכען ס׳איז געלונגען צו עפענען זיך אַ וועג צווישען יענע פיס און הענט און ער איז אַוועק צו זיין מומען אַהיים.

עריקאָ איז געהאַט אומגעפאַלען אויף דער ערד, אָבער, פון ווען צו ווען, האָט ער זיך אויפגעהויבען, און, מיט אַ גוט-דערלאַנגטען

סטוסאַק האָט ער איבערגעקערט איינעם פון זיינע געגנער; אָבער ווען איינער איז פאַרשוואונדען, איז געקומען אַ צווייטער. זיינע כוחות האָבען אָנגעהויבען זיך אויסלאָזען און ער האָט שוין גע-האַלטען ביי אונטערגעבען זיך.

דורך אַ שטוים פון דריי, פיר אינגלעך מיטאַמאָל, איז ער מיט׳ן קאָפּ צוגעפּאַלען צום שפּיצעכיגען שטיין, וועלכען דער הויקערל האָט געהאַט געכאַפּט אין האַנט אָנצושרעקען זיינע שונאים, און נאָכהער איהם איבערגעלאָזען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד. דער קלאַפּ איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט איהם פאַראורזאַכט אַ ברייטע וואונד אין שטערען, פון וועלכער ס׳האָט אַ שפּראָץ געטון אַ היבש שנירעל בלוט.

די אינגלעך זענען מבולבל געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן דאָס בלוט, און בעת מענער און פרויען האָבען זיך גענומען אויפ-לויפען פון אַלע זייטען צו מאַכען אַ סוף צום געשלעג, זענען חברה זיך צעלאָפען אין אַלע זייטען און איבערגעלאָזט עריקאָ׳ן אַליין, וועל-כער האָט גאָרנישט געזעהן, ווייל דאָס בלוט האָט איהם פאַרגאָ-סען די אויגען.

דער אַפּטייקער און דער דאָקטאָר האָבען איהם אויפגעהויבען, און אַז מ׳האָט אָרומגעוואַשען און אָרומגערייניגט די וואונד, האָ-בען זיי דערזעהן, אַז ס׳איז נישט קיין ערנסטע וואונד.

זיי האָבען אָרומבאַנדאַזשירט עריקאָ׳ן, און דאָס בלוט איז גלייך פאַרהאַלטען געוואָרען. בעת מ׳האָט איהם געמאַכט דעם באַנדאַזש האָט עריקאָ געהאַלטען אין איין בעטען:

— כ׳בעט אייך... כ׳בעט אייך נישט זאָגען מיין פעטער ווע-גען גאָרנישט. ער וואָלט שטאַרק געליטען דערפון. ווען ס׳וועט שוין נישט געהן קיין בלוט, וועל איך אַליין איהם דערצעהלען וואָס ס׳איז געשעהן. איצט וועל איך וויטער געהן כאַפּען פיש. איאָ כ׳מעג געהן כאַפּען פיש?

— ניין — האָט געענטפערט דער דאָקטער — ס׳איז אַ שטאַר-קער ווינט און דאָס איז נישט גוט פאַר דער וואונד. קום, איך וועל דיך אָפּפיהרען אַהיים.

— ליבער דאָקטער, אַדאַנק אייך פאַר אַלץ, אָבער אַהיים וויל איך גייען אַליין. אויב דער פעטער זאָל מיך דערזעהן מיט אייך וועט ער זיך שטאַרק דערשרעקן.

עריקאָ איז אַוועק צום ברעג, גענומען דאָס שטעקעל, די אַנדערע מכשירים, דאָס קוישעל אין וועלכען ס׳זענען געלעגען עטליכע פישלעך, און אַ רוהיגער, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט האָבען געשעהן, איז ער אַוועק אַהיים. ער איז אָנגעקומען סאַמע אין דעם מאָמענט ווען דער פעטער האָט געעפענט דאָס טירעל פון פלויט מיט דער דעה זיך צו לאָזען גיין צום ברעג, בכדי צו זעהן וויפיל פיש עריקאָ האָט עס אָנגעכאַפּט.

עריקאָ האָט געהאַט אַראָפּגערוקט ביז די אויגען דעם גרויסען שטרויענעם הוט וואָס ער האָט געטראָגען, בכדי עטוואָס אויסצובאַהאַלטען דעם ווייסען באַנדאַזש פון ארום זיין שטערען, אָבער זיין קאָפּ האָט דאָך אויסגעזעהן מגושם׳דיג גרויס, און אגב האָט דער הוט נישט צוגעדעקט דעם גאַנצען באַנדאַזש. דער פעטער באַטשיטשיאָ האָט גלייך דערזעהן דאָס טייערע קעפּעלע פון זיין עריקאָ מיט יענעם ווייסען באַנדאַזש, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה...

— וואָס איז געשעהן, עריקאָ? וואָס איז מיט דיר געשעהן?

— האָט ער אַ פרעג געטון אַן אויפגעציטערטער.

— כ׳בין צוגעפאַלען צו אַ שפּיצעכיגען שטיין און כ׳האָב צעראַצט די הויט פון שטערען.

עריקאָ האָט קיין ליגען נישט געזאָגט, אָבער דעם גאַנצען אמת — אויך נישט, און ער איז געווען אַזאַ אויפריכטיגער אַז אפילו די האַלבע אמת׳ען האָבען איהם געבריהט די צונג. ער איז ביי זיינע רייד רויט געוואָרען און דאָס קול האָט ביי איהם געציטערט און זיך אָפּגעהאַקט.

— ניין, ניין, עריקאָ; דו זאָגסט מיר נישט אַלץ... דער דאַזיגער באַנדאַזש איז צו גוט געמאַכט און ער איז צו ברייט. האָסט געמוזט דיר שטאַרק וועה טון... דעם באַנדאַזש האָט געמאַכט דער דאָקטאָר..

און פאַרקנייטשענדיג זיינע ברעמען האָט ער מיט כעס אַ ברום געטון:

— צום טייפעל... אַריין אין שטוב! איך קום באַלד צוריק. איך׳ל אַ לויף טון זיך צעפּרעגען... אויב עמיצער האָט דיך פאַרוואונדעט וועסטו עס מיר נישט זאָגען, און איך וויל, איך מוז ווי־סען ווער עס האָט דיר שלעכטס געטון. און, ווי גאָט לעבט, אַז איך וועל...

עריקאַ האָט נישט אוספּיעט אויסצורעדען אַ ניי וואָרט, ווען דער פעטער איז שוין געווען זעהר ווייט פון איהם.

אויפ׳ן שפּאַציר־פּלאַץ האָט דער אַפּטייקער דערצעהלט דעם פעטער באַטשיטשיאַ׳ן אַלץ וואָס ס׳איז געשעהן, און ער האָט צו־געגעבען, אַז ער האָט באַוואונדערט עריקאַ׳ס בראַווקייט ביים אַרויסראַטעווען דאָמינגינען פון יענער באַנדע מזיקים...

דער כעס ביים פעטער באַטשיטשיאַ איז גלייך אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי עס לעשט זיך אויס אַ שרפה, ווען זי ווערט פאַר־פלייצט פון וואַסער. דער צאָרן איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין רחמנות, אין צערטליכקייט, און אין זיינע אויגען, וועלכע האָבען אַ רגע פריהער אויסגעזעהן ווי צוויי גליהענדיגע קוילען צווישען זיינע באַוואַקסענע ברעמען, האָבען אופגעבליצט צוויי טרעהרען. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— גוט האָט ער געטון, עריקאַ! אָרים קינד, נעבעך!

אין איין אָטעם איז ער געקומען צולויפען אַהיים. עריקאַ איז שוין נישט געווען אין גאָרטען, נייערט אין זיין צימער, וואו דער פעטער האָט איהם געטראָפען שטעהן פאַר׳ן שפּיגעל און באַטראַכ־טען מיט קינדערשער נייגעריגקייט ווי ער זעהט אויס אין דעם מאָדנעם באַנדאַזש.

דאָס קינד איז שוין געשטאַנען אַ לענגערע צייט און נישט גע־קענט אַראָפּנעמען זיינע אויגען פון אַ ראָזעווען פלעקעלע סאַמע אויפ׳ן פּלאַץ פון דער וואונד.

דער פעטער האָט איהם פאַר די אַקסלען אָנגעכאַפּט און אויס־געדרעהט איהם צו זיך, ער האָט איהם גענומען האַלזען און קושען,

און אַז ער האָט באַמערקט דאָס ראָזעווע פלעקעלע, האָט ער אָפּ-געשטעמפּעלט אויף דעם צוויי וואַרימע קיש.

עריקאַ איז געווען אויסער זיך פון דעם פּעטערס אָפּשאַצען זיין שעהנעם טאַט.

— זעה, עריקאַ — האָט דער פּעטער באַטשיטשיאַ זיך אָפּ-גערופען — אויף דיין שטערען וועט זיכער בלייבען אַ קליינער צייכען, און דאָס וועט דיך דערמאָנען, ווען דו וועסט שוין האָבען אַ באָרד, אַ גרויע באָרד שוין אפשר, אַז ווען דו ביסט געווען אַ קינד, האָסטו אויפגעטון אַ גוטע און עהרענהאַפטע זאַך.

— כ'האָב דאָך נישט מעהר ווי דערפילט מיין פליכט.

— יאָ, אמת. אָבער דו האָסט איינגעשטעלט דיין אייגען לע-בען און נישט אויסגערעכענט, אַז זיי זענען געווען צעהן געגען דיר איינעם. דו האָסט נישט געצעהלט דיינע שונאים, נייערט דו האָסט דיך אַ וואָרף געטון צו פאַרטיידיגען דעם שוואַכען פון'ם שטאַרקען... דאָס האָסטו געטון, ווען דו ביסט אַ קינד, און דאָס וועסטו זיכער אַלעמאָל טון, ווען דו וועסט שוין זיין אַ גאַנצער מענש. דאָס איז איינער פון די פאַלען, אין וועלכע דער שכל דאַרף, באין אופן, נישט אָפּהאַלטען דאָס הארץ פון אויפהויבען די שטי-מע... וועה וואָלט געווען צו אונז, ווען ביי יעדען אויספיהרען אַ נאָבעלען טהאַט אָדער מאַכען אַ קרבן, זאָלען מיר וועלען וועגען און מעסטען די מעגליכקייטען פון אַ דורכפאַל, ווי אויך מעסטען אַלע פאַר און געגענס!... ווען מען זאָל דאָס טון, וואָלטען מיר נישט געהאַט אין דער וועלט-געשיכטע קיין איין העלדיש בלעטעל, קיין איין נאָבעלע טהאַט צו דערמאָנען.

אין אייניגע טעג אַרום איז שוין די וואונד געווען פאַרהיילט, אָבער ס'איז איהם פאַרבליבען אַ לייכטער צייכען, נישט אומאַנ-גענעהם פאַר'ן אויג, פונקט ווי דער פּעטער האָט עס איהם געהאַט פאָראויסגעזאָגט.

אויב אָבער די וואונד האָט זיך פאַרהיילט שנעל, נישט דער-פאַר האָבען אויך אַזוי שנעל זיך געענדיגט דעם פּעטערס דרשות

וועגען דער געשעהעניש, ער האָט זיך אַנטשולדיגט פאַר זיין פּלי-מעניק:

— מיר, די אַלטע לייט, ווייסטו דאָך — האָט ער געזאָגט — זענען מיר פלאַפּלערס און פּרעדיגערס; אָבער דו האָסט מיך ליב און כ'ווייס, אַז עס באַלעסטיגען דיך נישט מיינע פלאַפּלערייען און מיין פּרעדיגען. מען וואָלט געקענט אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך וועגען דיין נאָבעלען טהאַט צו אַרויסראַטעווען דאָמינגינען פון די הענט פון זיינע פייניגער.

ווען אַלע מענשען וואָלטען פאַר זייער קורצען לעבען געמאַכט גערעכטיגקייט מיט די אייגענע הענט, וואָלט די געזעלשאַפט אַ סך שעהנער אויסגעזעהן, און עס וואָלטען נישט געווען נויטיג אַזוי פיל סאָלדאַטען, אַזוי פיל ריכטער, אַזוי פיל ציוויל-געריכטען, אַפּעלאַ-ציע-טריבונאַלען און העכסטע געריכטען.

עס וועט זיך דיר דוכטען, אַז איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער גלויב מיר, אַז איך בין עס נישט, ווארום איך שעץ די געזעצען און די העכערע מאַכט מעהר ווי אַלץ, און איך אַפּלאָדיר די מאָ-דערנע ציוויליזאַציע, וועלכע פאַרבאָט דעם יחיד צו נעמען נקמה מיט די אייגענע הענט, און זי גיט איבער דעם ענין צום קאָדעקס און צום געריכט. די גערעכטיגקייט וואָס ווערט נישט געמאַכט מיט די אייגענע הענט, נייערט דורכ'ן געזעץ, איז פון אַלעמענס אינטערעס, ווארום ווען דער יחיד זאָל אַליין אָננעמען זיין קריוודע, וואָלט ער וויים אַוועק.

אָבער צוריקגעשמועסט, זענען מיר שוין אויך אַוועק זעהר וויים, און מיט'ן צונעמען ביים יחיד דאָס רעכט צו באַשטראָפען אַליין פאַר דער אומגערעכטיגקייט, וואָס ווערט געגען איהם באַ-גאַנגען, האָבען מיר איהם געמאַכט פאַר אַ טויטער זאַך. איך האַלט, אַז אין די ראַהמען פון נישט עובר זיין אויפ'ן קאָדעקס, וואָלטען מיר באַדאַרפט פאַרטיידיגען מיט די אייגענע הענט די שוואַכערע, באַשטראָפען די אומגערעכטע, און כאָטש מיר זענען נישט קיין פּאָליציסט אָדער סאָלדאַט, וואָלטען מיר געמעגט, בעסער געזאָגט,

וואָלטען מיר בּאַדאַרפט זיין ריכטער און נקמה-נעמער פאַר אונ-זער רעכט, ווי אויך פאַר דער רעכט פון די אַנדערע.

פונדעסטוועגען איז אַזוי בּאַקוועם צו פּאַרציהען מיט די אַקס-לען און לאָזען אַ צווייטען טון... איך דערמאָן מיך אָן אַ זאַך, וואָס איז אַמאָל געשעהן אין גענוא. כ׳בּין געשטאַנען פאַר אַ קלויסטער, פון וועלכען עס זענען אַרויס, פון נאָך גאָטעס-דינסט, אומצאָהליגע מענער און פרויען.

פלוצים האָט אַ יונגערמאַן, כמעט פאַר מיינע אויגען, אַרויס-געכאַפּט בּיי אַ רייכען קאַוואַליר אַ טיכעלע, וואָס האָט אַרויסגע-שטעקט פון רעקעל-קעשענקעלע. דער קאַוואַליר האָט עס נישט בּאַמערקט און יענער האָט בּאַהאַלטען דאָס טיכעלע, ער איז אַרי-בּער אויפ׳ן אַנטקעגענדיגען טראָטואַר און זיך אויסגעמישט מיט׳ן המון.

איינער, וואָס איז געשטאַנען לעבּען מיר, האָט צוגעקוקט יענע גנבה, און ווענדענדיג זיך צו מיר מיט אַ שמייכעל, האָט ער מיט גרויס צופרידענהייט אַ זאָג געטון:

— איהר האָט געזעהן? אָט דאָס הייסט אַ פיין שטיקעל אַרבּייט.

— יאָ, איך האָבּ געזעהן, אָבּער איך וועל פאַרהאַלטען דעם גנב.

— אָ, לאָזט איהם אָפּ. ער האָט דאָס אָפּגעטון מיט אַזוי פיל חן, אַז ס׳וואָלט געקומען איהם צו געבּען אַ פּריז. אגב דאַרף דער בּאַ׳גנבעטער זיין אַ רייכער מאַן, ווייל, ווי איהר האָט געזעהן, איז דאָס טיכעלע זעהר אַ שעהנס.

כ׳האָבּ אַ קוק געטון מיט עקעל אויף יענעם מענשען, איהם נישט געענטפערט מעהר קיין וואָרט, און אַזוי ווי כ׳האָבּ נישט גע-האַט פאַרלוירען פון אויג דעם גנב, האָבּ איך איהם אָנגעיאָגט, אַ כאַפּ געטון פאַר׳ן האַלז און איהם געצוואונגען אומצוקעהרען דאָס גע׳גנבעטע טיכעלע. פּאָליציסט און ריכטער אויף איין מאָל, האָבּ איך אָפּגעגעבּען דאָס טיכעלע דעם אייגענטימער און דעם גנב אי-

בערגעגעבן צו אַ פּאָליציסט, וועלכער איז צופעליג פאַרבייגעגאַנ-גען דורך דאָרטען.

כ'האָב דערפילט מיט מיין פליכט, אָבער, גלויב מיר, אַז פיל אַנדערע וואָלטען דאָס נישט געטון, און ווען זיי וואָלטען געקומען אַהיים, וואָלטען זיי נאָך געהאט צו דערציילען די חשיבות און געשיקטקייט פונ'ם גנב.

הונדערטער און טויזענטער פאַלען זענען פאַראַן, ווען מיר קע-נען און דאַרפען מיט די אייגענע הענט מאַכען גערעכטיגקייט, און עס איז אַ פאַרברעכען דאָס פאַרציהען מיט די אַקסלען און זאָגען: „ס'איז דאָך פאַראַן אַ געריכט, זאָל ער זיך פאַרנעמען דערמיט"... איך פאַרשטעה נישט דעם שכל דערפון. דאָס איז איינפאַך אַ נאַ-רישקייט און אַ זינד דערצו.

* *

*

עריקאָ'ס וואונד איז שוין געווען אינגאַנצען פאַרהיילט, און ער וואָלט שוין פולשטענדיג געהאט פאַרגעסען דעם קאַמף, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטען פאַר'ן שלים-מזל'דיגען דאָמינגינען, ווען עס זאָל איהם נישט געווען מוטשען כסדר אַ געדאַנק, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט טרויער.

דאָמינגין איז נישט געהאט געקומען אין הויז פון פעטער באַ-טשיטשיאַ נאָך יענער געשעהעניש, און עריקאָ'ן האָט זיך געדוכט, אַז לפחות וואָלט ער געווען געמעגט קומען איהם אָפּגעבען אַ דאַנק.

און נישט נאָר האָט זיך דער שלים-מזל נישט געוויזען, נייערט ווען עריקאָ האָט איהם געזעהן אין גאַס, האָט יענער זיך געמאַכט ווי ער זעהט איהם נישט אָדער ער איז גאָר אַנטלאָפען פון איהם. פאַרוואָס זאָל ער עס זיין אַזוי אומדאַנקבאַר? פאַרוואָס אַזאַ אומ-דערצויגענקייט און אומהעפליכקייט מיט איינעם, וואָס האָט איהם געטון אַזאַ גרויסע טובה? די טובה איז דאָך באמת געווען אַ גרויסע, ווארום מען דאַרף וויסען, אַז פון יענעם פאַל אָן האָבען סאָן טערענזער מזיקים ווי פאַרגעסען, צי ס'איז פאַראַן אַ דאָמינגין

אין שטעדטעל, איהם מעהר נישט אָנגעריהרט פשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט.

עריקאַ האָט געטראַכט, אַז ווען מען זאָל איהם געווען האָבען פאַרטיידיגט, וואָלט ער געלאָפען צו זיין רעטער, ער וואָלט גע-פיהלט אַ דראַנג צו האַלזען איהם און קושען, זאָגען איהם אַ דאַנק. און יענער, דאַגעגען, האָט איהם אויסגעמיטען! יענער האָט זיך אָפילו נישט געוואָלט מטריח זיין צו קומען זאָגען איהם דאָס איינ-ציגע צוויי-זילביגע וואָרט: אַ דאַנק!

עריקאַ'ן האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסען און אין אַ טאָג, ווען זיין קליין קעפּעלע איז געווען פול מיט פאַרשידענע געדאַנקען, ווי דער הימעל מיט געדיכטע וואָלקענדלעך ערב אַ רעגען, האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסשפּאַרען אויף דרויסען, ווי דער רעגען פון די וואָלקענדלעך.

ער האָט אַ פרעג געטון ביים פעטער:

— דאָמינגין איז נישט געקומען די טעג צו אונז?

— ניין; צו וואָס דאַרף ער דען קומען?

— וואָס הייסט?... צו... סתם אַזוי, מיין איך, צו גאַסט... זיך צו זעהן מיט אונז...

דער פעטער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואוהין עריקאַ צילט און ער האָט גענומען קייכען פון געלעכטער:

— ביסט גערעכט עריקאַ. ער האָט באַדאַרפט דיר אָפּשטאַ-טען אַן אָפיציעלען וויזיט דיר אָפּצוגעבען אַ דאַנק פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט געטון אין איהם. נישט דאָס האָסטו געמיינט?

עריקאַ איז געוואָרען רויט און טויט, וואָס דער פעטער האָט גלייך געטראָפען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. ער האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, און דער פעטער האָט ווייטער געזאָגט:

— כ'בין זיכער, אַז ער האָט דיך באַגעגענט אין גאַס און דיר געווים זעהר שעהן באַדאַנקט.

— ניין, פעטער, ער האָט דאָס נישט געטון; פאַרקעהרט, ווען ער דערזעהט מיך, אַנטלויפט ער פון מיר אָדער ער מאַכט זיך, ווי ער זעהט מיך נישט.

— און דיר טוט דאָס וועה?

— שטאַרק, זעהר שטאַרק...

— האָסטו דען פאַרטיידיגט דאָס בחור'ל, בכדי ער זאָל דיר אָפּדאַנקען, בכדי ער זאָל אַלע טאָג און אַפילו פאַר מענשען אין די אויגען דיר אַרויסווייזען זיין אנערקענונג?

— אָ, ניין, פּעטער! כ'וואָלט נאָר וועלען ער זאָל מיר געבען אַ קוש, ווייל איך פיהל מיך צו איהם שטאַרק צוגעבונדען פון יע-נעם טאָג אָן... איך אויף זיין אָרט...

— דו, אויף זיין אָרט, מיין עריקאָ, ווער נאָר נישט ברוגז, וואָלסטו אויך פונקט אַזוי געטון. אָבער ווי קענסטו דיך גלייכען צו איהם? דו, וואָס ביסט געבוירען צווישען די צערטלענישען פון דיינע עלטערן; דו, וואָס האָסט דיך געוויגט כסדר צווישען צאַרטע הענט; דו, וואָס דו געהסט איבער פון דיינע עלטערנס הענט אין די הענט פון אַן אַלטען פּעטער, וועלכער האָט דיך ליב ווי אַ פאָ-טער און ווי אַ מוטער צוזאַמען, קענסטו דיך פאַרגלייכען מיט אַן אָרימען אינגעל, וואָס איז געוואַקסען מיט'ן כח פון בוכענצייעס און קללות, און וועלכער האָט אין יעדען איינעם באַדאַרפט זעהן בלויז שונאים און הענקער? האָסטו אַמאָל אַ טראַכט געטון, מיט וויפיל ביטערניש עס מוז פול זיין די נשמה פון דעם דאָזיגען יאַטעל? ער איז וואַהרשיינליך נישט קיין שלעכטער, נייערט ער איז פול מיט גאַל און אפשר האָט ער אויך נאָך קיינמאָל קיינעם נישט קיין גלעט געטון, ווייל אַלע האָבען איהם געשלאָגען. אפשר ווייסט ער גאָר נישט דעם טעם פון געבען אַ קוש און באַקומען אַ קוש! ער זאָל סתם אַ שפּרונג טון דיר אויפ'ן האַלז, בכדי דיר אויסצודריקען דאָס וואָס ער פיהלט מישמאַשיג אין דער טיפעניש פון זיין האַרצען, האָט ער מורא אפשר אויסצוזעהן לעכערליך, אפשר וועסטו גאָר חוזק מאַכען פון איהם און איהם פאַרשטויסען פון דיר?

— אויב אַזוי, וועל איך געהן צו איהם, ווייל איך האָב איהם שטאַרק ליב.

— געה, פאַרוואָס נישט? אָבער אויב ער איז נאָך אַלץ צע-מישט, אויב ער וועט נישט וויסען דיר צו זאָגען דאָס מינדסטע

*

וואָרט פֿון דאַנקבאַרקייט, קעהר איהם נישט אום דיין נאַקען, האָב איהם אויך ליב אויף ווייטער, ווי ביז איצט. מיר וועלען איהם איינלאַדען צו קומען אַהער זיך שפּילען אין גאָרטען, מיר וועלען איהם אויסלערנען עפּעס אַ שפּיל, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פֿאַר זיינע צעפּאָהרענע גלידער, און דאָ וועט ער פֿאַרברענגען דערוויי־טערט פֿון אַלעמען און נישט דאַרפֿען מורא האָבען, אַז ער ווערט אויסגעלאַכט פֿאַר זיינע מיאוסע באַוועגונגען.

בכלל דאַרפֿסטו נישט ארויסקוקען אויף קיין דאַנק. דאָס טון גוטס איז שוין אַליין אַ פּריז, און פֿאָדערען דאַנקבאַרקייט וואָלט געהייסען אַזוי גוט, ווי געבען געלט אויף פּראָצענט. אויב מען דאַנקט אונז, מהיכתיתי; אויב אָבער מען פֿאַרגעסט אונזער טובה, ערגער פֿאַר יענעם, ווארום ער וועט נישט קענען האָבען דאָס גוטע געפֿיהל פֿון זיין דאַנקבאַר צו אונזערע בעלי־טובה. דער טהאַט פֿון פֿאַרטיידיגען די שוואַכע, מאַכען גערעכטיגקייט פֿאַר די אונטער־דריקטע, אויסווישען אַ טרעהר ביי די, וואָס ליידען איז אַזאַ גרויס פֿאַרגעניגען, אַז מען דאַרף נישט האָבען קיין אַנדער פֿאַרגוטיגונג...

*



XIV

די ים-כוואַליעס און די מענשען-כוואַליע. — די ווערט פון די מענשען און דער אופן ווי זי צו מעסטען.

זאָג נאָר, פעטער, פאַרוואָס טרעפט, אַז אין אַזאַ פּלאַץ, וואו די מענשען זענען, ווי דו זאָגסט, פלייסיגע און אומדערמידליכע אין דער ארבייט, זאָל איך אָפט זעהן מענשען פון פאַרשידענער עלטער, וועלכע אָט אויף די פעלזען-שטיינער, אָט אויף די קאַנאַל-בענק אָדער גאָר אָנגעשפּאַרטע אויפ׳ן פליאַזש-זאַמד, קוקען זיי שעה׳ן און שעה׳ן אויפ׳ן ים?

— ווייל דער מענש דאַרף נישט נאָר אַרבייטען, נייערט אויך טראַכטען, און קיין זאַך אין דער וועלט מאַכט אַזוי נישט טראַכטען, ווי דער אָנבליק פון ים. איך האָב פיל געררייזט, דו ווייסט עס, און אין אייראָפּע ווי אין אַפריקע, אין אַזיע ווי אין אויסטראַליע און אין אַמעריקע, האָב איך כסדר געזעהן מענשען פון פאַרשידענער פאַרב און פאַרשידענער עלטער פאַרברענגען אַ סך שעה׳ן ביים פליאַזש און ביי די פעלזען, וואו זיי האָבען געהאלטען אין איין קוקען אויפ׳ן ים. דער עם-הארץ און דער דיכטער, דער יונגערמאַן און דער אַלטער וועלען געוויס טראַכטען פאַרשידענע, אָבער אַלע טראַכטען וועגען עפּעס, און, מעהר ווי טראַכטען, פאַרלירען זיי זיך אין אַ פאַנטאַסטישער אומקלאָהרקייט.

פאַראַן פייזאַזשען פון בערג, בערגלעך און טאָלען, וואָס האָ-

בען מיט גאַרנישט זיך צו שעהמען אַנטקעגען דער שעהנקייט פון דעם ים, אָבער ס'איז נישט מעגליך צו שטעהן עטליכע שעה און באַטראַכטען די ליניעס פון די חן-פולסטע בערג אָדער זיין איבע-ריג אַנטציקט פון די גרינע טאָלען און לאַנקעס. די דאָזיגע בילדער פון יבשה פאַרשאַפען אונז פרייד, רופען אַרויס אונזער פאַרוואונ-דערונג, אָבער זעהר זעלטען קענען מיר, ווען מיר קוקען אויף זיי, זיך פאַרזינקען אין אַ סתם-טראַכטען, ווי עס טרעפט ביים ים.

— אַט דאָס האָב איך דיך טאַקע געפרעגט, טייערער פעטער. פאַרוואָס איז פאַראַן אַזאַ כישוף אין דער דאָזיגער איבערפלאַך, וועלכע איז, פונדעסטוועגען, אַ סך מאָנאָטאָנער און ווייניגער פאַר-שידען ווי די יבשה?

— איבער צוויי טעמים, מיין עריקאַ: ווייל דער ים איז אומ-ענדליך פאַר אונזער אויג, און ווייל ער איז כסדר אין באַוועגונג. אינ'ם ים זעהן מיר דאָס גרעסטע בילד פון ערדישען לעבען; אַנט-קעגען ים פאַרלירען מיר זיך אין אַן אומענדליכקייט, וואָס אונזערע הענט קענען נישט אָנריהרען, וואָס אונזער בליק קען נישט פאַר-כאַפּען. דער מענש דאַרף האָבען די דאָזיגע צוויי זאַכען: לעבען און דערוואַרטען אַ וועלט, וועלכע איז ווייטער פון דער וועלט, וואָס אונזערע אויגען זעהן און אונזערע הענט קענען אַנטאַפּען.

דער ים באַפרידיגט די דאָזיגע צוויי מענשליכע נויטווענדיג-קייטען. דאָס אומענדליכע איז נישט גענוג און וועט קיינמאָל נישט זיין גענוג פאַר'ן מענשען. דער מענש דורשט נאָכ'ן אומענדליכען. רוף עס אָן גאָט, נאַטור, רעליגיע, אידעאַל; רוף עס אָן ווי דו ווילסט; דער מענש איז אייגענטליך מענש, ווייל ער גלויבט און האָפט אויף עפּעס, וואָס איז ווערט מעהר פון איהם, וואָס זאָל לעבען מעהר פון איהם.

רעספּעקטיר, עריקאַ מיינער, אַלע מענשליכע רעליגיעס. אַלע זענען פאָרמען פונ'ם אידעאַל, פאַרשידענע וועגען, אָבער אַלע פיה-רען צום זעלביגען ענד-פונקט. אויף דער דאָזיגער וועלט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, רעדען די מענשען אויף הונדערטער און אַפילו

אויף טויזענטער שפּראַכען. און איין זעלביגער געדאַנק דרינגט ארויס פון די פאַרשידענסטע און מאָדערנסטע לשונות. די רעליגיעס זענען נאָך אַמאָל אַזוי פיל שפּראַכען פון דאָס אידעאַלע, מיט וועלכע מיר דריקען אויס דעם זעלביגען געדאַנק. קאַטאָליקען, רעפאָרמאַטאָרס, אידען, בודיסטען, לאָמיר זיך אַלע רעספּעקטירען און לאָמיר זיך אַלע ליב האָבען. פון די דעכער פון קריסטליכע טעמפּלען, פון די טורעמס פון רעפאָרמאַטאָרישע קלויסטערס, פון די געגילדעטע שפּיצען פון אידישע שוהלען, פון די ווייסע דעכער פון בודיסטישע טעמפּלען דערהויבען זיך שירים און הימנען און אַלע געהן אַרויף צום זעלביגען הימעל.

אויך דער ים איז אַ טעמפּעל, פאַר וועלכען עס בויגט די קניהען די גאַנצע מענשליכע משפּחה, ווארום אין זיין שוים צאַפּעלט דאָס גאַנצע לעבען פון אונזער פּלאַנעט; ווארום אין זיינע אינגעווייַדען איז פאַראַן די מוטער פון אַלע פּלאַנעט-קינדער; ווארום די כוואַליע, וואָס איז כסדר אין באַוועגונג און ווערט קיינמאָל נישט מיד, איז די מוטער פון דער ערד, וועלכע האָט אונז באַשאַפען און וועלכע וועט אונז געבען אַ געלעגער פאַר אונזער לעצטען שלאָף.

ווען מען וואָלט קענען צונויפזאַמלען אין איין בוך אַלע געדאַנקען, וואָס די מענשען האָבען פאַרטראַכט, אַרויסגערופען פון דעם בילד, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער ים, וואָלטען מיר אפשר געהאט די שעהנסטע און די גרעסטע פּאָעמע, אין וועלכער די אומבאַוואוסטזיניגע און כמעט אידיאָטישע באַוואונדערונג פונם ווילדען און פונם קינד, וואָלט געגאַנגען לעבען די גרוילען פון שרעק, פון הימן פון ענטוזיאַזם, פון אַלע מעלאַנכאָליעס, פון אַלע צערטליכקייטען און פון אַלע פאַנטאַזיעס פון דער מענשליכער משפּחה. אַנטקעגען ים זענען מיר אַלע דיכטער, און דער חיבור פון אַלע פּאָעזיעס, וואָס זענען דורך איהם אַרויסגערופען געוואָרען, וואָלט געווען באמת די ערשטע פּאָעמע אין דער וועלט.

אָבער, עריקאָ מיינער, דו ביסט נישט געקומען קיין סאַן טערענזאָ צו רעדען מיט מיר וועגען סענטימענטאַלער פילאָזאָפיע, נייערט אויף צו זוכען געזונט און פראַקטישע פילאָזאָפיע. פון דעם

דאָזיגען פענסטער זעהט מען נישט נאָר דעם ים. אז מיר וואַרפען אַ בליק אויפ׳ן שפּאַציר-פּלאַץ זעהן מיר נאָך אַ כוואַליע, די כוואַליע פון מענשען, וואָס געהן אַוועק און פון מענשען, וואָס קומען; און די דאָזיגע כוואַליע רוהט אויך נישט פון אינדערפריה ביז נאַכט.

ווען איך קוק אַראָפּ און איך באַגלייט מיט מיין בליק די דאָזיגע מענשען-כוואַליע, פאַרזינק איך מיך לאַנגע שעה׳ן אין רעיונות און געדאַנקען. די דאָזיגע גאַס איז דער ברעג פון דער מענשליכער וועלט, וואו מענשען געהן און קומען אין די טויזענטער, אין מיליאָנען, כאָטש אַלע זענען, פונדעסטוועגען, אַזוי פאַרשידען צווישען זיך. דאָ, פון דער הויך פון דעם פענסטער, באַטראַכט איך די אַלע קעפּ, אַט פליכעוואַטע, אַט באַוואַקסענע, אַט אַנטבלויזטע און אַט צוגעדעקטע, הויכע און נידעריגע; כ׳זעה די פאַרשידענע זשעסטען און כ׳הער די פרעהליכע און טרויעריגע שטימען, דאָס לאַכען און דאָס שעלטען, וואָס מישען זיך אויס אין דער לופט, וואָס ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַ מענשליכען געמורמעל, וועלכער איז ווי דער גערויש אין די וועלדער, וואו אַלע צווייגען, אַלע בלעטער רעדען זיך אויף זייער שפּראַך. און עס געהן פאַרביי און עס געהן ווידער פאַרביי די גרויסע קעפּ און די פליכעוואַטע לעבען די געקרייזעלטע קעפּעלעך פון מענשעלעך, וואָס פּיקען זיך ערשט אין דער נעסט, אַנגעלעהנטע אָן די צעשויבערטע האָר פון זייערע מאַמעס; און די ליגענדיגע און גוט אָפּגעגלעטטע קעפּ פון די יונגע לעבען די צעפּאַטעלטע טשופּרינעס פון די זקנות, בעת אַלע טראָגען אין די קעפּ אַ וועלט פון געדאַנקען און פון ליבעס, פון האָפנונגען און שנאות, פון חרטה און פאַרגעניגענס. זיי געהן אַלע פאַרביי אין דעם גרויסע ים פון דער מענשהייט ווי די כוואַליעס אינ׳ם אָקעאַן פון ערדקוגעל. און פּונקט אַזוי ווי די כוואַליע מיט איהרע טויזענטער פרעהליכע מורמלערייען, שושקעט זי שטיל אַריין דער שכנות׳דיגער כוואַליע די לאַנגע געשיכטע פון איהר אָפּשטאַמונג און די מיסטעריען פון איהר לעבען, אַזוי אויך געבען זיך איבער די מענשליכע קעפּ, דורכ׳ן ברען פון זייערע אויגען און דורך די מאָדולאַ-

ציעס פון זייער קול, די לאנגע פרעניות׳ן אינ׳ם קאמף פאר׳ן לעבען, די זכרונות פונ׳ם עבר און די האפנונגען אויפ׳ן מארגען. קיין שום זאך קען נישט אזוי געגליכען ווערען צו דער אומענדליכקייט פון ים ווי יענע צווייטע אומענדליכקייט פון דער מענשען-כוואליע, וועלכע געהט אויף און אפ איבער די גאסען פון א שטאדט אדער שטעדטעל.

וויפיל קעפ, אזוי פיל וועלטען! וואס פאר א וואונדערבארע פארשידענקייט! קיין איין קאפ נישט גלייך מיט׳ן אנדערען, ווען אפילו זיי זאלען זיין פון צוויי ברידער, צי פון א צווילינג. און ווען יעדער קאפ וואלט אונז דערצעהלט זיין געשיכטע, וואלט ער אונז געגעבען א לעקציע פון דער וויסענשאפט פון גוטס און שלעכטס, ווארום אלע האבען געליבט און געהאסט, האבען געזינדיגט און האבען געטון גוטס. ווען זיי זענען געקומען אויף דער ליכטיגער שיין, האבען אלע קעפעלעך אויסגעזעהן ווי חברים, אלע פייכטע נאך און מיט די פעך-פעדערלעך פון דער נעסט, אויסגעווארעמטע פון די לאנגע מוטערליכע קושען. אבער וויפיל געשיכטעס און וויפיל שלאכטען איידער עס זענען געווארען די דאזיגע וייסע בערשטעלעך און די קרענקליכע פנים׳ער, וואס זיי האבען היינט! וואס מעהר מיר דערווייטערען זיך פונ׳ם וויגעל, אלץ פארשידען ווערען מיר; ווארום פונ׳ם צארטען טייג פון קינד, וואס זעהט אוים געמאכט פון רויזען-בלעטלעך, דרינגט אריין אלץ מעהר דער זיגעל פונ׳ם יחיד, וואס מעהר מיר לעבען.

די מענשען, וואס וויםלען איבער דער גאס האבען א פארשידענע ווערט. לאמיר פרואווען מאכען אן אינווענטאר פון די מענשליכע מוראשקעס. פאר אלעמען האבען זיי א פארשידענע ווערט לויט דער עלטער, לויט׳ן כח פון די מוסקולען און לויט׳ן געזונט. דאס איז די ל ע ב ע נ ס-ווערט, די פ י ז י ש ע ווערט, די מ א ט ע ר י ע ל ע ווערט, איבער וועלכע עס וועבען זיך די אנדערע ווערטען, פון א פיל העכערען גראד; דאס איז אזוי ווי די וועב-שטול, אויף וועלכער דער גענייטער וועבער וועבט נאכהער אלע פעדים פון גאלד אדער פון וואל, פון זילבער אדער פון זייד.

וועלכע וועלען שאַפען אַ שטיק שטאָף, וואָס וועט ווערט זיין עט-ליכע סענטים אָדער גאַנצע לירעס אַ מעטער.

דער מענש דאַרף, קודם כל, זיין געזונט, קרעפטיג. ס׳איז אַ גליק צו געבוירען ווערען געזונטע, אָבער ס׳איז אַ פליכט און אַ רעכט צו אָנהאַלטען דאָס גאַנצע געזונט, וואָס די נאַטור האָט אונז געגעבען ביים געבוירען; מיר האָבען דאָס רעכט און דעם חוב צו פאַרבעסערען עס. דאָס געזונט איז דער ערשטער אוצר, און אָהן געזונט האָט קיין שום ווערט נישט, נישט קיין מיליאָנען, נישט קיין גאונות, נישט קיין וויסען.

די דאָזיגע מענשען, וואָס דערשיינען און פארשווינדען פאר אונזערע אויגען דאָרט אין גאַס, ווי זיי וואָלטען געטריבען געוואָרען פונ׳ם שטראָם, זענען ערשטען ווערט, אין ערשטען פּלאַן, לויט׳ן געזונט און לויט זייער כח, וואָס זיי פאַרמאָגען. דער געזונטערער און קרעפטיגערער מענש איז ווערט מעהר פון אַלע, און די קלענסטע ווערט געהער צום שוואַכסטען און קראַנקסטען. וואָס פאַר אַ נוצען קענען אונז געבען דער אימפעט פון ליידענשאַפטען, די שטראַה-לען פון גאונות, די ווערטען פון דער וויסענשאַפט, אויב די הענט וואָס דאַרפען באַוועגען די אַלע אוצרות זענען אָהנמעכטיג זיי צו באַוועגען און פאַרווענדען ?

די צווייטע ווערט, מיט וועלכער מיר קענען קוואַליפיצירען די מענשען, איז די מ אָ ר אַ ל י ש ע ווערט. כ׳זאָג די צווייטע, ווייל זי אַנטוויקעלט זיך שפּעטער, אָבער נישט ווייל אַן אַנדער ווערט זאָל זיין גרעסער פאַר איהר. אויפ׳ן פעלד פון געדאַנקען, איז די מאָראַלישע ווערט אויך די ערשטע.

די דאָזיגע ווערט באַקומט זיך דורכ׳ן דערפילען אַלע אונזערע פליכטען אַלס קינד, ברודער, פאָטער, בירגער און מענש. ווער עס ליבט צום שטאַרקסטען, ליבט כסדר, האַסט קיינמאָל נישט און פאַרצייעט תמיד; ווער עס דערשטיקט אַלע זיינע שלעכטע אינס-טינקטען; ווער עס איז נישט פעהיג צו באַגעהן די מינדסטע אומ-געלומפערטקייט, די אומבאַדייטענדיגסטע נידעריגקייט, נישט אויס

מורא פאַר דראָהונגען און נישט צוליב הבטחות פאַר טובות, דער איז אַ מענש פון גרעסטער ווערט.

און אַזוי ווי פון אַ לירע ביז אַ מיליאָן איז פאַראַן אַזאַ גרויסער לייטער, וואָס ווערט געמאָסטען דורך טויזענט מאָל טויזענט טרעפּ, אַזוי איז אויך אין דער מאָראַלישער ווערט דער מענשליכער לייטער נאָך פיל לענגער און יעדער איינער פון אונז קען און דאַרף שטרעבען צו אַרויפקלעטערען ביז׳ן העכסטען שטאַפּעל. אויפ׳ן געביט פון שעהנקייט, פון רייכטום און פון טאַלאַנט זענען די מעגליכקייטען צו שטייגען זעהר קליינע, אָבער אויפן מאָראַלישען פעלד קען יעדער איינער זיך רעכענען אלס דער עהרליכסטער פון אַלע מענשען, דער ערשטער צווישען די גוטע.

דאָס לעבען איז פול מיט שלעכטע סורפּריזען און טרויעריגע אַקצידענטען, און ווען מיר מיינען, אַז מיר זענען איינגאַנצען באַהיט פון געפאַהר, ווען מיר מיינען, אַז אונזער גליק איז פאַרזיכערט אין אַלע פאַרזיכערונגס-בענק און אין אַלע שפּאָר-קאַסעס, קען קומען אַן אומדערוואַרטעטער שטורם און אונז אומוואַרפען, אונז דערדריקען און אונז איבערצייגען, אַז אונזערע פרעכטיגע פּאַלאַצען זענען געוועזען געבויט אויף זאַמד. דעמאָלט קען אונז קיין זאַך נישט טרייסטען ווי נאָר דער געוויסען פון אונזער מאָראַלישען ווערט, און אין גרעסטען טייל פון די פאַלען איז זי גענוג אונז אויפסניי אויפצוהויבען און אונז אַנטשליסען צו אַריינטרעטען אויפסניי אין באַבלומטען וועג פון האָפנונג, און אפשר אויך אויפסניי צו ווערען גליקליך.

* *
*

נאָך אַ גרויסע מענשליכע ווערט איז דער פאַרשטאַנד. מיר ווערען געבוירען מיט אַ געוויסען כח פון פאַרשטאַנד, אָבער מיט דער דערציהונג קענען מיר איהם פאַרשטאַרקען און באַזונדערס איהם מאַכען בויגזאַמער און איהם צופּאַסען צו אַלע מינים אַרבייט.

די אינטעלעקטועלע ווערט פונ׳ם מענשען שטייגט מיט׳ן צו-

פּלוּם פון די דערלערענטע זאַכען. צוערשט דאַרף מען האָבען דעם כח, וואָס זאָל אויסאַרבייטען אַלע אויפגענומענע מאַטעריאַלען. נאָכהער קומט דער סדר, מיט וועלכען מיר אָרדנען איין די אַלע מאַטעריאַלען, און לסוף ערשט קומט דער אופן, לויט וועלכען מיר באַנוצען זיך מיט אונזער טאַלאַנט.

יעדער וויסענשאַפט, וואָס ווערט דערלערענט איז אַ שליסעל, וואָס עפענט פאַר אונז נייע וועלטען, וואָס אַנטדעקט נייע געגענ-טען, וואָס מאַכט אונז רייך מיט נייע כחות און מיט נייע מעג-ליכקייטען. דאָס זעלביגע געשעהט אויך מיט יעדער שפּראַך, מיט יעדער קונסט, מיט יעדער נייער אינדוסטריע, וואָס מיר געבען צו צום פאַרשטאַנד.

* *
*

איצט, מיין עריקאָ, גיב אַ טראַכט ווי פאַרשידען עס דאַרפען זיין צווישען זיך די מענשען אויף דער וועלט, אויב מען זאָל זיי שאַצען לויט זייערע פאַרשידענע ווערטען. אונזערע מטבעות זענען בלויז פון קופּער, פון זילבער און פון גאָלד; אָבער ווי פאַרשידען זענען די מענשען, וועלכע זענען אזוי פאַרשידען אין זייער פיזי-שען כח, אין זייער געזונט, אין מאָראַלישער ווערט און אין אינ-טעלעקטועלער ווערט!

און מיר באַגניגענען זיך מיט אַ טוץ אַדיעקטיוועז זיי צו קוואַ-ליפיצירען און סאָרטירען! פלוני איז אַ שוואַכער און אלמוני, אַ שטאַרקער; קאַרלאָס איז אַ גוטער, און פּעדראָ, אַ שלעכטער; טעאָ-דאָראָ, אַן עם-הארץ, און אַאורעליאָ, אַ גרויסער טאַלאַנט.

ס׳איז נישט פאַראַן, עריקאָ, קיין וויכטיגערע זאַך אינ׳ם לע-בען ווי קענען די מענשען, מיט וועלכע מיר דאַרפען אַרבייטען צו-זאַמען און לעבען צוזאַמען, און פון וועלכע עס איז אָפּהענגיג אַ וויכטיגער טייל פון אונזער גליק. געוואוין דיך אַ לענגערע צייט צו באַאָבאַכטען דיינע חברים, דיינע פריינט און זיי צו שטודירען מיט׳ן זעלביגען פלייס, מיט וועלכען דו לערענסט אַ שפּראַך, גע-

אָגראַפיע און היסטאָריע; געוואוין דיך אָפּט צו באַשרייבּען דעם מענשליכען כאַראַקטער.

הויבּ אָן אָבּסערוויר׳ען און שטודירען דעם מענשען, וועלכען די בּאַהאַנדעלסט צום מעהרסטען און וועלכער לעבּט מיט דיר צו־זאַמען פיר און צוואַנציג שעה אין טאָג : דאָס הייסט, דער הער ד ו אַ ל י י ן. ס׳איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך ווי עס דוכט זיך. ס׳איז אפשר די שווערסטע זאַך דאָס קענען זיך אַליין. אָבּער דאָס דאַרף זיין אונזער אלף־בּית. דער גוטער מאַלער מאַכט אַ זעהר גוטען אויטאָפּאָרטרעט, טאָ, פאַרוואָס־זשע זאָלען מיר נישט קענען פּאָרטרעטלען אונזער מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע בּילד ?

קענען די מענשען איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען. דאָס איז די וויסענשאַפט פון די וויסענשאַפטען, די קונסט פון די קונס־טען, און אַ סך מענשען האָבּען דערגרייכט צו זיין גרויסע און איינ־שרייבּען זייער נאָמען אויף מאַרמאָר און אין בּראָנז נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבּען פאַרמאָגט די טוגענד פון די טוגענדען. אויך די גרעסטע פּערזענלעכקייטען, וועלכע האָבּען איבּערגעלאָזט אומ־שטערבּליכע בּלעטער אין דער געשיכטע, זענען דורכגעפאַלען, ווען זיי האָבּען נישט געקענט די מענשען. נאַפּאָלעאָן האָט בּאַהערשט כמעט גאַנץ אייראָפּע אַזוי פיל יאָהרען, נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער ערשטער סאָלדאַט פון זיין צייט, נייערט ווייל ער האָט גוט געקענט די מענשען.

* *

*

עריקאָ מיינער, ווען דיינע לעהרער פון טורין זאָלען דאָ זיין און צוהערען ווי איך רעד עס מיט דיר, וואָלטען זיי אפשר גע־לאַכט און עס וואָלט זיי אויסגעזעהן מאָדנע, וואָס איך לערען אַ קינד נאָך שטודירען און קענען די מענשען, אַ זאַך, וואָס זקנים מיט גרויע האָר קענען דאָס אָפּט נישט בּאַווייזען, און, פונדעסט־וועגען כאָטש איך בּין נישט מעהר ווי אַן אָרימער מאַטראָס, וואָלט איך געהאַט גענוג מוט זיך צו פאַרטיידיגען פון דער בּאַשולדיגונג פון דיינע לעהרער.

כ'וואָלט זיי געזאָגט, אַז אין שול לערענט מען צופיל טעאָריע און ווייניג פּראַקטיק, און אויב די לעהרער קענען נישט אויסלערנען די פאָרשריפטען פון דער קונסט פון לעבען, מוזען דאָס טון אין שטוב די עלטערן און די פריינט פון הויז.

אין דיין עלטער איז זעהר נויטיג צו פאַרזייהען א סך קערנער, ווען אַפילו זיי וועלען אַלע צוזאַמען נישט קענען אויפבליהען. אייניגע וועלען איופשפּראָצען פריהער, אַנדערע א סך שפּעטער. אָבער אויב די קערנער זענען גוטע און די ערד האָט זיי אויסבאַהאַלטען אין זיך, וועט קומען די צייט פאַר יעדען קערענדעל, וואָס מיר האָבען אין דער ערד פאַרזייהט.

די דאַרפסט אָנהויבען דיינע ערשטע פּרואווען מיט באַאָבאַכטען און שטודירען אַלע דיינע חברים אין שול און אין גאַס. די דאַרפסט פּרואווען מעסטען זייער ווערט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועסטו ווערען א טיפער קענער פון מענשליכען האַרץ, און די וועסט דערפאַר אַלעמאָל דערמאָנען צם גוטען דעם פעטער באַטשיטשיא פאַר דער עצה, וואָס ער האָט דיר געגעבען.

* *

XV

דער אויסוואַהל פון אַ פּראָפעסיע. — דעם פעטער באַ-טשיטשיאַ'ס זכרונות. — דאָס בילד פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס.

האָסטו אַמאָל אַ טראַכט געטון, עריקאָ, אין דער פּראָ-פעסיע, וואָס דו וועסט אויסוועהלען, ווען דו וועסט ענדיגען דיינע לימודים אין דער מיטעל-שול?

— כ'האָב נאָך גענוג צייט, טייערער פעטער, צו טראַכטען וועגען דעם.

— האָט דיר דיין פאָטער קיינמאָל נישט גע-שטעלט די דאָזיגע פראַגע?

— יאָ, מיין פאָטער האָט מיך שוין אַ סך מאָל געפרעגט וועגען דעם, אָבער איך האָב כמעט תמיד געענטפערט דאָס זעלביגע. מיין פאָטער פלעג אונזער שמועס פאַרענדיגען מיט די ווערטער: „גע-דענק, אַז איך גיב דיר פולשטענדיגע פרייהייט צו אויסוועהלען אַ פּראָפעסיע. כ'וועל דיר העכסטענס פּרוּאוון געבען אַן עצה”.

— ס'איז אמת, ווי דו זאָגסט, אַז דו האָסט נאָך גענוג צייט צו טראַכטען וועגען אויסוואַהל פון דיין צוקונפטיגער קאַריערע; אָבער דאָס אָפּלעגען פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען דעם דאָזיגען אויסוואַהל, ווערט ביי דיר אַ שלעכטע טבע און אַז דו וועסט שוין שטעהן ערב אַנטשליסען זיך, וועסטו ערשט נישט וויסען ווי צו האַנדלען. זאַכען אין וועלכע מיר טראַכטען יעדען טאָג אַביסעלע

צייטיגען פון זיך אליין, און ווען צום ווייניגסטען מיר דערוואַרטען עס, זעהן מיר, אַז דאָס פּראָבלעם איז געלייזט. געדענק, אַז מען האָט ניוטאָנען אַמאָל געפרעגט ווי אַזוי ער האָט דערגרייכט צו מאַכען אַזוי פיל און אַזעלכע וואונדערליכע אַנטדעקונגען אין פי־זיק און אַסטראָנאָמיע, האָט ער געענטפערט: „טראַכטענדיג כסדר אין זיי״.

קיין שום זאַך אין אונזער לעבען איז נישט אַזוי וויכטיג ווי דאָס אויסוועהלען דעם וועג, אויף וועלכען מיר'ן דאַרפען געהן. דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס אויב מען פאַרנעמט זיך אויף אַ טעות'דיגען וועג איז שוין שווער זיך אַרויסצושלאָגען אויף אַן אַנ־דערען. דאָס לעבען איז אַזוי קורץ, אַז מיר דאַרפען זיין זעהר פאָר־זיכטיג, ווארום עס זענען פאַראַן מענשען, וועלכע נעמען זיך טוי־זענטער מאָל אויף טעות'דיגע וועגען און אַזעלכע, וועלכע פאַר־צעהרען זייער גאַנץ לעבען אין בייטען פּראָפעסיעס.

— כ'וויס נישט, פּעטער, איהר זענט אפשר גערעכט, אָבער ווי איך מיין מאַכען אַלע אַ טעות אין זייער פּראָפעסיע, ווארום ווענדליג איך הער אַמאָל רעדען אין דער היים, איז קיינער נישט צופרידען מיט דעם וואָס ער טוט. זאָלסט געוועזען הערען רעדען דעם דאָקטאָר:

„דער דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט — איז אַ שקלאַף. ער ווייסט נישט פון קיין עסען און פון קיין שלאָפען ווען ער וויל, ווארום ער קען גערופען ווערען צו יעדער מינוט אין טאָג ווי אין דער נאַכט. היילט זיך אוים דער חולה הייסטו אַ גאָט. אָבער אויב ער שטאַרבט, האָט דער דאָקטאָר איהם דער'הרגעט. געצוואונגען צו לעבען צווישען וועהטאָגען און פּיין, באַקומט ער אַלס פּריז די גרעסטע אומדאַנקבאַרקייט מצד די חולאים און אגב ווערט ער באַ־קעמפט און פאַרפאָלגט פון זיינע קאָלעגען״.

לויט'ן דאָקטאָר — האָט עריקאָ צוגעגעבען — איז בעסער צו זיין אַ תלין אָדער אַ מערדער, איידער אַ דאָקטאָר.

ס'איז אויך נישט צופרידען מיין פאָטערס אַ שוואָגער, וועל־כער איז אַן אַדוואָקאַט. לויט איהם קומט אוים, אַז ס'איז נישטאָ

קיין ערגערע פּראָפעסיע ווי זיינע. אויב איינער איז אַ גוטער, פאַר־דינט ער נישט קיין סענט, און אגב דאַרף מען אייביג מלחמה האַל־טען מיט אַ באַרג קאָלעגען, וועלכע רייסען אַרויס איינס ביי דאָס אַנדערע די קונדען און זיי פיהרען אַן אומלאָיאַלע קאָנקורענץ דורך אַלע געזעצליכע און אומגעזעצליכע מיטלען.

כ׳געדענק אויך האָבען געהערט רעדען אין שטוב אַ קאַפּיטאַן, אַן אינזשעניער, אַ סוחר, אַ רייזענדער, און אַלע זענען געווען אומצופרידען מיט זייערע פּראָפעסיעס.

— טייערער עריקאָ: די דאָזיגע אומצופרידענקייט קען נישט אַנגענומען ווערען אַלס געזעץ. דער מענש האָט בטבע ליב אונ־טערצוקלאָגען זיך און אַרומצוקרעכצען. פאַראַן דערביי איין סבה וואָס קיינער קען נישט אַזוי קענען די חסרונות פון אַ פּראָפעסיע ווי דער, וואָס איז אין איהר. אָבער נאָך אַ גרעסערע און וויכטי־גערע סבה פון דעם פעסימיזם איז דאָס, וואָס כמעט קיינער קלייבט נישט אויס די פּראָפעסיע, צו וועלכער ער איז געבוירען געוואָרען.

— פאַרוואָס־זשע איז עס אַזוי, פעטער?

— ווייל ווען אַ יונגערמאַן שטעהט פאַר דעם דאָזיגען גרויסען פּראָבלעם, שטעלט ער זיך באַלד די איינע פראַגע: „וועלכע פּראָפעסיע וועט מיך שנעלער רייך מאַ־כען"? אָדער גאָר: „ביי וועלכער פּראָפע־סיע אַרבייט מען ווייניג און מען פאַרדינט אַ סך?"

בכדי זיך צו ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע, גיבען מיר אַ קוק אַרום אונז און מיר זעהן: וואוינט אַן אינזשעניער אויפ׳ן העכסטען שטאָק און ער פאַרמאָגט אַן אויטאָמאָביל ביי דער טיר. בעת צוריק מיט צעהן יאָהר איז ער געווען אַן עני ואביון? דאָס דאַרף זיין די בעסטע פּראָפעסיע! לאָמיר אַלע ווערען אינזשעניע־רען. לעבען מיר דען נישט אין אַ צייט פון באַהנען, טראַמוואַיען און מאַשינען?

אַ צווייט מאָל דערוועקט ביי אונז קנאה דער שכן פון אַנט־קעגען. ער איז אַן אַדוואָקאַט, אַ דעפּוטאַט, אַ גביר. מען שמועסט,

אַז עס אַרבייטען אונטער איהם אַזוי פיל און אַזוי פיל קלענערע אַדוואָקאַטען, ער קען גאָר מעהר נישט אָננעמען קיין פּראָצעסען, ער פאַרדינט פון פופציג ביז זעכציג טויזענט לירעס אַ יאָהר. דאָס הייסט אַ פּראָפעסיע. לאָמיר אַלע ווערען אַדוואָקאַטען!

אָן אַנדערש מאָל וועט עס זיין אַ געלט-טוישער, אַ דאָקטאָר אָדער אַן אינדוסטריאַל די דערוועקער פון קנאה און מיר וועלען נאָר זוכען צו זיין דאָס, וואָס יענער איז.

עס טרעפט אויך, אַז מען וועהלט זיך אויס אַ פּראָפעסיע, ווייל דער פאָטער האָט זיך באַנוצט מיט איהר. דעם'ס פאָטער איז אַ נאָטאַר און אַלע זיינע קונדען וועלען איבערגעהן צום זוהן; יענעמס פעטער איז אַ דאָקטאָר און ער האָט קיין קינדער נישט, א. ד. ג.

כ'האָב געקענט אַ מענשען, איז ער אין פערטען דור שוין געווען לעהרער, נו, האָט דען דער יונגערמאַן נישט געקענט לערנען אויף עפּעס אַנדערש?

און וואו זענען די אַלע, וואָס ווילען זיין קינסטלער, ווייל דאָס לעבען פונ'ם קינסטלער איז פול מיט האָפנונגען און פרייד?

יעדער מענש, וואָס פאַרקויפט זיין בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזען, דאָס הייסט פאַר אַן אילוזיע, האָט נישט מעהר ווי אַ זייפען-בלאָז, וואָס ווערט צערונען ביי דער ערשטער באַריהרונג מיט לופט.

היינט וואו זענען די פאַלען, ווען מיר מוזען צוליב טון אונזער פאָטער, אונזער מוטער, אָדער ביידען צוזאַמען און אויסקלייבען די פּראָפעסיע, וואָס איז זיי צום הארצען?

דאָס איז דער גרעסטער אומגליק, ווארום דאָ שפּילט שוין קיין שום ראָלע נישט דער אייגענער ווילען.

ביים אויסוועהלען אַ פּראָפעסיע, עריקאָ, מוז יעדער איינער קודם-כל אַליין וויסען וואָס ער וויל און צו וואָס ער וועט זיך אויסטויגען. מען מוז באַזיצען די קונסט פון ק ע נ ע ן ז י ך א ל י י ן.

אויף די געקרייצטע וועגען געפינען מיר אָפט הילצערנע אָנווייזער, וועלכע דייטען אָן דעם רייזענדען וואָס פאַר אַ ריכטונג צו נעמען. אויך אויף דעם גרויסען קרייץ-וועג פון לעבען זענען פאַראַן

אזעלכע אַנווייזער מיט פאָלגענדיגע אויפשריפטען: גליק, פארצווייפלונג, רוהם, רייכטום, אָרימקייט, טוגענד, פארברעכען. היינט שטעל דיר פאַר די גרויסע באַדייטונג פון אונזער אויסוואהל.

עריקאַ מיינער! פאר דעם, ווי מיר וועלען זיך צעשיידען; פאר דעם, ווי דו וועסט דיך אומקעהרען צו דיינע עלטערן, וועל איך דיר אוועקשענקען אייניגע פארצייכנונגען מיינע, וואָס איך האָב במשך פון יאָהרען געמאַכט, אין דער האָפנונג צו האָבען קינדער, פאר וועלכע איך וואָלט געקענט אָנבאָטען די פרוכט פון מיין דערפאַה־רונג. אָבער גאָט האָט מיך נישט געוואָלט באַוויליגען מיט דער דאָזיגער טרייסט. ער האָט פאַר דריי טעג קראַנק זיין צוגענומען ביי מיר מיין פרוי און איך בין געבליבען אַליין אויף דער וועלט. כ׳האָב באַהאַלטען אין אַ קעסטעלע יענע זכרונות, וועלכע איך האָב געשריבען פאַר מיין קינד, וועלכעס איז קיינמאָל נישט געבוירען. און איצט וועל איך זיי אַרויסנעמען פון זייער תפיסה, בכדי זיי זאָלען דיר צונוץ קומען. וועסט זיי קענען לייענען פון איצט אָן, אָבער דו וועסט זיי שפּעטער אויפסניי לייענען, שפּעטער, ווען דו וועסט זיין נאָהענט צו דער צייט פון דאַרפען אויסוועהלען אַ פּראָ־פעסיע. ווער ווייסט צי די זכרונות - בלעטלעך מיינע וועלען דיר צו עפּעס טויגען!

* *

*

אָט דאָס זענען דעם פעטער באַטשיטשיא׳ס זכרונות-בלעטלעך:

סימפאָניע פאַר דער גרויסער אָפּערע „דער אויסוואַהל פון אַ פּראָפעסיע״.

באַמערקונג: די גאַנצע אָפּערע באַשטעהט פון אַ רייהע וואַריאַנטען פון דער מוזיק קען דיך אַליין, דאָס געזאַנג, וואָס עס האָט דאָס ערשטע מאָל געזונגען אונזער פאָטער אדם, נאָכ׳ן פאַרלירען דעם ערדישען גן-עדן, ווייל ער האָט זיך נישט גע־

וואוסט ווי אויפצופיהרען, און ער האָט זיך געטרייסט מיט'ן זינגען דאָס געזאַנג אונטער די אַקאָרדען פון אַ האַרפע, אין שאָטען פון אַ פּאַלמע, אין דער באַגלייטונג פון אונזער מוטער חוה.

* * *

עס זענען נישט פאַראַן קיין נידעריגע, שענדליכע אָדער אומעהרליכע פּראָפעסיעס, ווען זיי ווערען אויסגעפיהרט מיט עהרליכקייט און טאַלאַנט.

* * *

ס'איז נישט פאַראַן קיין שום פּראָפעסיע אָהן באַלעסטיגונגען און ס'איז נישט פאַראַן קיין פּראָפעסיע אָהן פּריווילעגיעס.

* * *

פאַראַן גוטע און שלעכטע פּראָפעסיעס: גוטע זענען די, וואָס ווערען אויסגעפיהרט פון אַזעלכע, וואָס זענען דערצו געבוירען; שלעכטע — יענע, וועלכע געהן קידער-ווידער מיט די, וואָס פּראָפיטירען פון זיי.

* * *

אַלע פּראָפעסיעס געבען נישט קיין רעזולטאַטען, אויב זיי ווערען אָנגעפיהרט פון אומדערפאַהרענע הענט.

* * *

אַלע פּראָפעסיעס פאַרמאָגען גרויסע טיפענישען און אומבאַקאַנטע מינען. יעדער קלאַפּ מיט'ן רידעל, יעדער טאָג אַרבייט, קען אַנטדעקען אַלץ נייע אוצרות.

* * *

דער טיכטיגער שוסטער האָט אַ רעכט צו זיין שטאָלצער פון עם-הארץ'דיגען אַדוואָקאַט, פון קולטורלאָזען פּראָפעסאָר און פון אומפעהיגען דאָקטאָר.

* * *

די פּראָפעסיעס זענען אַזוי ווי די בוימער אין וואַלד; פאַרשידענע אין דער נאַטור קענען זיי זיך אויפהויבען זייער הויך דורך

זייערע העכסטע צווייגען, ווי אויך פאַרטריקענט ווערען דורך זייע-רע נידעריגסטע צווייגען.

* * *

ווען אַלע געבען זיך אַ לאָז מיט בלינדער פאַנאַטישקייט צו איין פּראָפעסיע, לוינט אַ טראַכט צו טון אין יענע פּראָפעסיעס, וואָס זענען פון אַ לענגערער צייט פאַרלאָזען פון אַלעמען.

* * *

אויב עמיצער האָט אַ טעות געמאַכט אין זיין פּראָפעסיע, איז די איינציגע רפואה מודה צו זיין אויפ'ן פעהלער און נעמען זיך אויף אַן אַנדער וועג. פוסטע גאוה איז אין דעם פאַל דער ערגס-טער בעל-עצה.

* * *

ס'איז נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך ווי האַלטען אין איין פאַר-שטעלען די אייגענע פּראָפעסיע און, פונדעסטוועגען, זי נישט קענען אַוועקוואַרפען, ווייל ס'איז אונמעגליך צו נעמען זיך צו אַ צווייטער זאַך. נישטאָ קיין שעהנערע זאַך ווי צופּאַסען זיך צו דער אייגע-נער פּראָפעסיע, ווי דאָס ווייכע און וואַרימע סאַמעטענע שאַכטעלע, וואָס איז אויסשליסליך געמאַכט געוואָרען פאַר דער אָדער אַ צוויי-טער זאַך.

דער ערד-אַרבייטער

ווען מען וואָלט קענען פאַרשרייבען אַ פּראָפעסיע ווי מען פאַר-שרייבט אַ רפואה, וואָלט איך פאַרשריבען, אַז עס זאָלען ווערען ערד-אַרבייטער, לפּחות אויף פיר-פינף יאָהר, אַלע שוואַכע, דער-שלאָגענע מענשען, אַלע יעניגע, וועלכע זענען קראַנק אויפ'ן גוף און אויפ'ן גייסט, און ווען עס וואָלט מעגליך געווען, וואָלט איך די רפואה געהייסען אַנווענדען אויף אַ גאַנץ פאָלק, וואָס זאָל, דורך אַ לאַנגער רשימה פון חסרונות און אומרעגעלמעסיגקייטען, האָבען אַריינגעפאַלען אין קאָרופּציע.

קאָרופּציע הייסט צעפוילטקייט אָדער נאָך ערגערס; און אַזוי ווי די לייבעס און אַלע צעפוילטע שטאָפען ווערען אומשעדליך, ווען

זיי ווערען באגראבען אין דער ערד, אזוי אויך ווערען געזונט די קראנקע נשמות, ווען זיי קומען אין באריהרונג מיט דער ערד.

צווישען די ארימע פראפעסיעס איז נישטא נאך אזא געזונטע, אזא פרעהליכע, און אזא פרוכטבארע ווי די פראפעסיע פון ערד-ארבייטער. כ'הער תמיד רעדען פונ'ם פויער, וועלכען עס פעהלט קיינמאל נישט קיין ברויט, קיין פרישע לופט און קיין געזונטע וואוינונג. פונדעסטוועגען זענען נאך פאראן אין איטאליע טויזענטער און טויזענטער שקלאפען פון אקער, וועלכע ליידען גרויס נויט און זענען אויסגעשטעלט צו ווינטער-ביילען און צו פיבער; אבער דאס איז א בלוטיגער פלעק, וועלכער וועט אינגיכען אפגעוואשען ווערען, ווי עס איז שוין פארשוואונדען יענער אנדערער גרויסער פלעק פון שקלאפעריי, וועלכע האט מיט א צייט צוריק שווארץ געמאכט די אייראפעאישע מאפע.

דער ערד-ארבייטער דארף תמיד זיין דער אייגענטימער פון דער ערד, וואס ער באארבייט, אדער א שותף פון ערשטען אייגענטימער איבער איהר. ער לעגט אריין אין דער אינדוסטריע זיין פערזענליכע ארבייט, יענער גיט קאפיטאל, און זיי צעטיילען זיך אויף גלייכע חלקים די פרוכט פון דער ערד. אין דעם איז פאראן גערעכטיגקייט, ווירדע, און יעדער איינער קען זיין צופרידען פון זיין פאזיציע.

אויב דער ערד-ארבייטער פארמאגט נאך א מיטעלען פארמעגען איז ער דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, און ס'מאכט א גרויסען טעות דער שוואכער און אויסגעבלייכטער שטאדטישער מענש, ווען שפאצירענדיג איבער די פעלדער, באדויערט ער יענעם פראסטען און ברוינעם מענשען, וועלכער, אונטער די שטראהלען פון דער זון, רייסט ער אויף די ערד מיט'ן אקער. א סך מעהר מאטיווען וואלט דער פעלד-מענש געהאט צו באדויערען דעם שטאדטישען איינוואוינער, וועלכער אטעמט איין א גאנץ יאהר א שטויביגע און אומריינע לופט, ווי אויך דעם בלוט-ארימען און נערוועזען מענשען, וועלכער ווייסט אזוי ווייניג פון זון און נאך ווייניגער פון די געשמאקע ריחות פון דער ערד, פונ'ם דופטיגען לעבען אויפן

פעלד און אין וואַלד, און ער דאַרף אָנקומען צו אַן אַפּעריטיוו צו שאַפן זיך אַפּעטיט, און צו כלאָראַל, צו קענען איינשלאָפן.

דער פּויער, וועלכער ווערט צום מעהרסטען געבוירען אַ קבצן, באַקומט ווייניג בילדונג און ער קען נישט אָנבאָטען קיין אַנדער זאַך ווי דעם כח פון זיינע הענט און די קליינע דערפאַהרונג, וואָס ער האָט דערלערענט פון זיינע עלטערן, אויך ערד-אַרבייטער, ווי ער.

פון דעם דאָזיגען איינפאַכען סאָלדאַט ביי אַגריקולטור, קען מען דורך שטייגונג דערגרייכען ביז ראַנג פון גענעראַל, וועלכער רייטענדיג אָדער אין וועגענער, קען ער דורכשניידען זיינע פעלדער און פאַרטיילען די אַרבייטען, וואָס אַנדערע פיהרען אויס.

אויב פון אַן אַרענדאַטאָר ווערט ער אַן אייגענטימער, צעהלט ער זיך דעמאָלט מיט רעכט צווישען די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט, און קיינער קען נישט זיין ביי זיך אַזוי שטאָלץ ווי ער, וועלכער קען כסדר טראַכטען אין זיך: „ד י ע ר ד א י ז מ י י נ ע“.

דער פּויער איז דער ערשטער אַרבייטער אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכער רעגירט, ווי אַ הערשער, מיט די פּרימיטיוו-סטע עלעמענטען: די ערד, די וואַסער און די לופט, און פאַרוואַנדעלט זיי אין ברויט, וויין, פרוכטען, וואָס דערנעהרען אונז און אין פעדים, וואָס קליידען אונז.

אַלץ קומט פון דער ערד און צו דער ערד קעהרט זיך עס אום: קונסט, אינדוסטריעס, ביכער, בילדער, פּאַלאַצען און באַנקנאָטען, האָבען זייער ערשטען שורש אין דער ערד; און אַלץ, וואָס דערנעהרט אונז און שטילט אונזער דורשט, וואָס קליידט אונז און דערפרעהט אונז, ווערט געבוירען פון דער גרויסער מוטער, וואָס מיר טרעטען מיט אונזערע פיס און וועלכע, נישט באַליידיגט פון דער אומדאַנקבאַרקייט פון איהרע קינדער, ענטפערט זי זיי כסדר מיט אַ שמייכעל.

* *

*

דער ערד-אַרבייטער איז באַזונדערס גליקליך, ווייל ער לעבט

איינגעטונקען אין דער גרויסער ליכט פון דער נאַטור. פאַר איהם זענען די ערשטע שטראַהלען פון דער זון, וואָס ווערען געבוירען און דער לעצטער גרוס פון דער זון, וואָס שטאַרבט; פאַר איהם די פּערל פון טוי און די געזונטע רעגענס פון די הימעל-קוואַלען, וועלכע שווענקען אַראָפּ דעם שמוץ פון דער הויט פון אונזער פּלאַנעט; פאַר איהם די געטליכע מוזיק פון די גרויסע און קליינע קינדער, וועלכע טאַנצען, שפּרינגען און פליהען אום איבער די גרינע טעפּיכער פון דער לאַנקע, צווישען די באַבלימטע צווייגען, ווי צווישען די פינסטערע לאַבירינטען פון די וועלדער.

כאָטש דער פויער פאַרמאָגט אָפט ווייניג קולטור און דאָס דערלויבט איהם נישט צו באַגרייפען די דאָזיגע גאַנצע פּאָעזיע, פיהלט ער זי, זאַפּט ער זי איין דורך די אויגען, דורך די אויערען, דורך זיין הויט, און ער איז צופרידען, וואָס ער לעבט. ער קען פאַרבלייבען גאַנצע שעה׳ן צווישען די אַקער-שטעגען אָדער אין שאָטען פון די בוימער און נישט רעדען מיט קיינעם, ווייל ער פיהרט אַ שטילען שמועס מיט דער נאַטור און ער פיהלט אַלע איהרע צאַפּלענישען, ער טרעפט אַלע איהרע נויטווענדיגקייטען, ער באַפרידיגט אַלע איהרע קאַפּריזען.

ווען דער גוט-געשטעלטער פויער קומט אין אונזערע שטעדט און ער שפּאַצירט צווישען די לאַנגע רייהען פון שאַפּעס און קעמטעלעך — אונזערע הייזער — און ער באַטראַכט די מענשען, וואָס ליגען איינע אויף די אַנדערע, ווי ביכער אין די ראַפטען, און ער זעהט זיי פאַרזאַמעלט אין די אַנגערויכערטע זאַלען פון די קאַפעען, דאַרף ער אונז שטאַרק באַדויערען, און מיטפיהלען. און ער האָט מויזענט מאָל אַ רעכט דערויף, ער, פאַר וועמען דער ברוק איז דאָס פעלד און דער דאַך — דער הימעל; פעלד און הימעל, וואָס האָבען נישט קיין שליסלען, קיין קייטען און קיין ווענט!...

* *

*

דער פאַרמעגליכער פויער איז איינער פון די אומאָפּהענגיגס-

טע מענשען. ער דאַרף נישט קוקען אויפ'ן זייגער צו קומען פּונקט־לי'ך צו אַ באַשטימטער אַרבּייט, און ער דאַרף בּיי קיינעם נישט אויסבּעטלען אַ פּאָר טעג רוה. ער באַקומט פאַראָרדנונגען דירעקט פון דער זון און פון דער ערד, וועלכע זענען זיינע אמת'ע באַלע־בּאַטים, און ווען ער דערפיהלט זיך מיד, קען ער זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגען זיך אוועקצולעגען אין שאָטען פון זיינע בּוימער מיט אַ ליולקע אין מויל, אָהן דערלויבּעניש פון זיינע העכערע. ער אַר־בּייט אַ סך, אָבער זיין אַרבּייט איז אַ פרייע. אויב היינט צו טאָג זענען אַ סך, אפשר דער גרעסטער טייל פון די פּויערים, נאָך שקלאַ־פען, וועלען זיי אין אַ שעהנעם טאָג דאָס מעהר נישט זיין, ווארום די גרויסע סאָציאַלע אומרעכטען קענען לאַנג נישט דויערען.

דער פּויער קען זיך אויסלאַכען פון די באַריהמערייען פון די רייכע, פון דער טיראַניי פון אַלע שטאַרקע, און פאַרלעגענדיג זיינע הענט, קען ער זאָגען צו זיי דאָס, וואָס דער מאָגען זאָגט אַמאָל צום מוח: „אויב איך אַרבּייט נישט, ווי וועסטו קענען טראַכטען?"

* *

*

די אַרבּייט פון'ם פּויער איז אויסער אַן אומאָפּהענגיגע און אַ פרייע אויך די געזונטסטע פון אַלע, און דער געזונטער און גוט־געשטעלטער פּויער איז איינער פון יענע מענשען, וואָס האָט גרויס אריכת ימים. ווען דאָס פעלד זאָל נישט שיקען קיין געזונטע מענ־שען אין די שטעדט אריין, וואָלטען זיי אין איינע פופציג יאָהר געבּליבּען וויסט. אין די גרויסע און אומגעזונטע שטעדט פון איי־ראָפּע קענען וועניג איינוואוינער זיך באַריהמען: דאָ איז געבּוי־רען מיין זיידע; אָפּגערעדט שוין פון עלטער־זיידע.

די שטעדט זענען מאַשינען, וואָס מאַכען חרוב און פאַרצעהרען אַלץ, וואָס דאָס פעלד גיט אַרויס; זיי זענען גרויסע קעסלען, אין וועלכע עס ווערט פאַרצעהרט די מענשליכע ענערגיע דורך אַ נאָ־כאַנאַנדיגער אויפרעגונג, וואו מאָדעס, פאָראורטיילען און פּוסטע גאוה צעפרעסען דעם פרישסטען טייל פון מענשליכען ענטוזיאַזם.

ווערה צו דעם, וואָס קען זיך ניט איינטינקען, לפּחות עטליכע וואָכען אין יאָהר, אין דעם גרויסען באַסיין, וואָס הייסט פעלד!

* *

*

וואַריאַנטען פון ערד-אַרבּייטער זענען דער גערטנער און דער פּאַסטוך, וועלכע זענען אויך פּראָפעסיעס, וואָס ווערען אויסגעפיהרט אין פעלד און אויף דער פרייער לופט.

אַ גרינוואַרג-גאָרטען איז זעהר אַ באַגרעניצטער שטח ערד. און די אַרבּייט און די פרייד זעהן אוים זיך צו קאָנצענטרירען אינ׳ם קרייז, וואָס גרעניצט זיי אָפּ.

דער פרוכט-בּוים איז כמעט אַ מענש, און אַ שעהנער גאָרטען פון פרוכט-בּוימער זענען אַ בּליהענדיגע שול פון בּלאָנדע און טונקעלע קעפּעלעך, וועלכע פאַרשפּרעכען אמאָל צו זיין קעפּ פון מענשען און אפשר אויך פון העלדען.

ווען דער גערטנער שפּאַצירט זיך אין זיין גאָרטען און ער באַזוכט יעדעם איינם פון זיינע קינדערלעך, האָט ער זיי עפּעס וואָס צו זאָגען און יעדעם איינם שיקט איהם אַלס ענטפער אַ שמייכעל.

ווען דער גערטנער געהט אַריבּער פונ׳ם סאָד אין גרינוואַרג-גאָרטען, מיט וויפיל תענוג שפּאַנט ער טריט בּיי טריט צווישען די נידעריגע רייהען פון קרויט און פּאָמידאָרען.

אָ! דער גערטנער איז אַ גליקליכער מענש, און ווען ער איז גוט געשטימט און ער קוקט דורך די פאַרשידענע מינים גרינוואַרג, ווערט ער איראָניש און ער געפינט אוים עהנליכקייטען צווישען די גרינוואַרג און פרוכטען צו די מענשען.

איז דען נישט די סקאַראָלע, מיט איהרע בּיטערע אָבּער געזונטע בּלעטער, דער עהרליכער מענש, דער טרוקענער און פראָסטער, וועלכער זאָגט דעם אמת אַלעמען, און אפילו נאָך די גרעסטע ליידען וואַקסט ער אויף נאָך פרישער און געזונטער?

איז דען נישט די סאַלאַט דאָס אָפּבּילד פון שוואַכען מוט, וואָס שאַפט זיך דורך נאַכלעסיגקייט און פוילקייט?

דער שפּאַראַג איז דאָס פריהצייטיג געוואָרענע קינד, וועלכעס

גיט מיט איין מאָל זיין געשמאַקע פּרוכט, אָבער אויב עס ווערט נישט קולטיווירט, פּאַרלירט עס זיך אין אומצאָהליגע שוואַכע צוויי-געלעך, וועלכע טויגען צו גאָרנישט.

די פּאַמידאָרען זענען די נישט איבעריג ריינע ערד-אַרבייטער, וועלכע געבען אָבער די גאָלדענע פּרוכט פון זייער שוויים.

אָבער דער גערטנער קלייבט נישט אויף אין זיין גאָרטען בלויז טעמעס פאַר סתם-פאַרגלייכונגען, נייערט ער זאַמעלט אויך אָן ליי-רעס פאַר זיך און פאַר זיין פאָלק. הלואי וואָלטען אַ סך מענשען זיך פאַרליבט אין דער געזונטער, גוטער און פרעהליכער אַרבייט, ווארום דעמאָלט ערשט וואָלט איטאַליע, פאַר איין דור, רייך גע-וואָרען מיט אַ סך מיליאָנען.

*   *
*

דער פייער איז כמעט תמיד אויך אַ פאַסטוך. דער פלייסיגער פויער היט אָפּ דאָס פעלד און דעם שטאַל, ווי מען דאַרף היטען די שאָלען פון אַ גוטער וואָג. דאָס פעלד פאַבריצירט דאָס פלייש פון די בהמות, די וואָל פון די שאָף און די מילך פון די ציגען, און דער שטאָל קעהרט אום דעם פעלד דאָס זעלביגע וואָס ער באַקומט.

אָבער אויב אַ מענש גיט זיך אויסשליסליך אָפּ מיט אָפּהיטען בהמות, איז ער אָן אמת'ער פאַסטוך. ווער עס געהט אַרום שאָף לעבט כמעט אַ גאַנץ יאָהר אויף דער פרייער לופט אין אַ היימישען שמועס מיטן הימעל, מיט די גרעזעלעך און מיט דער טשערעדע, די אומצאָהליגע קעפּעלעך פון וועלכער ער קען איינע ביי איינער.

דאָס איז אויך אַ געזונטע פּראָפעסיע, און פון אַזאַ נידעריגען שטאַפּעל קען מען אויך שטייגען דורך אַ הויכען לייטער, ביז מען ווערט דער אייגענטימער פון קיה, פערד און שאָף.

מען דאַרף פאַהרען קיין זיד-אַמעריקע צו באַקענען זיך מיט דער באַדייטונג פון פיה-צוכט.

דער „עסטאַנסיערא" פון בוענאָס איירעס, קאָרדאָבאַ, ענטרע ריאָס און סאַנטאַ פע — פּראָווינצען אין אַרגענטינע — איז איינער

פון די גליקליכסטע בשר ודם׳ס, און ווען, רייטענדיג אויף זיין אין זילבער איינגעטונקענעם פערד, גאַלאָפּירט ער איבער די פעלדער און ער קוקט איבער, שטילשווייגענדיג, זיינע טויזענטער און טויזענטער מיט וואָל באַוואקסענע שאָף, אָדער ער באַטראַכט ווי מען מאַרקירט זיינע בהמות מיט אַן אַנגעגליהטען אייזען, פון וועלכען עס פינקלען אַרויס די ראשי תיבות פון זיין נאָמען און פאַמיליע, אָדער ווען ער הערט דאָס ווייטע הירזשען פון זיינע הונדערטער פערד, ווערט ער ביי זיך שטאָלץ צו פאַרמאָגען אַזאַ לעבעדיגע אַרמעע, וועלכע פאַשעט זיך און פרוכפּערט זיך אויף די פעלדער, וואָס געהערען אויך בלויז צו איהם.

דאַרפסט אָבער נישט מיינען, קינד מיינס, אַז אין דער פּראָפעסיע פונ׳ם ערד-אַרביטער און פון זיינע וואַריאַנטען איז אַלץ בלויז שעהן און גוט. יעדע פּראָפעסיע האָט זיך איהרע געפאַהרען און איהרע אומבאַקוועמליכקייטען, פונקט ווי עס איז נישט פאַראַן קיין מטבע אָהן אַ לינקער זייט און טאָג אָהן נאַכט.

דער ערד-אַרבייטער, דער גערטנער און דער פּאַסטוך, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אויף די קאַפּריזען פון וועטער, ליידען אָפט פון רעוומאַטיזם, אָבער די אַנדערע מעלות פון געזונטען פעלד-לעבען דעקען צו דעם געוויסען חסרון.

אַ גרעסערע צרה ביי זיי איז דאָס זיין אונטערוואָרפען די אומדערוואַרטעטע שטורעמס, וועלכע קענען חרוב מאַכען אין געצעהלטע שעה׳ן פון אַ גאַנץ יאָהר אַרבייט. די פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטען קענען נאָך נישט אַלעמאָל טרייסטען דעם פּויער אין זיין פאַרלוירענער אַרבייט.

עס שווימען אויך גאַנץ אָפט אַרויף פאַר׳ן פּויער די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וועלכע פאַרביטערען זיין לעבען. פּלוצים ווערען פאַרמאַכט די מערק, אין וועלכע ער פאַרקויפט כסדר זיין פּראָדוקציע, און ער ווערט געצוואונגען, דורך אויסלענדישער קאָנקורענץ צו בייטען פון מינוט צו מינוט זיין קולטיוו, אָדער צו פאַרקויפען זיין תבואה און אַנדערע פּראָדוקטען אויף די נידעריגסטע פּרייזען.

דער ים-מענש

קינד מיינס, ווען מען זאָל מעגען ראַטען יענעם וואָס פּאַר אַ פּראָפעסיע ער זאָל זיך אויסקלייבען, וואָלט איך דיר באַדאַרפט זאָגען מיט פולען ברען: געה און שיף דיך איין, לאָז אָפּ די זעגלען אויפ'ן ווינט, שנייד דורך מיט דער נאָז פון דיין שיף דאָס דאָזיגע פעלד אָהן גרעניצען; פאָהר און ברענג פאַר דיין לאַנד די דימענטען פון אינדיע, די פוטערס פון סקאַנדינאַוויע, די וואָל פון אויסטראַליע און דעם צוקער פון אַמעריקע; שפּאַציר אַרום מיט דיינע זעגלען פון עק ביז עק איבער'ן קליינעם וועלטעל, וואָס גאָט האָט געגעבען דעם מענשען אַלס וואוינונג; הער זיך צו צו די שפּראַכען פון אַלע פעלקער און באַוואונדער די שעהנקייט פון אַלע לענדער. פאָהר און קום, אַ רייכער אין זכרונות און אין געזונט.

איך וועל דיר נישט איבערטרייבען מיט דער פּראָפעסיע פון'ם ים-מענש, נייערט איך וועל דיר אָנוואַרפען די אַלגעמיינע שטריכען.

אויב דו פאַרמאָגסט נישט קיין געזונטע אברים און אַ האַרץ פון אַ לייב, ווער נישט קיין ים-מענש. דאַרפסט האָבען מוט נישט נאָר אויף געגענשטעלען זיך די כוואַליעס פון ים, נייערט אויך צו ראַטעווען אַלע לעבענס פון די מענשען, וואָס פאָהרען מיט דיר מיט אין דיין שיף.

אויב אָבער דו פאַרמאָגסט שטאַרקע פויסטען און אַן אַנטשלאָסען האַרץ, אויב דו האָסט ליב דאָס נייע און דאָס אומפאָראויסגעזעהענע, אויב דו קענסט ליידען הונגער און דורשט און דיין גומען איז נישט קיין דעליקאַטער; אויב דער ריח פון געזאַלצענעם ים פאַר'שיכורט דיך, אויב עס קימערט דיך נישט דאָס שטילשווייגען במשך פון לאַנגע טעג, אויב שווערע אונטערנעמונגען לאָקען דיך, לערען דיר אוים ווי אומצוגעהן מיט'ן רודער, ווער אַ ים-מענש.

רייגע לופט, אַ זעלטענער אַפּעטיט, וואָס מאַכט שמעקען די פּראָסטסטע פיש ווי דאָס געשמאַקסטע אינדיק-פלייש, פרעהליכע האָפנונגען, וואָס טוישען זיך מיט אַ זיסען אומעט וועגען פאַרגאַנגענע זאַכען, אַ פּייזאַזש פון ליכט, כוואַליעס און הימעל, אַ האַרי-

זאָגט אָהן גרעניצען — דאָס זענען די פאַרגעניגענס, וואָס דו וועסט האָבען, ווען דו וועסט זיין אויף דיין שיף.

היינט די פריינטשאַפט אויף אַ שיף!

די מענשען וואָס מוזען, במשך פון אַ סך מאָנאַטען, טיילען די אומענדליכע איינזאַמקייט און די שטילקייט פונ׳ם ים-לעבען, ווע־רען ווי מיטגלידער פון איין משפחה, דער פאָטער פון וועלכער עס איז דער קאַפּיטאַן. וואָס קלענער אַ שטוב איז, אַלץ אינטימער איז די ליבע וואָס פאַראייניגט די משפחה-מיטגלידער, און ס׳איז ניטאָ קיין קלענערע שטוב, ווי אַ שיף, מעג זי זיין ווי גרויס. איהרע פענס־טער זענען קליינינקע, איהרע קעמערלעך — קעסטעלעך; אָבער די פענסטער און קעמערלעך קוקען אַרוים צו אַ ווייטען און ברייטען האָריזאָנט. דער דיל איז דער ים און דער דאַך — דער הימעל; אין קיין שום אַנדער אָרט פיהלט נישט דער מענש אַזוי גלייכצייטיג זיין קליינקייט און זיין גרויסקייט. אַ שיף איז אַ נעסט וואָס הענגט צווישען צוויי בלויע מדבריות, און דער מענש ליבט און טראַכט דאָרט אַ סך, כפל׳ענדיג צערטליכקייטען און געדאַנקען מיט יע־נער אומענדליכקייט, וואָס רינגעלט איהם אַרום.

וויפיל קליינליכקייטען ווערען איבערגעלאָזט אויף דער יבשה, ווען די שיף דערווייטערט זיך פונ׳ם ברעג! וויפיל שנאות, וועלכע זעהן אונז אוים טיפע און שאַרפע, ווערען צערונען ווי אַ נעפּעל דורך דער זון אין יענעם ברייטען שטח פון וואַסער און הימעל! פאַראַן דאָרט צופיל וואַסער און צופיל ליכט, אַז דער שימעל זאָל קענען אויפקומען און וואַקסען; פאַראַן דאָרט צופיל ווענטילאַציע, אַז צעפוילטע שטאָפען זאָלען קענען אַנשטעקען די לופט און די נשמה פונ׳ם מענשען. די ליבעס, וואָס ווערען פון ים-מענשען אי־בערגעלאָזט אויף דער יבשה, בלייבען תמיד פריש און וואַרים אין זיין זכרון, און ווען ער קעהרט זיך אום פון וועג זענען זיי, מיט דער צייט, געוואָרען נאָך פיל פאַרשטאַרקטער. נישטאָ נאָך אַזאַ ליבליכער פאָטער צו די זייניגע ווי דער ים-מענש, וועלכער טראָגט די בילדער פון זיינע קינדער אין דער טיפעניש פון זיין האַרצען. געוויסע קושען קענען נישט געגעבען ווערען, סיידען נאָכ׳ן דורכ־

שניידען דעם אָקעאַן און האָבען געמאַכט אַ רייזע אַרום דער וועלט.

אויף דער יבשה האָב איך ליב צו זיין אַן ערד-אַרבייטער, און אויפ׳ן ים — אַ מאַטראָס.

* *

*

דאָס לעבען פון ים-מענש האָט זיך אויך זיינע שאָטענס.

סכנות, אַנגסטען אָהן אַן עק, מידקייט וואָס דערדריקט די שטאַרקסטע גלידער.

אומענדליכע פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס כאַפּט אַרום אַ ברייטען קרייז פון מענשען און זאַכען.

לאַנגע און זעהר אָפטע צעשיידונגען מיט די באַליבטסטע פון דער משפחה, מיט פריינט, מיט דער אייגענער היים און מיט דעם פאַטערלאַנד.

דער סוחר

אַלע, אַלע זענען מיר, מעהר-ווייניגער, סוחרים, ווארום עס געהט נישט דורך אַ טאָג, אַז מען זאָל עפּעס נישט קויפען אָדער פאַרקויפען: די פּרוכט פון אונזערע פעלדער אָדער פון אונזער וויסען; די עצה פון אונזער מוח אָדער די שעהנקייט פון אונזער וואָרט.

אָבער ס׳איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קלאַס בירגער, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט מסחר, אַוועקשטעלענדיג זיך צווישען דעם, וואָס פּראָדוצירט און דעם, וואָס נויטיגט זיך אינ׳ם פּראָדוצירטען. וואָס מעהר הענט עס געהט דורך אַ זאַך, איידער זי קומט אָן צום געברויכער, אַלץ טייערער ווערט די פּרייז, ווארום יעדע איינע פון די דאָזיגע הענט מוז דאָך באַקומען אַ פאַרדינסטעל, אַלס לוין פאַר זיין אַרבייט און זיין צייט. פאַראַן געוויסע זאַכען, וואָס קאָסטען פינף סענטים אויפ׳ן פּלאַץ, וואו זיי ווערען פּראָדוצירט, אָבער ווען זיי קומען, דורך אַ לאַנגער שורה מיט הענט, אין צענטער פון שטאָדט וואו זיי דאַרפען פאַרברויכט ווערען, — קאָסטען זיי שוין פופציג סענטים.

פון׳ם פּאַרקויפער פון אַ פושקעלע שוועבעלעך ביז׳ן באַנקיר ראָטשילד איז פאַראַן אַ ווייטער מהלך, אָבער מיר געפינען זיך אַלץ אין קעניגרייך פון האַנדעל. דער ערשטער פאַרקויפט פאַר פינף סענטים דאָס, וואָס ער האָט באַקומען פאַר פיר; דער צווייטער פאַרקויפט אין דער בירזשע פאַר צען מיליאָן דאָס, וואָס האָט איהם געקאָסט ניין.

פאַרקויפען טייער וואָס עס קאָסט זיך אַליין ביליג, קויפען ביליג וואָס עס וועט מאָרגען זיין טייער — דאָס איז דער אלף-בית פון די סוחרים; אָבער ווען מען דאַרף פון דעם אלף-בית צוזאַמענשטעלען זילבען, מאַכען גאַנצע זאַצען און גאַנצע רעדעס, ווערט שוין דער ענין פיל ערנסטער, און דערפאַר קען מען די געניטע סוחרים איבערצעהלען קוים אויף די פינגער.

בכדי צו זיין אַ פּערפעקטער סוחר, זענען נויטיג אַהן אַ שיעור מעלות.

פאַר אַלעמען דאַרף מען האָבען אַ גוט אויג, בכדי אויסצוּוועהלען, און זיך קיינמאָל נישט אָפּנאַרען, ווען צו פאַרקויפען און ווען צו קויפען. פאַראַן מענשען, וואָס ווערען געבוירען מיט אַזאַ גוטער נאָז, וואָס האָבען אַזאַ גוטען חוש הריח, אַז זיי שמעקען גלייך אָן אין דער לופט און פון גאָר ווייט עפּעס אַ גוט געשעפטעל. אַנדערע ווידער זעהן נישט דאָס העזעלע, ביז מען לעגט זיי עס נישט אַריין אין די הענט.

אַ צווייטע, וויכטיגע מעלה פון גוטען סוחר איז די עקאָנאָמיע. וועה איז דעם, וואָס וואַרפט אַרויס אין גאַס זיינע ערשטע פאַרדינטע הונדערט לירעס! די שווערסטע זאַך איז באַקומען דעם ערשטען הונדערטער, און ווער עס ווייסט נישט ווי אָפּצוהיטען די ערשטע הונדערט לירעס, האָט נישט וואָס צו חלום׳ען פון האָבען אַמאָל טויזענט.

אגב דאַרף מען אויך האָבען אַ סך געדולד. געדולד אָפּצוּוואַרטען דאָס פויגעלע, אָפּהיטען עס און כאַפּען.

ווער עס באַגעהרט רייך צו ווערען, ווען עס לאָקט דאָס

לעבּען פון שטאָדט און ער מאַכט דורך דעם פּיבּער פון געשעפטען, קען אויסוועהלען פאַר זיך די פּראָפעסיע פון סוחר.

אין מסחר איז נישט תמיד גוט אָנצוהויבּען מיט גרויסע קאַפּיטאַלען. אַ סך פון די גרעסטע פאַרמעגענס זענען געבּוירען דורך באַשיידענע באַשעפטיגונגען אין אַ שענק אָדער אין אַ קרעמעל. זעלטען טרעפט, אַז דער, וואָס ווערט געבּוירען רייך, זאָל וויסען פון עקאָנאָמיע, בּעת דער וואָס האָט געפיהלט וואָס עס הייסט צו פאַרשאַפען זיך אַ לירע, ווייסט ווי אָפּצושאַצען זי.

מסחר האָט אויך אין זיך די גרויסע מעלה, וואָס רייך-מאַכענדיג דעם יחיד, ווערט גלייכצייטיג רייך דאָס לאַנד. די ענגלענדער, וועלכע זענען די ערשטע סוחרים אין דער וועלט, האָבּען אויך אידעאַלע דיכטער און זייער גייסטיג לעבּען ווערט פאַררעכענט צווישען די ערשט-ראַנגיגע, כאָטש זיי מאַכען פונ׳ם קויף און פאַרקויף דעם וויכטיגסטען ענין אין זייער לעבּען.

פאַראַן בּיי מענשען אַ מיינונג, אַז מסחר איז אַן אומווירדיגע זאַך. אומווירדיג דאַרף פאַר אונז זיין יעדע פּראָפעסיע, ווען זי ווערט געפיהרט פון אומווירדיגע הענט, און נאָבּעל קען זיין דער האַנדעל, ווען ער געהט כסדר געאַרעמט מיט עהרליכקייט. כ׳מיין טאַקע... ווען דער סוחר פאַרדינט בּיי זיך אין קראָם אַן עהרליך שטיקעל בּרויט פאַר זיין פאַמיליע איז עס דען ווייניגער ווירדיג פון דער אַרבּייט פונ׳ם בּיוראָ-מענש, וועלכע שוויצט פון לאַנגווייליגקייט זעקס לאַנגע שעה אין טאָג, פלעקט איין פּאַפּירען און פאַרצעהרט זיין לעבּען אונטער איין דאַך מיט אַנדערע הונדערט אָנגעשטעלטע?

קינד מיינס, אויבּ דו וועסט דיך פיהלען גענייגט צו ווערען אַ סוחר, וועל איך זיך נישט געגענשטעלען און כ׳וועל דיך לאָזען טון וואָס דו פאַרשטעהסט, אָבּער איין זאַך וויל איך דו זאָלסט אין זינען האָבּען, אַלס לעצטער אידעאַל אין דיין לעבּען: דו זאָלסט פאַרלאָזען די קראָם און די סטויקע, איידער די עלטער וועט זיך אָנרוקען אויף דיינע פּלייצעס, בּכדי דו זאָלסט דיינע לעצטע יאָהרען קענען פאַרבּרענגען ערגיץ אויפ׳ן פרייען פעלד. און אַ צווייטע זאַך: אין

דיינע שטורעמדיגסטע ארבייטס-יאָהרען פון דיין יוגענט און אין דיינע מיטעלע יאָהרען זאָלסטו ווידמענען לפחות א שעה צייט אין טאָג דער פּאָעזיע, דער קונסט און דער ליטעראַטור.

ווער עס גיט זיך אָפּ כסדר און אויסשליסליך מיט מסחר קען, נישט ווילענדיג, אָנהויבען גלויבען אין געלט-גאָט און זיין הארץ זאָל פארשלאָסען זיין פאר אלץ, וואָס איז נישט קיין געלט, גאָלד אָדער באַנקנאָטען. א סך פון די, וועלכע פארגעטערען דאָס געלט און ווידמענען אלע טעג פון זייערע יאָהרען דער גייציגקייט פון אָנזאַמלען וואָס מעהר, קענען נאָכהער ניט געניסען דערפון, פונקט ווי עס טרעפט מיט דעם, וועלכער גרייט צו מיט גרויס מיה א טייער מאכל און נאָכהער זעצט ער זיך צום טיש אָהן אפּעטיט און מיט א קראַנקען מאָגען.

אין מסחר איז אויך לייכט צו פארלירען די איידעלקייט פון כאַראַקטער. גרויסע שפּיץ-קעפּ זענען פאַראַן ווייניג, אָבער האַל-בע שפּיץ-קעפּ, פערטעל שפּיץ-קעפּ און גאָר קליינינקע שפּיץ-קעפּ זענען אין דער מסחר-וועלט פאַראַן אָהן א שיעור און זיי זענען עס די, וועלכע פארטונקלען און פאַראומרייניגען די פּראָפּעסיע פונ׳ם סוחר.

ס׳איז כדאי אין זינען צו האָבען, אז מען קען רייך ווערען אויף אַן עהרליכען אופן, אז עהרליכקייט איז דער יסוד פאר קרעדיט, און אז קרעדיט הייסט שוין קאַפּיטאַל.

כ׳דערמאָן מיך א פאַל, ווען איך האָב געדענקט זיך אָפּגעבען מיט מסחר אין אַרגענטינע, האָט מיך א דאָרטיגער גרויסער סוחר צו וועמען מ׳האָט מיך געהאט רעקאָמענדירט, נישט געפרעגט צי איך האָב געלט, נייערט צי איך האָב קרעדיט.

און ווי קען באַקומען קרעדיט א מענש, וואָס איז נישט עהר-ליך און אויסגעהאלטען אין זיינע געשעפטען ?

דער אינדוסטריאַל

א ברודער אָדער סתם א נאָהענטער קרוב פונ׳ם סוחר איז דער אינדוסטריאַל, וועלכער באַנוגענט זיך נישט מיט פארקויפען דאָס,

וואָס אַנדערע פּראָדוצירען, נייערט ער פּראָדוצירט אַליין די סחורות וואָס ער פאַרקויפט, אָדער עס פאַרקויפען אַנדערע.

דער אינדוסטריאַל איז איינער פון די געוואונשענסטע בירגער אין זיין לאַנד, און ווען עס געלינגט איהם צו פּראָדוצירען עפּעס נייעס אָדער בעסערס, עפענט ער אַ גאָלד-גרוב פאַר זיין לאַנד.

די ענגלענדער און די נאָרד אַמעריקאַנער זענען די רייכסטע פעלקער אויף דער ערד, ווארום אין זייערע אינדוסטריעס שטעלען זיי צו אויסגעצייכענטע און גלייכצייטיג ביליגע פּראָדוקטען.

איטאַליע איז נאָך אָרים, ווייל זי פּראָדוצירט ווייניג און שלעכ-טע סחורות. ווען ס'איז געווען אַמאָל אַ פּלאַן צו אָנהויבען אַ האַנ-דעלס-פאַרקעהר צווישען איטאַליע און אינדיע, האָט זיך גלייך גע-שטעלט די פראַגע, וואָס וועלען מיר פאַרקויפען, און דער ענטפער איז געווען זעהר אַ טרויעריגער:

— סיידען לאָקשען!

פאַר די לעצטע יאָהרען האָט איטאַליע אַ סך געאַרבייט, בכדי נישט צו זיין די לעצטע אין דער שורה פון די אינדוסטריעלע לענ-דער, אָבער ס'איז נאָך פאַראַן זעהר פיל וואָס אויפצוטון.

אויב דו, קינד מיינס, וואָלסט וועלען שטודירען אַמאָל אַ ספּע-ציעלע אינדוסטריע אין אויסלאַנד און וואָלסט זי וועלען אַריבער-ברענגען אין דיין פאָטערלאַנד, וואָלט איך דיך געבענשט פון טי-פען האַרצען און וואָלסט געוואָרען אין מיינע אויגען דער געוואונ-שענסטער בירגער. ווען דו ווערסט דיר אומשפּאַנען איבער דיין פאַבריק און דו וועסט הערען דאָס פייפען פון מאָטאָר און דאָס גרילצען פון די רעדער און די גאַנצע האַרמאָנישע אַרבייט פון די מאַשינען, וועסטו מיינען, אַז דו ביסט אַ פּרינץ און אַ קעניג אין דער גרויסער לאַבאָראַטאָריע פון כוחות, דער האַר און באַלעבאָס פון אַ גרויס פאַרמעגען און פון אַן אומדערשעפּליכען אוצר.

דער קינסטלער

געבענשט זאָלסטו זיין, קינד מיינס, אויב דו וועסט אַמאָל קע-נען ווערען אַ קינסטלער, און געבענשט זאָל מיט דיר זיין די נאַ-

טור, וועלכע וועט דיך האָבען בּאַשאָנקען מיט דער שעהנסטער מתנה אין דער וועלט.

דער קינסטלער איז דער קאָנקורענט פון אַלמעכטיגען שעפער. מעג ער אַרבּייטען בּיים אויסקנעטען קיט אָדער ער זאָל אין זיין האַנט האַלטען דעם פּענזיל; ער איז דער כּישוף-מאַכער, וועלכער בּרענגט אַרויס פון שטומען, טויבען און האַרטען שטאָף, לעבּעדיגע קינדער, וועלכע רעדען צו דיר, וועלכע שמייכלען צו דיר אָדער זיי מאַכען דיך וויינען; ער בּאַדעקט מיט בּלומען די שטעגען און וועגען, אויף וועלכע עס טרעט דער מענש, און דאָס זענען בּלומען, וועלכע ווערען נישט פאַרוועלקט און זיי בּליהען אין ווינטער ווי אין זומער, אין דער הייזקע פון׳ם קבצן, ווי אין פּאַלאַץ פון׳ם פּרינץ, תמיד און איבּעראַל.

ווען דער מענש, פּונקט ווי אַלע אַנדערע חיות און בהמות, עסט, טרינקט און שלאָפט; ווען ער זעהט צוגעדעקט זיינע גלידער און ער בּויט זיך אויס אַ נעסט, פיהלט ער נאָך אין זיך אַ גאַנצע וועלט מיט נישט בּאַפרידיגטער ענערגיע, אַ וועלט, וועלכע ער וויל בּאַזעצען מיט נייע זאַכען; פיהלט ער אַ דראַנג צו פאַרגע-טערען שעהנע זאַכען און זיי שאַפען. נישט מעהר וואָס אַלע קענען פאַרגעטערען דאָס שעהנע; זעהר ווייניג אָבּער, קענען עס שאַפען.

די דאָזיגע זעהר ווייניגע הייסען קינסטלער, און דער מענש האַלט זיי העכער פון׳ם קעניג, פון׳ם קעמפער און אָפילו פון די וויסענשאַפטסלייט.

דעם קעניג, דעם קעמפער און די וויסענשאַפטסלייט שענקען די מענשען אַכטונג און מעגליך אויך דרך-ארץ; און ווען זיי שטאַר-בּען, גיט מען זיי נאָך דעם בּיליגען קרבּן פון אַ שטיקעל מאַרמאָר אָדער בּראָנז. בּיי די קינסטלער אָבּער, איז נישט נאָר דער ענטוזיאַס-טישער המון גיט זיי די דאָזיגע לעצטע און קאַלטע אָנדענק-זאַכען. גייערט, בּיים לעבען נאָך, בּאַקרוינט מען זיי מיט לאָרבּער-קרענץ און מיט רויזען, מען בּאַדעקט זיי מיט גאָלד און מיט פּערל, און מען דערהויבּט זיי בּיז׳ן הימעל מיט לויב-געזאַנגען. דאָס איז אפשר אַן אומגערעכטיגקייט, אָבּער די גערעכטיגקייט, וועה-געשריגען,

פאַרנעמט אזא קליינעם אָרט אינ׳ם מוח פונ׳ם מענשען, און יאָהר־הונדערטער לאַנג וועט נאָך דער המון הויבען און לויבען די שע־פּער פון דאָס שעהנע.

אָבער געדענק גוט, מיין קינד, אַז איך רעד דאָ פון זיין אַ גרויסער קינסטלער. אין דער קונסט דולדעט מען נישט קיין מי־טעלמעסיגקייט, און אויב ביי יעדער פּראָפעסיע איז נויטיג באַרוף, איז ער ביי קונסט נישט נאָר אומבאַדינגט נויטיג, נייערט עס מוז זיין אַ באַרוף — אַ שטאַרקער, אַ מעכטיגער, אַן אומבאַזיגבאַרער. בעסער אָדער ערגער, מיט מעהר ווילען און טאַלאַנט, אָדער מיט ווייניגער, קען מען דערגרייכען צו ווערען אַן אינזשעניער, אַ גוטער סוחר, אַ גוטער דאָקטאָר, אָבער אויב מ׳איז נישט גערופען צו דער קונסט דורך אַ שטימע פון הימעל, וועלכע זאָל אָפּקלינגען טאָג־איין, טאָג־אויס, און צו יעדער שעה, אין אַלע דיינע איינגעווייידען, און זאָל פון דיר נישט אַרויסשרייען: ווער אַ מאָלער, ווער אַ סקולפּטאָר, ווער אַן אַרכיטעקט; אויב מען פאַרמאָגט אין זיך נישט קיין ברע־נענדיגע ליבע און ליידענשאַפט, וואָס זאָלען באַזיגען אַלע שטרויכ־לונגען און שוועריגקייטען, וועט מען זיין נישט מעהר ווי אַ מי־טעלמעסיגקייט, דאָס הייסט דער אומגליקליכסטער פון די מענשען.

די מיטעלמעסיגע פאַרנעמען דעם גרעסטען טייל אין אַלע פּראָ־פעסיעס, און מען קען דערמיט זיין גליקליכע און אַפילו אויך נוצ־ליכע, אָבער אין קונסט איז די מיטעלמעסיגקייט לעכערליך, נאַ־ריש און קען דערפיהרען צו די גרעסטע אומגליקען.

די קונסט איז אַ לוקסוס אין לעבען; און אַ פאַלשער לוקסוס, וואָס איז צוגעקלעפּט מיט גומי און האַלט זיך אויף גלייך מיט דער הילף פון שפּילקעלעך, איז נאַריש, מיאוס און לעכערליך. לוקסוס איז בכלל נישט נויטיג, און ווער עס וויל דוקא לוקסוס, מוז צו־ערשט האָבען גרויסע פאַרמעגענס און כוחות אָנצוהאַלטען דעם לוקסוס.

דער מיטעלמעסיגער קינסטלער איז אַ בעטלער, וואָס בעטעלט אַ נדבה, אָנגעטון אין געגילדעטען פּאַפּיר, אַ פּרעטענדענט אויפ׳ן טראָן אָהן סאָלדאַטען; דער לעבעדיגסטער און גרויזאַמסטער אוים־

דרוק פונ׳ם כ׳וויל און כ׳קען נישט, דער שרעקליכס-
טער גרויל, וואָס עס קענען ווען ליידען אדם׳ס קינדער.
טראַכט דיך אריין, קינד מיינס, אין די אַלע זאַכען.

*   *

*

אויב דו וועסט מיינען, אַז דו ביסט באַרופען צו זיין אַ קינסט-
לער, פאַרלאַז דיך קיינמאָל נישט אויף די חנ׳דעלעך און לויב-רייד
פון דיין משפחה אָדער פון דיינע חברים, נאָר טראָג אַוועק דיינע
ערשטע פּרואוון צו אַ גרויסען און אנערקענטען מאַלער, וועלכער
שטעהט שוין הויך אויף דעם לייטער פון קונסט, און קען שוין
נישט פיהלען קיין קנאה. זאָלסט דאָרטען וועגען יעדען זשעסט
זיינעם, יעדען שמייכעל, יעדער וואָרט, וואָס איז געצילט, צוליב
העפליכקייט וועגען, צו פאַרהוילען דעם אמת׳דיגען אמת פון זיין
מיינונג. אויב דיינע ערשטע פּרואוון דערוועקען אין איהם נישט
גלייך זיין ענטוזיאַזם; אויב דער מייסטער, צו וועמען דו ביסט גע-
קומען, כאַפּט דיך נישט ארום ווי אַן אייגענעם און ער פּראָקלאַ-
מירט דיך נישט אלס זיין קאָלעגע; אויב ער באַגנוגענט זיך מיט
זאָגען: נישט שלעכט... פאַראַן עפּעס אין
דעם... און נאָך אַזעלכע זאַכען, זאָלסטו גלייך אָנהויבען צווייפ-
לען אין דיין באַרוף, און געה אַוועק, און נעם אויפסניי לערנען,
אויפסניי אַרבייטען איבער זיך, בכדי אין אַ צייט אַרום זאָלסטו
ווידער קומען פאַר׳ן מייסטער ער זאָל דיין ריכטער זיין.

וויפיל קינסטלער זענען פאַראַן, וועלכע האָבען אַזוי נישט גע-
טון, און זיי זענען געווען נאַריש-פאַרגלויבט אין זיך, האָבען לסוף
פאַרענדיגט דערמיט, וואָס זיי האָבען געמוזט מאָהלען מוסטערען
פאַר די קראָמען און פאַרפולען די שטאָדט מיט געצקעס, וועלכע
מען פאַרקויפט טוצענווייז פאַר געצעהלטע סענטימען.

וויפיל קינסטלער האָבען גע׳חלומט מיט אַ מיקעל אַנדזשעלאָ,
אַ ראַפאַעל, און האָבען נישט דערגרייכט מעהר, ווי פאַרדינען דאָס
וויסטע שטיקעל ברויט פאַר זייער משפחה. און אנשטאַט צו גע-
ניסען פון אַ רוהיגען און שטילען לעבען, ביי וועלכער עס איז אַנ-

דער פּראָפעסיע, האָבּען זיי פאַרבּראַכט זייערע יאָהרען און טעג אין כסדר'דיגע ליידען, אין אַ בּיטערער קנאה צו אַלץ און צו אַלע־מען, אין אַ מין כראָנישער משוגעת, וועלכע האָט זיי געטריבּען צו בּייסען וועמען זיי האָבּען נאָר אויף זייער וועג אָנגעטראָפען.

אָ, ווי לעכערליך עס זענען די דאָזיגע קינסטלער, וועלכע שטע־לען זיך צופרידען מיט דערקלעהרען זיך אַלס אַזעלכע, און זיי פאַר־לאָזען זיך לאַנגע האָר, און זיי קליידען זיך אין מגושם'דיגע מלבּו־שים, און אין ספּעציעלע הוטען!...

אָ, ווי פּאַטעטיש עס זעהן אויס די דאָזיגע „אויפגעקומענע" אין דער קונסט, וועלכע שטורמען געגען דער קריטיק, ווייל זי גלויבּט נישט אין זייער טאַלאַנט און זי וויל זיי נישט געבּען כאָטש אַ בּרעקעלע פּלאַץ אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון בּאַרג...

* *

*

ס'כאַפּט מיך אָן אַ גרויל, קינד מיינס, ווען כ'גיבּ אַ טראַכט אינ'ם אומגליק, אין וועלכען דו וואָלסט אַריינגעפאַלען, ווען דו זאָלסט דיך נעמען צו דער קונסט, אָהן נויטיגען בּאַרוף צו איהר, הגם כ'האָבּ דיר בּיז איצט נאָר געוויזען די שאָטענס אין דער פּראָפעסיע און נישט איהרע ליכטיגע זייטען.

אויסער שאָטען פאַרמאָגט אויך די פּראָפעסיע ליכט, אַ העלע און פאַרשידענפאַרבּיגע ליכט, פאַרשידענער נאָך פונ'ם רעגענבּוי־גען. ווייניג מענשען אויף דער וועלט זענען אַזוי גליקליך ווי דער גרויסער קינסטלער.

איינער אַליין אין זיין אַטעליע, אַנטקעגען דעם ווערק, וואָס איז געבּוירען אין זיין מוח, זעהט ער עס וואַקסען פון צווישען זיינע הענט, זעהט ער עס אָננעמען אַ פאָרם, ווערען לעבּעדיג און אָנ־הויבּען רעדען צו איהם. יעדען טאָג גלעט ער דאָס ווערק מיט אַ צערטליכען בּליק און ער מאַכט עס שעהנער. נאָכדעם, ווי עס זענען שוין פאַראַן די בּיינער, בּאַקליידט ער זיי מיט פלייש, און אָט פאַרטיגט ער אַרויס די קליידער, און ער פאַרבּט זיי און פוצט זיי אויס, בּיז ער גיט דעם לעצטען שמיר מיט'ן פּענזיל און דאָס

ווערק איז פאַרטיג — אַ ווערק, וואָס איז אָטעם פון זיין אָטעם, פאָרם פון זיין פאָרם, זיין גאַנצע נשמה איבערגעטראָגען דורך זיין פּענזיל אויף אַ טויטען לייווענט.

דעמאָלט באַטראַכט דער קינסטלער זיין ווערק מיט פאַרלעג־טע הענט, מיט אַ פאַרליבטען בליק, און פול מיט פרייד רופט ער אויס: „ד אָ ס א י ז מ י י ן ק י נ ד! ד אָ ס א י ז מ י י ן ו ו ע ר ק! כ׳ ו ו ע ל ש ו י ן ק י י נ מ אָ ל נ י ש ט אָ פּ־ ש ט אַ ר ב ע ן פ אַ ר ד ע ר ו ו ע ל ט!“

און צו דער אינטימער צופרידענהייט פונ׳ם שעפער, וועלכער איז אויסער זיך פון זיין קינד, קומט צו די באַוואונדערונג פונ׳ם המון, די אנערקענונג פון די מבינים — די אינטעלעקטואַלען, דער כבוד און געלט, מיט וועלכען עס ווערט אויסגעוועבט אַ קרוין ארום זיין קאָפּ. נאָך דער אַנגעשטרענגטער ארבייט, קומען די לאַנגע אָפּרוה־טעג, בכדי זיך אָנצוזאַפּען מיט נייעם זאַפט פון דער נאַטור און קענען אָנהויבען אַ ניי קונסט־ווערק. און דער לוקסוס דרינגט אַריין דורך גאָלדענע כוואַליעס אין די ברייטע טירען פון קינסט־לער׳ס הויז, און זיין אַטעליע ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ מוזעאום פון שעהנע זאַכען, געגען וועלכע די אַלטע קונסט־ווערק זענען אַ נול, און דער רוהם פון לאַנד זעהט אויס צו ווערען נאָך גרעסער מיט׳ן נייעם רוהם, מיט וועלכען דער קינסטלער האָט עס באַשאָנ־קען!

דער אינזשעניער

אַ סך ווערען אינזשעניערען, ווייל זיי מיינען, אַז איבער׳ן טומעל ארום דער בויאונג פון באַהן־ליניעס דאַרף זיין ארבייט פאַר אַלעמען, און אויף לעבען וועט אודאי נישט פעהלען.

זיי טראַכטען זיך נישט אַריין, צי זיי זענען באַרופען דערצו, נייערט זיי יאָגען זיך נאָך אַ שלעכט־פאַרשטאַנענעם אינטערעס. דערפאַר האָבען מיר איטאַליענער אַזוי פיל מיטעלמעסיגע אינזשע־ניערען, וועלכע פיהרען אַ ביטער לעבען, און פאַרשאַפען אַ קנאַ־פען כבוד דעם לאַנד.

די פּראָפעסיע פון אינזשעניער האָט אויך נויטיג א ספּעציע-לען בארוף צו צייכנונג און מאַטעמאַטיק. פון די ערשטע שפּילע-רייען ביים קינד קען מען זעהן וועלכעס פון זיי ס'איז געבוירען צו ווערען שפּעטער א טעכניקער. אזעלכע קינדער מאָהלען מענשע-לעך אויף דער דעק פון זייער שול-באַנק, זיי בויען אויף קאַנאָנען, פארשידענערליי מאַשינען, און זיי זענען תמיד די בעסטע אין מאַ-טעמאַטיק. מען דאַרף דערצו נאָך צוגעבען פעסטקייט אין מוס-קולען און שנאה צו א זיצענדיגען לעבען, און דעמאָלט האָסטו פאַר דיר דעם שטאָף פאַר א צוקונפטיגען אינזשעניער.

דאָס איז א פּראָפעסיע, אין וועלכער מען קען זיין זיכער צו אויפטון גוטע זאַכען, וועלכע זאָלען דויערען און אַלעמען געפעלען. זאָלען עס זיין וועגען אָדער האַפענס, הייזער אָדער פאבריקען, קומט אַלעמאָל ארויס פונ'ם אינזשעניערס האַנט א ווערק, וואָס באַפעס-טיגט די מאַכט פונ'ם מענשען אויף דער ערד. דער אינזשעניער פארוואַנדעלט די אויבערפלאַך פון פּלאַנעט אין אַן אנגענעהמער היים פאַר חוה'ס קינדער; ער גלייכט אוים בערג און הויבט אויף אַנ-דערע נייע; ער צעשיידט איין קאָנטינענט פונ'ם צווייטען און ביל-דעט אינזלען, און ער מאַכט אויך פארשווינדען אינזלען, בכדי צו פאראייניגען זיי מיט'ן קאָנטינענט. אַלס האר און טיראַן איבער יבשה און ימים, פיהרט ער אריין וואַסער דאָרט, וואו עס איז פאַ-ראַן ערד, טרוקענט ער אוים אָזערעס און ער בויערט דורך בערג. ער איז דער תקון טעות אין געאָגראפיע און געאָלאָגיע. און דאָס אַלץ טוט ער אָהן אויסשמירען זיך די הענט, נייערט בלויז מיט'ן ברעכיגען שפּיץ פון זיין בלייפעדער.

אַן אינזשעניער איז געווען דער, וועלכער האָט דערפונדען די דאַמף-שיף, און אינזשעניערען זענען געווען די, וועלכע האָבען זי פּערפעקציאָנירט; אַן אינזשעניער איז געווען דער, וועלכער האָט, מיט'ן סועץ-קאַנאַל, אָפּגעטיילט אַפריקע פון אזיע, דערנעהענטע-רענדיג אויף א סך טויזענטער מיילען אינדיע צו אייראָפּע; אינ-זשעניערען זענען די, וועלכע צעשפּאַלטען אמעריקע אויף צוויי, בכדי צו דערנעהענטערען די ציוויליזירטע פעלקער פון אויסטראַ-

ליע, צו כינע און פּאָלינעסיע; אינזשעניערען וועלען אויך, וואָהר־שיינליך, זיין די, אַ דאַנק וועלכע מיר וועלען קענען פאָהרען אין רוים, מיט דער זעלביגער לייכטקייט, מיט וועלכער מיר שניידען דורך די כוואַליעס פון אָקעאַן.

געבענשט זאָלען זיין די הענט, וואָס האָבען אויפגעבויט דעם ערשטען פּאָליטעכניקום אין איטאַליע! געבענשט זאָלען זיין די, וואָס האָבען אַנטוויקעלט די פּראָפעסיע פון אינזשעניער אין אונזער לאַנד! הלואי וואָלטען געווען וואָס ווייניגער אַדוואָקאַטען און וואָס מעהר אינזשעניערען!

ווען דער אינזשעניער קומט שוין אויף דער עלטער, און עס קומען די יאָהרען פון אָפּרוה, קען ער אין זיין אייגענעם צימער באַנעמען די נוצען, וואָס ער האָט געבראַכט דער מענשהייט, דורך באַטראַכטען די צייכנונגען פון זיינע בוי־אַרבייטען, וועלכע באַציהרען די ווענט. יענע בריקען, יענע הייזער, יענע טונעלען האָבען נישט עקזיסטירט פאַר איהם, וועלכער האָט זיי פאַרטראַכט און געמאַכט. רייד ווערען פאַרלוירען מיט'ן ווינט און טעאָריעס זענען אָפט נעפּלען, וועלכע די זון צעפּרעסט און פאַרצעהרט, אָבער הענט בלייבען איבער, אויף אייביג בלייבען זיי.

די פּראָפעסיע פון אינזשעניער איז אויך גוט דערמיט, וואָס ס'איז פאַראַן אין איהר אַ גלייכגעוויכט צווישען זיצענדיגער און באַוועגליכער אַרבייט, צווישען גייסטיגער און פיזישער אָנשטרענגונג.

פּערפעקטע הייסען די אַלע פּראָפעסיעס, וועלכע, פּונקט ווי די נאַטור אַליין, מישען זיי אַרבייט מיט רוה צוזאַמען אַרבייט פון מוח און אַרבייט פון מוסקולען — אַ וואָג, וועלכע גיט אונז דעם טאָג און די נאַכט, דעם זומער און דעם ווינטער, דעם פריה־לינג און דעם האַרבסט.

פאַר די אַלע טעמים איז די פּראָפעסיע פון אינזשעניער ווירקליך די געזונטסטע פון אַלע העכערע גייסטיגע פּראָפעסיעס.

דער אַדוואָקאַט

אין איטאַליע ווערען פאַרשטאַנען אַלע צווייגען, וואָס קומען אַרויס פונ׳ם בוים פון יוריספּרודענץ, אונטער׳ן אַלגעמיינעם נאָמען: „שטודירען דאָס געזעץ".

דער, וועלכער לערענט דעם קאָדעקס, וואָס רעגירט זיין לאַנד און רעגירט אַנדערע לענדער, איז דער גינסטיגסטער מענש צו אָנווענדען די געזעצען, אויסטייטשען זיי און פאַרטיידיגען זיי; און ווער עס קען גרונטליך דעם יסוד, אויף וועלכען עס שטיצען זיך די ווענט פון דער גרויסער געביידע די מענשליכע געזעלשאַפט, קען זיין דער ריכטער, וואָס באַפרייט און פאַר׳משפּט אָדער דער אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיגט דעם אומשולדיגען אָדער באַשיצט דעם שולדיגען.

קינד מיינס, פאַר׳ן שטודירען דאָס געזעץ טראַכט דיך דריי מאָל אַריין אין דעם. אַ סך מיינען, אַז צו דעם דאָזיגען שטודיום איז נישט נויטיג קיין ספּעציעלע נייגונג, און דערפאַר טרעפט, אַז ווער עס האָט פיינט מאַטעמאַטיק און ער קען נישט אָנצייכענען דאָס מינדסטע מענשעלע, ווי אויך יענער, וועמען עס עקעלט זיך מטפּל צו זיין אַרום אַ לייכע, נעמט זיך שטודירען דאָס געזעץ.

דאָס געזעץ איז אַ גרויסער טאָפּ, אין וועלכען עס ווימלען אַ סך מיטעלמעסיגקייטען, וואָס טויגען צו גאָרנישט; רייכע פּוילענצער, וועלכע געהן אין אוניווערזיטעט צו באַקומען אַן אַקאַדעמישען טיטול, ווי אויך קליינע מענשעלעך מיט קליינע, גאָר קליינע השגות, פאַר וועלכע דער העכסטער אידעאַל איז צו באַקומען אַ שטעלעכעל, בכדי זיי זאָלען סוף חודש קענען איבערצעהלען אַ מאָגערען געהאַלט, אָהן קאָפּ-דרעהעניש און אָהן דאַרפען צופיל איינשטעלען, און זיי זאָלען, מיט לאַנגזאַמע אָבער זיכערע טריט, קענען שטייגען אויף דעם דאָזיגען לייטער פון ביוראָקראַטישע יעראַרכיעס, וואו פון אַן איינפאַכען שיק-אינגעל ווערט מען מיט דער צייט דער שעף פון דער אָפּטיילונג. און אין דעם דאָזיגען גרויסען טאָפּ זידען און קאָכען, לעבען די קליינע מענשעלעך מיט די קליינע

השגות, אַנדערע הונדערטער פאַרשווינדלעך, וועלכע האָבען ליב מלחמות אָהן בלוט און זייער גרעסטע הנאה זענען אינטריגעלעך, רכילות׳לעך און באַרעדענישען.

איך האָב תמיד געטראַכט, אַז די צאָהל אַדוואָקאַטען איז כסדר אין היפוך מיט דער גרויסקייט פון אַ פאָלק. דאָרט, וואו דאָס פאָלק איז נאָך יונג און שטאַרק, ווילען די מענשען בעסער האַלטען אין האַנט די פיקע פון מינען-אַרבייטער, דעם רידעל פון פויער, אַנשטאַט די פען פון די טינט-שמירער. דאָרט אָבער, וואו די געזעלשאַפט איז שוין אַן אַלטע און אַ מידע, ווי אויך אַ צעפּרעסענע פון אַלטע פאַראורטיילען, שווימעלט עס און גריבעלט מיט אַדוואָקאַטעלעך, טינט-שמירער, באַאַמטע, רכילות-טרייבער און אַנדערע מינים פאַרשווינדלעך, וועלכע אין זייער אויסטייטשען דאָס געזעץ מאַכען זיי פינסטער דאָס, וואָס איז קלאָהר, און אין זייער אויספּלאָנטערען איין קנויל, מאַכען זיי הונדערט נייע קנוילען.

אָבער, קינד מיינס, כ׳באַמערק, אַז איך שרייב איצט עפּעס ווי נישט פאַר דיר, נישט פאַר דיין פאַרשטאַנד, אָבער איך מוז... איך מוז מיר אָראָפּרעדען פון האַרץ.

דער טיטעל אַלס דאָקטאָר אין געזעצען קען אויך, פונדעסטוועגען, דיר עפענען די טויערען צום פּאַלאַץ, וואו עס ווערט געפיהרט גערעכטיגקייט. קענסט ווערען דער פאָרזיצענדער פון העכסטען געריכט, און אויפ׳ן פעלד פון יוסטיץ זאָלסטו זיין גרעסער פונ׳ם קעניג און פונ׳ם פּאַרלאַמענט.

ווען דו וועסט האָבען באַקומען דיין דאָקטאָר-טיטעל, וועסטו דיר קענען אויסקלייבען איינעם פון די אומצאָהליגע וועגען אויף דעם דאָזיגען דערנער-פולען פעלד.

דערצו איז נויטיג אַן אומבאַשטרייטבאַרע אָרענטליכקייט. אינ׳ם ריכטער, אינ׳ם אַדוואָקאַט, אינ׳ם פּאָליטיקער און אין אַלע אומגעהויער-גרויסע גרופּירונגען פון באַאַמטע, איז די אָרענטליכקייט די הויפּט-זאַך. זיי זענען עס די היטערס פון דעם ריינעם קוואַל, וואָס קומט פון די פאַרשנייטע בערג-שפּיצען אונטער׳ן הימעל — דער קוואַל, וואָס פליסט טראָפּענווייז דורך בערג און דורך

תהום׳ען און ווערט צעטיילט אויף ריטשקעס און טייכען, וועלכע זעטיגען און קרעפטיגען די ערד, אויף וועלכער עס וואוינען די מענשען. וועה איז צו דעם שומר פון קוואל, וועלכער הויבט אן פארקוקען און פארנאכלעסיגען, ביז דער קוואל ווערט פארשטאפט און אונטערבראכען!

* *

*

די פראפעסיעס, וואס קומען ארויס פונ׳ם געמיינזאמען שטאם פון דער יוריספרודענץ, זענען אזוי פיל אין צאהל און אזעלכע פארשידענארטיגע, ווי עס זענען פיל און פארשידען די נייגונגען פון דער מענשליכער קענטעניש. און כשם זיי פאדערען פארשידענקייט אין טאלאנט, איז עס אויך א זאך פון געשמאק.

אויב דו האסט נישט ליב קיין קאמף, אויב דו ווילסט א רוהיג לעבען, א שטילם און אהן שטורעמס און אויפטרייסלונגען, פארטרוי דיך איינעם פון די קלענערע שיפעלעך, וואס פיהרען צום האפען פון רעגירונגס-שטעלעס.

אויב אבער, עס צינדט דיך אן דער קאמף, און דו פארמאגסט לייכטקייט אין ווארט און לעבעדיגקייט אין דיין פאנטאזיע, ווער אן אדוואקאט.

אויב דו ביסט באמת דורשטיג נאך גערעכטיגקייט, אויב דו ביסט דורכגעדרונגען מיט׳ן ווילען, אז דער אמת זאל זיגען, ווער א ריכטער.

אויב דו האסט ליב דיין פאטערלאנד מעהר פון אלץ אין דער וועלט, אויב דו האסט שוין א סך געלערענט און ווילסט נאך ווייטער לערנען, אויב דו ביסט א הייסער קעמפער, אויב דו ווילסט איבערלאזען טיפע שפורען אין דער געשיכטע פון דיין לאנד, — ווער א פאליטיקער.

און אויב אינ׳ם פאליטישען קאמף דארפסטו נעמען די פען אין האנט און ווערען אויף א טאג אדער אויף א יאהר א זשורנאליסט, זאלסטו אויף דיין שרייב-טיש, אויסקריצען אויף דיין טינטער און וואו נאר דו וועסט קענען, די דאזיגע איינציגע דריי ווער-

טער: אָ ר ע נ ט ל י כ ק י י ט, אָ ר ע נ ט ל י כ ק י י ט, אָ ר ע נ ט ל י כ ק י י ט! טראַכט דיך אַריין אין דער געזונטער און אַמאָל פאַר׳סמענדיגער מאַכט פון דעם דאָזיגען אינסטרומענט, וואָס קען טויטען און ראַטעווען, וואָס קען פאַרדאַרבען און דערציהען, וואָס קען מאַכען זינדיג און עהרליך דעם מענשען — ד י פ ע ן פ ו ן ד ע ם ז ש ו ר נ א ל י ס ט.

אויב אין אָנהויב וועסטו דיך זעהן אין אַ קליינער געזעלשאַפט און וועסט מיינען, אַז דו ביסט בלויז צווישען געצעהלטע, איז אויב איהר וועט נאָר אַלע האָבען מוט, וועט איהר בילדען אַ לעגיאָן, און גאָר אינגיכען וועלען בלייבען זעהר ווייניג שלעכטע און עמי-הארצים.

דער דאָקטאָר

קינד מיינס: האָסטו ליב די מענשליכע נאַטור, און בכדי זי צו שטודירען און זיין נאָהענט צו איהר, האָסטו נישט מורא פאַר׳ן עיפּוש פון דער לייכע, און פאַרן גרויל פון צעיאָטערטע וואונדען?

שרעקט דיך נישט, נישט צו קענען האָבען קיין איין פרייע שעה, און עס קימערט דיך נישט די אומדאַנקבאַרקייט פון די מענ-שען, די חוצפּה פון גראָבע יונגען, און עס גרוילט דיך נישט צו נעמען אויף דיינע פּלייצעס יענעמס צער און וועהטאָג?

קינד מיינס: עקעלט דיך נישט צו ווערען גערופען, ווייל מען דאַרף דיך, און באַלד זאָל מען דיך פאַרגעסען איבער׳ן אומחן וואָס עס רופט אַרויס דער גרעסטער טייל פון דיינע פּראָפעסיע-חברים?

אויב אויף דער ערשטער פון מיינע פראַגען קענסטו ענטפע-רען מיט אַ יאָ און אויף די אַנדערע מיט אַ ניין, דעמאָלט קענסטו דיך אָנגורטען מיט מוט און נעם לערנען מעדיצין.

אויב אויף צו ווערען אינזשעניער זענען נויטיג ספּעציעלע ניי-גונגען, דאַרף מען האָבען, אויף צו ווערען דאָקטאָר, אַ פעסטע אַנטשלאָסענקייט, וועלכע זאָל קענען באַזיגען אַלע שטרויכלונגען און שטערונגען.

* *

*

בכל אופן, אויב דו ווילסט שטודירען אויף דאָקטאָר-מעדיצין, פאַרפיהר צוערשט אַ שמועס מיט איינעם אַ דאָקטאָר פון פּראָווינץ און מיט אַ צווייטען פון דער שטאָדט, און בעט ביי זיי אַן עצה.

דו וועסט זיי דאַרפען אויסהערען און נאַכהער וועסטו דיר קענען שאַפען אַן אייגענע מיינונג.

*   *

*

וואָס וועלען דיר זאָגען די דאָזיגע צוויי דאָקטוירים?

זיי וועלען דיר זאָגען, אַז איידער דו וועסט ווערען דאָקטאָר, וועסטו דאַרפען לערנען אַנאַטאָמיע אויף אַ קאַלטען מאַרמאָרנעם טיש, אויף וועלכען אָפּגעהאַקטע אברים און צעפוילטע געדערים שאַפען אַן עקעלהאַפטיג בילד, און וועסט דאַרפען לערנען קליניק ביי אַ בעט, לעבען וועלכען נויט און צער זענען נאָהענטע חברים.

זיי וועלען דיר זאָגען, אַז די קאַריערע, וואָס פאַרוואַנדעלט אַ גימנאַזיסט אין אַ דאָקטאָר-מעדיצין איז איינע פון די לענגסטע און שווערסטע. אַז ווען דו האָסט שוין באַקומען דעם טיטול און דו מיינסט שוין צו קענען ענדליך אַריינקומען אין האַפען, וועסטו פלוצים דעריזעהן פאַר דיינע אויגען פעלזען-שטיינער, וועלכע באַדראָהען דעם גוטען גאַנג פון דיין שיפעלע.

דער מעדיקער פון פּראָווינץ וועט דיר זאָגען, אַז ער איז דער שקלאַף פון די שקלאַפען, אַז ער ליגט אין די הענט פון בירגער-מייסטער, גביר און אַפּטייקער פון שטעדטעל, און אַז ס'איז גענוג עס זאָל עמיצען האָבען נישט באַקומען אַ טעלערל לאָקשען, מען זאָל דיך מעגען אַרויסשלעפען פונ'ם וואַרימען געלעגער אין דער קאַלטסטער נאַכט פון ווינטער און מען זאָל דיך צווינגען צו פאָהרען שעה'נווייז אונטער דער גליהענדיגער זון אין סאַמע זומער.

ער וועט דיר זאָגען, אַז דו וועסט דערנידעריגט ווערען פון רייך און פון אָרעם, און אַז נאָך אַ גאַנץ יאָהר מאַטערניש וועסטו קוים קענען שליסען דיין באַלאַנס אָהן חובות.

דער מעדיקער פון שטאָדט וועט דיר זאָגען, אַז פאַר די ערשטע יאָהרען פון זיין פּראַקטיק האָט ער אַפילו אויף פריהשטיג נישט פאַרדינט.

ווערסט פון איהם הערען, אַז נאָך עטליכע יאָהר פון אומבאַצאָהלטער דינסט אין אַ שפּיטאָל, האָט ער זיך דערשלאָגען צו אַ שטיקעל באַצאָהלטער שטעלע, בעת די איבעריגע צייט מוז ער שענקען פאַר וויזיטען צו קרובים, פריינט, באַקאַנטע און חברים, וועלכע ווערען באַצאָהלט מיט אַן „אַדאַנק"... און אַז עס מאַכט זיך שוין אַמאָל עמיצער שטעקט דיר אַריין אַ לירע אין האַנט פאַר אַ וויזיט, האָט ער דיך גערופען אָהן צוטרוי, דיך אויסגעהערט אָהן צוטרוי, נאָכדעם ווי דו האָסט פאַרלוירען אַ האַלבע שעה בלויז אויף אָמניבוסען און טראַמוואַיען צוצוקומען צום פּאַציענט. נאָך אַ לאַנגער צייט פון דורכמאַכען איינפאַך דעם גינהום טרעפט, אַז דיינער אַ פּאַציענט רעקאָמענדירט דיך צו אַ צווייטען, אַלס אַ ביליגער דאָקטאָר און אַלס נישט קיין באַרייסער. און דער משרת ביי דער טיר, וועמען דו האָסט אָהן געלט אויסגעהיילט פון אַ ערנסטער קראַנקהייט, רעקאָמענדירט דיך וואַרעם צום באַלעבאָס, וואו ער דינט, און דער דאָזיגער הויבט דיך אָן אויספּרואווען אויפ'ן רויהען לייב פון זיין קוכער אָדער פון זיין וועשנע. און ווען דיר איז שוין געלונגען אין דיין ראַיאָן צו אויסשפּרייטען די ערשטע פעדים פון אַ נעץ פון געטרייע פּאַציענטען, קומט אַ צווייטער קאָלעגע דיינער און מיט ברודערליכער ברייטהאַרציגקייט, נוצט ער אויס אַן אומגליקס-פאַל ביי דיינעם אַ פּאַציענט, בכדי אַרויסצולאָזען אויף דיר דעם שם, אַז דו ביסט אַן עם-הארץ און אַ גאָרנישט, אָדער ער טראַכט סתם אויס אַ רכילות'ל, דורך וועלכען דו ווערסט צו חוזק און געלעכטער ביי אַלעמען, און דעמאָלט פאַרלירסטו פּלוצים די פּרוכט פון אַזוי פיל יאָהרען אַרבייט און לעהרע.

ער וועט דיר דערצעהלען פונ'ם מיאוסען שטיקעל אַרבייט פון דיינעם אַ פריינט, וועלכער אַנטלויפט מיט צעהן גאַסען ווייטער, ווען ער דערזעהט דיך נאָר, פּשוט ווייל ער איז דיר שולדיג אַ שעהנע מטבע פאַר אומצאָהליגע וויזיטען ביי איהם אין הויז, פון

וועלכע דו האָסט איהם פון טויט לעבעדיג געמאַכט; און ער וועט דיר איבערגעבען וועגען די שטרענגע און גרויזאַמע פאָדערונגען פון פּאַציענט, פון געריכט, פון דער רעגירונג און פון יעדען איינעם וואָס באַטראַכט דיך פאַר קאַנאָנען-פלייש, אויף וועלכען מען קען טרעטען אָהן רחמנות. און ס׳איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדען פון דער נאָכאַנאַנדיגער סכנה צו אָנשטעקען זיך מיט קראַנקהייטען, ווי אויך נישט פון דעם אַנגסטיגען, אומרוהיגען און שטורעמדיגען לעבען, אָהן באַשטימטע שעה׳ן פאַר אָפּרוה און געניס.

* *

*

קינד מיינס, אין די דאָזיגע בילדער, אויב ס׳איז נישט אין-גאַנצען אמת, איז אַ גרויסער טייל דערפון זעהר אמת.

דו דאַרפסט זיך פאַרטראַכטען און אַרויפלעגען אויף די וואָג-שאָלען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין דער פּראָפעסיע פון מע-דיצין-דאָקטאָר.

פאַראַן אַ סך דאָקטוירים פון פּראָווינץ, און נישט ווייניג אויך פון שטאָדט, וועלכע פיהרען אַ גליקליך לעבען, כאָטש זיי זענען נישט קיין באַריהמטקייטען, און די באַריהמטקייטען פעהלט דאָך אודאי גאָרנישט. זיי ווערען געליבט פון אַלעמען, שאַפען זיך שנעל אַ באַשיידענע פּאָזיציע און זיי זענען דערמיט צופרידען. זיי ווייסען ווי צו פאַרגעסען שנעל אין די אומדאַנקבאַרע און זיי געדענקען כסדר די אויסדרוקען פון סימפּאַטיע און אנערקענונג. זיי טרייס-טען דעם חולה מיט זייער גוט וואָרט, זיי פיהרען אַן אַקטיווען לע-בען און האָבען כסדר אַ גוטען אַפּעטיט און אַ רוהיגען שלאָף. זיי לאַכען זיך אויס פון אינטריגעלעך און רכילות׳לעך אַרום זיי, און זיי האָבען, באַזונדערס, גרויס הנאה דערפון, וואָס זיי זענען נוצ-ליכע און וואָס זיי דערפילען אַ הומאַניטאַרע פליכט. זיי ברענגען פאַר אַ סך חולאים די רפואה און דאָרט, וואו ס׳איז קיין רפואה ני-טאָ, ברענגען זיי אַ טרייסט, וואָס שטאַרקט דעם חולה און שטילט

איהם די וועהטאַגען. זיי ווערען נישט סתם אַזוי זיך פון אָרים — רייך. ווער נאָך קען זיך מיט דער מעלה באַריהמען?

* *
*

פונדעסטוועגען, קינד מיינס, אויב דו זאָלסט אויסוועהלען פאַר דיר די פּראָפעסיע פון מעדיצין-דאָקטאָר, שטרעב צו ווערען אַ באַ-ריהמטקייט. דעמאָלט וועט דיר זיין נישט נאָר גוט, נייערט זעהר גוט.

דער גרויסער דאָקטאָר איז איינער פון די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. ער קען דעם מענשען אינערליך און אויסערליך. ווען ער קומט אַריין אין הויז, וואו עס זענען פאַראַן צרות, וואַרט מען איהם אָפּ מיט אומגעדולד, מען נעמט איהם אויף מיט פאַר-געטערונג און ער ווערט באַגריסט מיט אַ ברכה אויף די ליפּען.

דער מיליאָנער, דער פּרינץ און דער קעניג ווערען קליין ווי אַ מילב, ווען זיי געפינען זיך פאַר׳ן דאָקטאָר, און מיט אַ בעטענדיג קול ווילען זיי פונ׳ם דאָקטאָר ער זאָל זיי געבען לעבען דורך זיין וויסענשאַפט, שענקען כאָטש נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה. דער דאָק-טאָר האָט דעמאָלט צו זיינע פיס אַלע מענשליכע שוואַכקייטען און נישטיגקייטען.

אין סאַמע מיטען פון ליידען און קראַנקהייטען, באַקומט דער גרויסער און גוטער דאָקטאָר די שעהנסטע און דופטיגסטע בלום פון לעבענס-גאָרטען. פאַר איהם זענען די אומבאַוואוסטזיניגע שמייכלען פון קינד, די צערטליכקייטען פון דער פרוי, די פאַרגע-טערונג פונ׳ם המון און אַפילו דאָס גאָלד פון די רייכע. ער מעג און דאַרף אָננעמען פולע הענט מיט געלט אין דער קאַסע פונ׳ם רייכען, בכדי צו קענען באַהילפיג זיין די אָרימע.

ווען אַ סך דאָקטוירים וואָלטען זיך נישט פאַרנומען אויפ׳ן וועג פון העסליכע געשעפטען אין דער פּראָפעסיע, וואָלט די פּראָפעסיע נישט געווען אַזוי געפאַלען אין אויג פונ׳ם המון, ביי וועלכען עס האָט קיין שום ווערט נישט אַלץ, וואָס באַצאָהלט זיך ווייניג אָדער מען גיט אינגאַנצען אומזיסט.

און פאַרוואָס זאָל קומען דעם מעדיציין-דאָקטאָר צו באַצאָהלען ווענ‍יגער ווי דעם אדוואָקאַט, דעם אינזשעניער און נאָך דאַרטען וועמען?

דער דאָקטאָר קען ראַטעווען דאָס לעבען פון דעם, וואָס איז נאָך נישט געבוירען, ער קען פאַרוואַנדלען אַ קראַנק און שוואַך קינד אין געזונטסטען מענשען. ער קען אויסגלייכען דעם הויקער און מאַכען רעדען אַ שטומען, און ער קען אומקעהרען די ליכט פון דער זון אַ בלינדען.

ער קען פאַרוואַנדלען דאָס געוויין פון אַ גוסס אין פריידיגען שמייכעל פון אַ גליקליכען מענשען. ער קען שטילען דעם צאָרן און אָפּהאַלטען די האַנט פון׳ם זעלבסטמערדער, און ער קען מיט זיינע עצות פון היגיענע פאַרדאַפּלען אַ פאָלק און פאַרבעסערען דעם שיקזאל פון אַ ראַסע.

די דאָזיגע אַלע גוטע און גרויסע זאַכען קען, קינד מיינס, אויפטון אַ דאָקטאָר... נו, זאָל דער דאָקטאָר נישט זיין פאַרגלויבט אין זיך און נישט זיין שטאָלץ צו קענען אָנפיהרען מיט אַזוי פיל כחות?

* *

*

צום סוף פון די דאָזיגע שריפטען, וועלכע דער פעטער באַטשו-טשיאָ האָט אָנגעשריבען פאַר אַ קינד, וועלכעס ער האָט געמיינט אַמאָל צו האָבען, און זענען נאָכהער אַריבער צו זיין פּלימעניק, עריקאָ, געפינען מיר די דאָזיגע באַמערקונג:

„אויב אין מיינע בלעטלעך געפינסטו קיין איין וואָרט נישט וועגען דער פּראָפעסיע פון׳ם סאָלדאַט, איז עס נישט ווייל איך האָס די דאָזיגע פּראָפעסיע, אָדער ווייל איך זאָל זי האָבען פאַרגעסען. נייערט ווייל איך רעקאָמענדיר דיר דערצו די פּרעכטיגע ביכער פון דע אַמיטשיס, וואו דו וועסט זעהן געשילדערט און געמאָהלען אַלע אידעאַלען פון אַ פּראָפעסיע, וועלכע דער פאָרשריט פון דער מענש-ליכער געזעלשאַפט וואָלט שוין באַדאַרפט אַמאָל אויסמעקען פון איהרע ביכער״.

* *

*

XVI

עריקאָ קעהרט זיך אום אַ געזונטער קיין טורין.

בעת איך רעד מיט אייך וועגען פּעטער באַטשיטשיאָ און איך דערצעהל אייך וועגען דער פּראַקטישער פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט געלערנט מיט זיין פלימעניק, איז עריקאָ, אַ דאַנק דעם גוטען קלי־מאָט פון סאַן טערענזאָ, אַ דאַנק דעם לעבען אויפ'ן ים און אין פּעטער'ס גאָרטען, פולשטענדיג געזונט געוואָרען, אַזוי אַז קיינער האָט אין איהם נישט דערקענט מעהר דעם אַמאָליגען מאָגערען און בלאַסען אינגעל, וועלכער איז מיט איינינע מאָנאַטען צוריק געקומען פון שטאָדט.

דער פּעטער האָט איהם ליב באַקומען ווי אַן אייגען קינד און ער האָט איהם געוואָלט נאָך האָבען איינינע מאָנאַטען מיט זיך. אָבער זיינע עלטערן און דער הויז־דאָקטאָר האָבען עריקאָ'ן אַרויס־געפאָדערט אַהיים קיין טורין, ווען זיי האָבען דערהערט, אַז ער איז שוין פולקאָם געזונט. ס'איז געגאַנגען צו האַרבסט, די פאַמיליע האָט זיך געגרייט צו פייערען דעם יום־טוב פון ארונטערנעמען די ווינטרויבען, און מ'האָט געוואָלט, אַז עריקאָ זאָל אויך נישט פעה־לען אויף דעם דאָזיגען יום־טוב.

מיט אַזעלכע אַרגומענטען און מיט אַזעלכע אַדוואָקאַטען ווי

אַ טאַטע און אַ מאַמע, האָט פּעטער באַטשיטשיאַ נישט געקענט דערוואַרטען קיין זיג, און מיט אַ טיפען זיפץ פון האַרצען, האָט ער געמוזט שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק ווידער צו נעמען פיהרען זיין איינזאַם לעבען.

אַ טאָג פאַר עריקאַ'ס אַוועקפאָהרען, האָט דער פּעטער איהם איינגעלאַדען אויף אַ פריהמאָרגען-שפּאַציר קיין סעראַ, אַ קליין שטעדטעל אויף דעם סאַמע הויך פון באַרג, וואָס באַהערשט די לעריטשי-געגענט, און דאָרט, זיצענדיג ביידע אויף אַ באַנק אין אַ שפּאַציר-גאָרטען, האָט דער פּעטער באַטשיטשיאַ נאָכאַמאָל און ווי-דעראַמאָל איינגעקייעט מיט זיין פלימעניק זאַכען און געדאַנקען, וואָס האָבען אַ שייכות געהאַט מיט עריקאַ'ס צוקונפט.

לסוף האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופען:

— עריקאַ מיינער, זאָלסט אין דיין לעבען אַריינלעגען די גרעס-טע דאָזע אידעאַל, וואָס דו וועסט קענען, אויב דו ווילסט זיין צו-פרידען מיט'ן לעבען, אויב דו ווילסט נישט, אַז דאָס לעבען זאָל פאַר דיר פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קללה פון גאָט. זאָלען אַלע דיינע טאַטען אַרויסגערופען ווערען פון דיין האַרץ און קאָרעגירט ווערען פון דיין שכל. כ'האָב דיר עס שוין נישט איין מאָל געזאָגט, אָבער כ'וועל קיינמאָל נישט מיד ווערען דאָס איבערצו'חזרען:

אַ האַרץ אָהן דעם קאָפּ, הייסט אַ זעגעל-שיף אָהן אַ רודער.

אַ קאָפּ אָהן דעם האַרץ, הייסט אַ רודער אָהן זעגלען.

קאָפּ און האַרץ צוזאַמען, הייסט האַרמאָניע פון אַלע אָנשטרענגונגען פון שכל און געפיהל, הייסט אַ גוטער און קלוגער מענש, הייסט אַ פּערפעקטער מענש.

* *
*

עריקאַ האָט געשוויגען, אָבער זיינע אויגען זענען ביי איהם געווען רויטע. נאָך קיינמאָל ביז יענעם טאָג האָט פּעטער באַטשי-

טשיאַ נישט גערעדט צו איהם אויף אַזאַ אופן, מיט אַ קול, וואָס איז דורכגעווייקט געווען אין טרעהרען. עריקאַ האָט געטראַכט, אַז יענער שפּאַציר איז געווען דער לעצטער און אַז ער וועט שוין נישט פיהרען מעהר קיין שמועסען מיט זיין פעטער.

זיי האָבען, שטילשווייגענדיגע, אַראָפּגענידערט פון באַרג, ווען פלוצים האָט אַ קאַנאָנען-שאָס, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון ספּע-ציאַ, איבערגעריסען די שטילקייט.

— וואָס איז דאָס געווען, פעטער ?

— דאָס איז די שעה פון רוים, עריקאַ; האַלבער טאָג פּונקט-ליך, וואָס ווערט דורכ׳ן טעלעגראַף-דראָט געמאָלדען פון קאַפּיטאָ-ליום אין אַלע פאַרפעסטיגטע שטעדט פון איטאַליע. דאָס איז די אייביגע שטאָדט, דאָס איז דאָס האַרץ פון׳ם פאַטערלאַנד, וואָס גיט איבער, אין איין צייט, איהר האַסטיג שלאָגען צו אַלע גלידער. היינט איז די שעה פון רוים אויך די שעה פון גאַנץ אי-טאַליע. ווען איך בין נאָך געווען אַזאַ קינד, ווי דו היינט, האָב איך גאַרנישט גע׳חלומט, אַז פאַר מיין שטאַרבען זאָל איך הערען דאָ אין ספּעציאַ די שעה פון קאַפּיטאָליום, ווי מ׳הערט זי, גלייכצייטיג, אין ווענעדיג, אין פּאַלערמאָ, אין מילאַן און אין נעאַפּאָל.

דאָס האַרץ פון אונזער פאַטערלאַנד איז איין איינציגס; די קעפּ צו דינען דעם האַרץ און די הענט צו מאַכען דאָס האַרץ שטאַרק און גרוים, זענען אומצאָהליגע. עריקאַ מיינער, האָב ליב דיין פאַ-טערלאַנד, האָב עס ליב שטאַרק, האָב עס ליב אייביג. דאָס איז דאָס שעהנסטע לאַנד אין דער וועלט; א י ך זאָג דאָס דיר, איך, וואָס בין עס אויסגעפאָהרען די וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט.

זי האָט געגעבען ציוויליזאַציע גאַנץ אייראָפּע און זי איז פאַר-אומגליקט געוואָרען אויף לאַנגע יאָהרהונדערטער. די שעה פון רוים באַגריסט אונז אַלע טאָג; לאָמיר ענטפערען אויף דער באַגרי-סונג פון דער אייביגער שטאָדט.

דער פעטער באַטשיטשיאַ און עריקאַ האָבען אַנטבלויז זייערע

קעפּ, און שטילשווייגענדיג האָבּען זיי זיך אָוועקגעלאָזט אויף דעם וועג, וואָס פיהרט קיין סאַן טערענזאָ, פון וואַנען ער איז גלייך ארויסגעשקיט געוואָרען אַהיים צו זיינע עלטערן.

סוף.

* *

תקון טעות

אויף זייט 28 נאָך דער פערטער שורה איז אויסגעלאָזען געוואָרען פאָלגענ־דע שורה:

אַ ערד וואָס פארלירט שווער און לאַנגזאַם דאָס וואַסער, וואָס—א.א.וו.

אינהאַלט:

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער — 3
צו עדמונדאָ ד'אַמיטשיס — 7
I.— עריקאָ ווערט געשיקט קיין סאַן טערענזאָ, אין ספּעציאַל־דורכגנג, אין הויז פון פעטער באַטשיטשיאַ — 9
II.— עריקאָ'ס ערשטע לעקציע אין זיין פעטער'ס גאָרטען. — די זעקס סאָסנע בוימער. — די גערשטען פון נאָרוועגען און דער איינגעשפּאַרטער שפּאַראַג — 18
III.— דער קאַלענדאַר פאַר גוטע טהאַטען — 29
IV.— אַ הונט צעבייסט דריי קינדער. — די ענגלענדער ווייגען קיינמאָל נישט... — 52
V.— אַ שפּאַציר איבער'ן ים אונטער שאַרפע ווינטען. — די ווילע פון מאַרקיז x** — 63
VI.— לאַוריטאַ וויל פאַרלעשען די זון — 72
VII.— די גרינע פלאַש. — די פּאַפּיר־טרעטער און דעם פעטער באַטשיטשיאַ'ס שטעקענס. — דער אַלטער קאַסטען און זיינע רעליקוויעס — 79
VIII.— אין גאָרטען — אַן אָנדענק אין יעדער פלאַנצונג. — אַ באַזוך ביים נאָטאַר. — די געשיכטע פון דער גאָלדענער מטבע. — די איידעלקייט פון אַ פלאַט־קאַפּיטאַן — 87
IX.— אַ זונטאָג אויפ'ן פלאַץ — 106
X.— נאָך אַלץ אויפ'ן פלאַץ. — די אויפגעקומענע — 118
XI.— אויפסניי אין גאָרטען. — די ערד און די לימענע־בוימער — 126
XII.— די געשיכטע פון איפּסילאָן — דער רעטער פון גאַריבאַלדי'ן — 134

XIII.— אַ געשלעג אַנטקעגען ים־ברעג. — אַן אומדאַנקבאַרער — 146

XIV.— די ים־כוואַליעס און די מענשען־כוואַליע. — די ווערט פון די מ'ענשען און דער אופן ווי זי צו מעסטען — 161

XV.— דער אויסוואַהל פון אַ פּראָפעסיע. — דעם פעטער באַ־טשיטששיאַ'ס זכרונות. — דאָס בילד פון פאַרשידענע

פּראָפעסיעס — — — — — — — — — — — — — 171

דער ערד־אַרבייטער — — — — — — — — — — — 177

דער ים־מענטש — — — — — — — — — — — 185

דער סוחר — — — — — — — — — — — — — 187

דער אינדוסטריאַל — — — — — — — — — — 190

דער קינסטלער — — — — — — — — — — — 191

דער אינזשעניער — — — — — — — — — — — 196

דער אַדוואָקאַט — — — — — — — — — — — 199

דער דאָקטאָר — — — — — — — — — — — — 202

XVI.— עריקאַ קעהרט זיך אום אַ געזונטער קיין טורין — — — — 208

דרוקעריי „קולטור", סאַרמיענטאַ 2157 — ב. איירעס

בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג

ג. קאַפּלאַנסקי

קאָריענטעס 2614 — בוענאָס איירעס

* * *

דער גרעסטער אויסוואַהל פון אַרגענטינער אידישע אויסגאַבען
און אַלגעמיינע אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

לער־ביכער, קינדער־ביכלעך, דראַמען
און איינאַקטערס, לידער און מוזיק.

אַלערליי צייטונגען און זשורנאַלען באַקומט מען
שטענדיק אויפ'ן לאַגער.

עסקריטאָריע־אַרטיקלען

אַלערליי שרייב־געצייג, קאָמערציעלע ביכער, קאָפּיאַדאָרען,
אַקטען־ביכער און אַלץ וואָס איז נויטיג צו עסקריטאָריע.

אַלערליי דרוק־אַרבייט אין אידיש און שפּאַניש,
שטעמפּלען און איינבינדעריי.

אידישע שול־העפטען מיט בילדער און לידער
פון אידישע שרייבער.

קאַטאַלאָגען ווערען געשיקט יעדען ווער עס פאַרלאַנגט.

אַלעס אין דער בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג

G. KAPLANSKY

CORRIENTES 2614, U. T. 47-Cuyo 2883, Buenos Aires.